STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05686

TROTSKIZM

Moissaye J. Olgin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טראָצקיזם

טראָצקיזם

טעאָריע און פּראַקטיק

פון

מ. אַלנין

פאַרלאַג אידביורא

1937

Copyright, 1937, *by*
JEWISH BURO PUBLISHING CO.
35 East 12th Street
New York City

●

הויפּט־פאַרקויף:
פרייהייט בוך סטאָר
35 איסט 12טע גאַס
ניו יאָרק

209

אינהאלט

זייט

ארייַנפיר — — — — — — — — — — — — — — — 3

ערשטער קאַפּיטל

טראָצקי'ס קאַריערע — — — — — — — — — — — — — — 8

צווייטער קאַפּיטל

די סאָציאַלע באַזע פון טראָצקיזם — — — — — — — — — — 18

דריטער קאַפּיטל

דעפיניציע פון טראָצקיזם — — — — — — — — — — — — — 26

פערטער קאַפּיטל

סאָציאַליזם אין איין לאַנד — — — — — — — — — — — — 32

פינפטער קאַפּיטל

די רעוואָלוציע און דאָס פּויערטום — — — — — — — — — — 43

זעקסטער קאַפּיטל

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד — — — — — — — — — — — — — 60

זיבעטער קאַפּיטל

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי — — — — — — — — — — — — — 83

אַכטער קאַפּיטל

די אַנגלאָ־רוסישע קאָמיטע — — — — — — — — — — — — 107

נייַנטער קאַפּיטל

די כינעזישע רעוואָלוציע — — — — — — — — — — — — — 112

צענטער קאפיטל

דער דריטער פעריאד — — — — — — — — — — — — — — 151

עלפטער קאפיטל

די סיטואציע אין דייטשלאנד און די פראגע פון סאציאל־פאשיזם 154

צוועלפטער קאפיטל

די טראצקיסטן אין די פאראייניקטע שטאטן — — — — — — 169

דרייצנטער קאפיטל

טראצקי דער היסטאריקער — — — — — — — — — — — — 198

פערצנטער קאפיטל

די געפאר פון טראצקיזם — — — — — — — — — — — — — 206

פופצנטער קאפיטל

טראצקי און די אידן — — — — — — — — — — — — — — 222

אַרײַנפֿיר

דעם ערשטן דעצעמבער 1934 איז פֿאָרגעקומען אַ טראַגישע געשעעניש אינעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד: סערגעי קיראָוו, אַ גרויסער פֿירער פֿון די סאָוועטישע מאַסן און אַ מיטגליד פֿון דער פּאָליטישער ביוראָ פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, איז דערשאָסן געוואָרן דורך איינעם, וואָס האָט אױף אים אָפּגעוואַרט אין אַ רעגירונגס־געביידע אין לענינגראַד. דעם 21טן דעצעמבער האָט די סאָוועטישע רעגירונג געלאָזט וויסן, אַז דער מערדער, ניקאָלאַיעוו, איז געווען אַ מיטגליד פֿון דעם אַזוי־גערופֿענעם „לענינגראַדער צענטער" פֿון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן — אַ טעראָריסטישע גרופּע, וועמעס צוועק עס איז געווען צו דערמאָרדן די העכסטע באַאַמטע פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

מיר לייענען אין דער אָפֿיציעלער מעלדונג:

> „די אונטערזוכונג האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז דער מאָטיוו פֿאַר דעם טויט פֿון קיראָוו'ן איז געווען אַ פּלאַן פֿון אָט דער אונטערערדישער אַנטי־סאָוועטישער גרופּע צו דעזאָרגאַניזירן די פֿירערשאַפֿט פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג דורך טעראָריסטישע אַקטן, וואָס זיינען געווענדעט קעגן אירע הויפּט־פֿירער, און דורכדעם ברענגען אַן ענדערונג אין דער פּאָליטיק לויט דער ליניע פֿון דער אַזוי־גערופֿענער זינאָוויעוו־טראָצקי פּלאַטפֿאָרמע. . . . ס'איז געווען נאָך אַ באַזונדערער מאָטיוו פֿאַר דעם טויט פֿון קיראָוו'ן: קיראָוו האָט צעבראָכן די לענינגראַדער גרופּע פֿון די געוועזענע זינאָוויעוו־אָפּאָזיציאָנערן סיי אידעאָלאָגיש, סיי פּאָליטיש."

עטלעכע טעג שפּעטער זיינען זינאָוויעוו, קאַמענעוו און 17 מיטגלידער פֿון אַן אַנדערער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער גרופּע, דעם אַזוי־גערופֿענעם „מאָסקווער צענטער", אַרעסטירט געוואָרן און אוועקגעשטעלט געוואָרן פֿאַרן געריכט. בײַם פֿאַרהער האָט זינאָוויעוו, דערקענענדיק די הילפֿלאָזיקייט פֿון זיין לאַגע, דערקלערט:

„אָט-דער העסלעכער מאָרד האָט געוואָרפן אַזאַ אומהיימלעך ליכט אויף דעם גאַנצן פריערדיקן אַנטי-פּאַרטייאישן קאַמף, אַז איך אָנערקען, אַז די פּאַרטיי איז אַבסאָלוט גערעכט, ווען זי רעדט וועגן דער פּאָליטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער געוועזענער אַנטי-פּאַרטייאישער זינאָוויעוו-גרופּע פאַר דעם באַגאַנגענעם מאָרד.”

מיטגלידער פון דעם מאָסקווער צענטער, אָנערקענענדיק זייער שולד, האָבן דערקלערט, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען די דעגענעראַציע, וואָס האָט געפירט צום מאָרד. אַזוי האָט יעוודאָקימאָוו דערקלערט:

„מיר זיינען געווען אָפּגעטיילט פון דעם ווירקלעכן לעבן פון דעם לאַנד און מיר האָבן זיך כסדר געקאָכט אין אונזער אייגענעם זאַפט. אונזערע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע פאַרבינדונגען זיינען פאַרשטאַרקט געוואָרן אין אונז. פאַרבלענדעט דורך דעם ביטערן צאָרן קעגן דער פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי, האָבן מיר ניט געזען, וואָס עס טוט זיך אין די שטעט און דערפער. מיר האָבן ניט געזען די קאָלאָסאַלע דערפאָלגן פון סאָציאַליסטישן אויפבוי. די געוואַלטיקע היסטאָרישע פּראָצעסן פון אונזער לאַנד, וועלכע האָבן באַאיינפלוסט די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער-באַוועגונג, זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַר אונז אומבאַמערקט. מיר האָבן אָפּגעשאַצט די שוועריקייטן, וואָס שטאַמען פון דעם וואוקס-פּראָצעס אינעם לאַנד, ווי דאָס טוען שונאים; מיר האָבן זיך געפרייט מיט אַ בייזער פרייד איבער די דורכפאַלן, און מיר האָבן באַשולדיקט די פּאַרטיי-פירערשאַפט פאַר אָט-די דורכפאַלן.

„מיר האָבן ניט געזען דאָס, וואָס יעדער רענק-און-פייל-מיטגליד האָט געזען. מיר האָבן ניט באַמערקט דעם וואוקס אינעם באַוואוסטזיין פון קראַפט, פון אייניקייט פון דער פּאַרטיי. מיר האָבן גערעדט וועגן סטאַלינ'ען מיט בייזוויליקע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע אינסינואַציעס. מיר האָבן באַשולדיקט די פּאַרטיי-פירערשאַפט, אַז זי האָט ניט גענומען קיין מיטלען צו אַקטיוויזירן די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער-באַוועגונג. מיר האָבן רכילות'דיק באַהויפּטעט, אַז דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט פאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פון אָט-דער באַוועגונג.”

אַן אַנדער מיטגליד פון דער גרופּע, באַשקיראָוו, האָט דערקלערט: „ניקאָלאַיעוו'ס שאָס האָט זיך גענומען פון דעם פאַקט, וואָס ער האָט געקראָגן זיין דערציאונג אין קאָנטר-רעוואָלוציע אין דער טראָצקי-זינאָוויעוו-אָרגאַניזאַציע.”

דעם 19טן אויגוסט 1936, אַנדערהאַלבן יאָר נאָך דעם ערשטן משפּט איבער דעם „מאָסקווער צענטער”, באַ וועלכן זינאָוויעוו און קאַמענעוו זיינען פאַר'משפּט געוואָרן צו געפענגעניש, האָט אין מאָסקווע

זיך אָנגעהויבן אַ נייער פּראָצעס — דער פּראָצעס פֿון 16, צווישן וועלכע עס געפֿינען זיך אויך זינאָוויעוו און קאַמענעוו. דער באַשולדיקונגס־אַקט האָט דערקלערט:

> „ווי עס איז איצט פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, האָבן די אונטערזוכונגס־אָרגאַנען און דאָס געריכט ניט געהאַט צוריק מיט אַנדערטהאַלבן יאָר, אין דער צייט פֿון דער אונטערזוכונג וועגן דער קיראָוו־דערמאָרדונג, די אַלע באַווייזן, וואָס דעקן אויף דיווירקלעכע ראָלע פֿון די זינאָוויעווישע פֿירער אינעם אַזוי־גערופֿענעם „מאָסקווער צענטער" און פֿון די פֿירער פֿון דער אונטערערדישער טראָצקיסטישער גרופּע אין די ווייס־גוואַרדייאישע אונטערערדישע טעראָריסטישע טעטיקייטן. אַפֿן גרונט פֿון די לעצטנס־אויפֿגעדעקטע באַווייזן אין פֿאַרבינדונג מיט דער אויפֿדעקונג אין 1936 פֿון אַ צאָל טעראָריסטישע גרופּן פֿון טראָצקיסטן און זינאָוויעווצעס האָט די אונטערזוכונג פֿעסטגעשטעלט, אַז זינאָוויעוו, קאַמענעוו, יעוודאָקימאָוו, באַקאַיעוו זיינען געווען די דירעקטע אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער קיראָוו־דערמאָרדונג און אויך די איניציאַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פֿון די פּרוּוון, וואָס זיינען געווען צוגעגרייט צו דערמאָרדן די אַנדערע פֿירער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג און אַז די זינאָוויעווצעס האָבן אָנגעפֿירט זייער פֿאַרברעכערישע פּראַקטיק אין דירעקטן בלאָק מיט טראָצקיסטן און מיט טראָצקי'ן פּערזענלעך."

דער באַשולדיקונגס־אַקט האָט ווייטער דערקלערט:

> „נאָכדעם ווי דער טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישער צענטער איז צעשמעטערט געוואָרן אין פֿאַרבינדונג מיטן קיראָוו־מאָרד, האָט טראָצקי, וועלכער האָט פּערזענלעך איבערגענומען די פֿירערשאַפֿט פֿון טעראָריסטישע טעטיקייטן אינעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אָנגעהויבן שטאַרק צו פֿאַרשנעלערן די אָרגאַניזירונג פֿון דער דערמאָרדונג פֿון סטאַלינ'ען און וואָראָשילאָוו'ן. האָבנדיק דאָס אינזינען, האָט ער אונטערגענומען אַ צאָל מיטלען צוריק איינצושטעלן טעראָריסטישע גרופּן אינעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד; זען, אַז זייער אַרבעט זאָל זיין מער אַקטיוו, שיקנדיק פֿאַר דעם צוועק זיינע פֿאַרטרויענסווערטע אַגענטן פֿון אויסלאַנד קיין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד."

די זעכצן אָנגעקלאָגטע האָבן פֿאַרן אָפֿענעם געריכט, אין דער אַנוועזנקייט פֿון אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן און אויסלענדישע באַאָבאַכטער, זיך מודה געווען אין די פֿאַרברעכנס, אין וועלכע מען האָט זיי באַשולדיקט. זיי האָבן אויך אָנגעוויזן, אַז זייערע צוגרייטונגען צו

דערמאָרדן וויכטיקע סאָוועטישע פירער זיינען פאָרגעקומען אין פאַר־
בינדונג מיט דער געהיים־פּאָליציי פון די נאַציס — דער „געשטאַפּאָ".

דעם 23טן יאַנואַר 1937 האָט אין מאָסקווע זיך געעפנט דער
משפט איבער 17 אָנגעקלאָגטע, וואָס האָבן געהערט צו דעם „פּאַראַלעלן
צענטער" אונטער דער אָנפירונג פון טראָצקי'ן. דער „פּאַראַלעלער
צענטער" האָט געאַרבעט זייט בא זייט מיט דעם „מאָסקווער צענטער".
צווישן די אָנגעקלאָגטע האָבן זיך געפונען ראַדעק, פּיאַטאַקאָוו, סאָקאָל־
ניקאָוו, סערעבריאַקאָוו. זיי אַלע האָבן זיך מודה געווען, אַז אונטער
דער אָנפירונג פון טראָצקי'ן און לויט זיינע ספּעציפישע דירעקטיוון
האָבן זיי ניט נאָר געפּלאַנעוועט צו דערמאָרדן סאָוועטישע פירער, נאָר
זיי האָבן דורכגעפירט אַ ריי טעראָריסטישע און שעדיקער־מעשים:
אָרגאַניזירט דעם אויפרייס פון בעמישע פאַבריקן, פון קוילן־גרובן און
אַ גרויסע צאָל באַן־קאַטאַסטראָפעס, אין וועלכע עס זיינען אומגעקומען
אַ סך אַרבעטער און רויט־אַרמייער. זייער שעדיקער־אַרבעט האָבן זיי
געווענדעט אַזוי, אַז דאָס זאָל פאַרקריפּלען די קריגס־אינדוסטריען און
דעם מיליטערישן טראַנספּאָרט. אויך האָבן זיי געטאָן שפּיאָן־אַרבעט
פאַר דער דייטשישער און יאַפּאַנעזישער רעגירונג — לויט אַ פאַר־
שטענדעניש פון טראָצקי'ן מיט דעם היטלער־אַגענט העס און מיט
יאַפּאַנעזישע אַגענטן, אַז ווען עס וועט זיך אָנהויבן אַ מלחמה פון
דייטשלאַנד און יאַפּאַן קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלן די טראָצ־
קיסטן זיי העלפן דורך אָרגאַניזירן אומרוען, אויפרייסונגען, שעדיקעריי
אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און דערפאַר וועלן יענע מעגלעך מאַכן די
טראָצקיסטן צו פאַרכאַפּן די מאַכט. אַלס באַלוינונג, האָבן דערקלערט
די אָנגעקלאָגטע, האָט טראָצקי פאַרשפּראָכן היטלער'ן אוקראַינע און
די יאַפּאַנעזישע אימפּעריאַליסטן — דעם סאָוועטישן וויטן מזרח.

אין די אַלע פּראָצעסן, אין דעם עדות־זאָגן פון די אָנגעקלאָגטע
און אין די אַנדערע געריכט־מאַטעריאַלן שפּרינגט אַלעמאָל אַרויס דער
נאָמען טראָצקי אין פאַרבינדונג מיט אַן אַטאַקע אויף דער באָלשעוויס־
טישער רעוואָלוציע. עס האַנדלט זיך שוין מער ניט וועגן אָפּאָזיציע,
וועגן קריטיק. עס האַנדלט זיך וועגן מעשים. קיראָוו איז פאַרניכטעט
געוואָרן. דאָס נייע רוסלאַנד איז באַרויבט געוואָרן פון אַ טאַלאַנטפולן,
מוטיקן און שטאַרק־באַליבטן פּראָלעטאַרישן בויער פון דער סאָציאַליס־
טישער סיסטעם. די טעטיקייט פון אויפרייסן פאַבריקן, גרובן, צוגן,
רויט־אַרמייאישע טראַנספּאָרטן האָט באַצוועקט צו שטעלן שטרויכ־

לונגען דעם גאנג פון סאָציאַליסטישן אויפבוי. די קלעפּ זיינען געווען געווענדעט קעגן דעם סאַמע האַרץ פון דער רעוואָלוציע.

„די טראָצקיסטישע מערדער". „די טראָצקיסטישע באַנדיטן". „די אַגענטן פונעם פאַשיזם". אַט אַזוי האָבן די סאָוועטישע מאַסן באַצייכנט די באַנדע פאַרשווערער. און נאָכאַמאָל האָט אַ ריזיקע כוואַליע פון האַס זיך געהויבן צווישן מיליאָנען פריינט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איבער דער גאַנצער וועלט קעגן אָט־דעם מאַן — טראָצקי'ן.

ווער איז ער? וואָס איז אַזוינס טראָצקיזם? וואָס זיינען די סאָציאַלע וואָרצלען פון טראָצקיזם? וואָס פאַר אַ אינטערנאַציאָנאַלע ראָלע שפּילט די טראָצקי־גרופּע?

דאָס פאָלגנדיקע איז אַ פּראָבע צו געבן אַן ענטפער אויף אָט־די פראַגן.

ערשטער קאַפּיטל

טראָצקי׳ס קאַריערע

טראָצקי רופט זיך אַליין: „דער אמת׳ער באָלשעוויק־לעניניסט”. פּונקט אַזוי האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע העלדן פון דער דייטשישער רעוואָלוציע, נאָסקע, שיידעמאַן, סעווערינג, זיך גערופן: „אמת׳ע מאַרקסיסטן”. טראָצקי האָט ליב צו פּאָזירן ווי דער לעצטער פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערע פיגורן, וואָס טראָגט מיט זיך די טראַדיציעס פון לענינ׳ען. פאַראַן מענטשן, דער עיקר צווישן דעם אינגערן דור, וועלכע דענקען וועגן טראָצקי׳ן ווי וועגן אַן „אַלטן באָלשעוויק”. וואָרים אין אמת׳ן — איז ער דען ניט געווען אַ פירער פון דער רעוואָלוציע אין 1917? איז ער דען ניט געשטאַנען אין דעם שפּיץ פון דער רויטער אַרמיי צווישן 1918 און 1921?

אָט זיינען די פאַקטן:

טראָצקי האָט אָנגעהויבן זיין פּאָליטישע קאַריערע אַרום דעם אָנהויב פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט. אין 1903, ווען די גרויסע צעטיילונג צווישן די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס האָט אָנגענומען אַ באַשטימטע פאָרמע, האָט טראָצקי זיך פאַראייניקט מיט די מענשעוויקעס. אין דער אָדער יענער פאָרמע האָט ער געקעמפט קעגן באָלשעוויזם ביז שפּעט אינעם זומער פון 1917. פון צייט צו צייט פלעגט ער איינשטימען מיט דעם אָדער יענעם פּונקט פון דער באָלשעוויסטישער פּראָגראַם, אָבער באַלד פלעגט ער זיך ווידער פאַראייניקן מיט די מענשעוויקעס אין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס — און לענינ׳ען. אין 1923 האָט ער באַנייט זיין אָפענע פיינטלעכקייט קעגן דעם באָלשעוויזם און ער באַקעמפט אים ביז היינטיקן טאָג.

ווי אַזוי איז ער געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערע פיגור? ער איז קיינמאָל ניט געווען אינעם סאַמע געדיכטן פונעם אַרבעטער־לעבן אַלס בויער פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. אים איז קיינמאָל ניט געלונגען אַריבערצוציען אויף זיין אייגענער זייט אַ באַדייטנדיקע צאָל אַרבעטער. אַלע זיינע יאָרן איז ער געווען און געבליבן ניט מער ווי אַ שרייבער און רעדנער, וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט צווישן די קליינבירגערלעכע אינטעליגענטן. ווען די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־

באַוועגונג אין רוסלאַנד איז געווען יונג, האָט אַ מענטש מיט אַ שאַרפער פען און מיט אַ רעדנער־טאַלאַנט, ווי טראָצקי, זיך שנעל געקענט אַרויסרוקן. צוליב אָט־די אייגנשאַפטן איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם ערשטן סאָוועט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין משך פון דער רעוואָלוציע פון 1905. דער סאָוועט פון יענער צייט, ווי לענין האָט זיך אויסגעדריקט, איז געווען אַ „ברייטער קעמפנדיקער פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן אָן אַ באַשטימטער פאָרמע". דער ערשטער פאָרזיצער פונעם סאָוועט, כרוסטיאַלאָוו־נאָסאַר, איז אפילו ניט געווען קיין סאָציאַליסט. ווען כרוסטיאַלאָוו־נאָסיאַר איז אַרעסטירט געוואָרן, איז טראָצקי געוואָרן פאָרזיצער. וועגן זיין ראָלע אין די אַנטשיידנדיקע טעג פון דער רעוואָלוציע פון 1905 האָבן מיר די עדות פון דעם גרויסן געלערנטן, דעם היסטאָריקער פּאָקראָווסקי:

„דורך דער גאַנצער צייט פון זיין טעטיקייט האָט דער פּעטער־בורגער סאָוועט געהאַט אין זיין שפּיץ אַ קלוגן מענשעוויק, אַ מענטש וואָס האָט זייער קונציק פאַרבונדן מענשעוויסטישן אינהאַלט מיט רעוואָלוציאָנערע פראַזן. דער נאָמען פון דעם מענשעוויק איז געווען טראָצקי. ער איז געווען אַן אמת'ער, פולשטענדיקער מענשעוויק, וואָס האָט בשום אופן ניט געוואָלט האָבן קיין באַוואָפנטן אויפשטאַנד און איז געווען אינגאַנצן קעגן ברענגען די רעוואָלוציע צו איר שלום, ד. ה. צום אומוואַרף פון צאַריזם." (מ. נ. פּאָקראָווסקי, „קורצע געשיכטע פון רוסלאַנד" [אין רוסיש], באַנד 2, זייט 320.)

נאָך 1906 בילדעט טראָצקי אַ קליינעם צענטער אין ווין, עסטרייך, וואו ער גיט אַרויס אַן אייגענע ניט־פּערִיאָדישע צייטונג. אין דער צייטונג באַקעמפט ער דעם באָלשעוויזם, כאָטש ניט אַלעמאָל אין דער זעלביקער מאָס. אין 1912 שליסט ער זיך אָן אין אַן אַנטי־באָלשעוויסטישער קאָאַליציע, וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען „דער אויגוסט־בלאָק". זיינע אַטאַקעס אַפן באָלשעוויזם ווערן שאַרפער און ווילדער. ווען ס'איז געקומען דער וועלט־קריג, האָט ער פאַרנומען אַ צענטריסטישע פּאָזיציע. אין ווערטער איז ער געווען קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט מיט זייערע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען צו העלפן איין גרופּע אימפּעריאַליסטישע רויבער, ווי לענין האָט זיי גערופן, קעגן דער צווייטער. אין דער פּראַקטיק צערייסט ער ניט מיט זיי און אין זיינע אַרגומענטן פאַרטיידיקט ער זיי אָפט. ער

איז קעגן דער מלחמה, אָבער ער איז אויך קעגן לעניג׳ען. די לעניניס־טישע פּראָגראַם האָט געפאָדערט אַרבעט צו באַזײַטיקן די „אייגענע" רעגירונג אין דער מלחמה; זי האָט גערופן צו פאַרוואַנדלען אין יעדן לאַנד די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין אַ בירגער־קריג, ד. ה. אַ רעוואָ־לוציע קעגן דער בורזשואַזיע; זי האָט גערופן צו בילדן אַ נײַע אינטער־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון אַלע אמת־רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן. טראָצקי איז קעגן אָט־די לאָזונגען. ווען לענין האָט געזאָגט, אַז עס איז גוט פאַר דער רעוואָלוציע, אַז „אונזער" רעגירונג זאָל קריגן אַ מפּלה אין דער מלחמה, האָט טראָצקי דאָס גערופן „אַ קאָנצעסיע צו די פּאָליטישע מעטאָדן פון סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם". ווען די רעוואָלוציאָ־נערע סאָציאַליסטן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין צימערוואַלד, שווייצאַריע, אין 1915, צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליסטישן קריג, האָט טראָצקי באַלאַנגט ניט צום לינקן לעניניסטישן פליגל, נאָר צום צענטער.

זײַנע אידייען זײַנען געווען אַזוי פאַרשיידן פון לענין׳ס אידייען, אַז אַפילו נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917 האָט לענין ניט געהאַלטן טראָצקי׳ן פאַר קיין באָלשעוויק. אין אַ בריוו צו קאָלאָנטאַי, געשריבן דעם 17טן מערץ 1917, זאָגט לענין:

> „לויט מײַן מיינונג, איז אונזער הויפּט־צוועק זיך אויסצוהיטן קעגן פאַרפּלאָנטערט ווערן אין נאַרישע פּראָבעס פון „אייניקייט" מיט די סאָציאַל־פּאַטריאָטן (אָדער, וואָס ס׳איז נאָך געפערלעכער, מיט די וואַקלדיקע, ווי . . . טראָצקי עט קאָמפּ.) און פאָרטצוזעצן די אַרבעט פון אונזער אייגענער פּאַרטיי אין אַן אויסגעהאַלטענעם אינטערנאַציאָ־נאַליסטישן גייסט." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויס־גאַבע, באַנד 20, ז. 7.)

אין מיטן מאַי 1917, ווען לענין האָט זיך געגרייט צו אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ, האָט ער געשריבן אַ קאָנספּעקט, וואו ער ווײַזט אָן, אַז עס איז נויטיק צו „זײַן אַזוי האַרט ווי שטיין אין דורכפירן די פּראָלע־טאַרישע ליניע קעגן די קליינבירגערלעכע וואַקלעגישן". דאָרט שרײַבט ער די פאָלגנדיקע באַדייטונגספולע שורה:

> „די וואַקלענישן פון דער קליין־בורזשואַזיע: טראָצקי . . ." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 30, ז. 331.)

ווען טראָצקי איז אָנגעקומען אין פּעטראָגראַד פון אויסלאַנד נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע, איז ער צוגעשטאַנען צו אַ גרופּע, וואָס

איז געווען באַקאַנט מיטן נאָמען: „צווישן־ראַיאָנער". די דאָזיקע גרופּע האָט געהאַט אַ צענטריסטישע שטעלונג און האָט יאָרן נאָכאַנאַנד געקעמפּט קעגן דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּעטראָגראַד. אַפילו נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע האָבן אירע מיטגלידער פּאַרטיידיקט דעם פּלאַן פון פאַראייניקן אַלע גרופּירונגען פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, אַריינגערעכנט די סאָציאַל־פּאַטריאָטן. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך דאָך אָפּגעזאָגט פון דעם געדאַנק וועגן אייניקייט מיט די סאָציאַל־פּאַטריאָטן און האָבן זיך אָנגעהויבן צו נייגן מער און מער צו אָננעמען די באָלשעוויסטישע פּאָליטיק.

שפּעט אינעם זומער פון 1917, ערב דעם 6טן קאָנגרעס פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אָנהויב אויגוסט, האָבן די „צווישן־ראַיאָנער" זיך אָנגעשלאָסן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. זיי זיינען געווען פּאַרטראָטן אין דער קאָנגרעס־דעלעגאַציע, און דער נייער צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַפן קאָנגרעס, האָט אַנטהאַלטן צווישן זיינע 22 מיטגלידער דריי „צווישן־ראַיאָנער": טראָצקי׳ן, אוריצקי׳ן און יאָפע׳ן.

נאָכדעם ווי טראָצקי האָט דערקלערט, אַז ער נעמט אָן די באָלשעוויסטישע פּאָליטיק, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אים געגעבן די פולע מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי און פון דעם אַרבעטער־קלאַס. זייענדיק אַ ווירקזאַמער רעדנער, און זייענדיק אַ געוועזענער פּאָרזיצער פון דעם ערשטן סאָוועט פון 1905, איז טראָצקי שפּעט אין 1917 געוואָרן פּאָרזיצער פון דעם פּעטראָגראַדער סאָוועט. דעם דאָזיקן פּאָסט האָט ער געהאַלטן אין די אַנטשיידנדיקע טעג פון אָקטאָבער, אַרבעטנדיק אונטער דער דירעקטער פירערשאַפט פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

אין דער פאַרכאַפּונג פון דער מאַכט דורך די באָלשעוויקעס אין נאָוועמבער 1917 האָט טראָצקי געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אַלס מיטגליד פון דעם מיליטערישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. אָבער עס וואָלט געווען לעכערלעך צו זאָגן, אַז ער איז געווען דער פירער פון דעם אויפשטאַנד.

„איך וויל בשום אופן ניט לייקענען די צווייפללאָז וויכטיקע ראָלע פון חבר טראָצקי׳ן אין דעם אויפשטאַנד (זאָגט סטאַלין אין זיין „אָקטאָבער־רעוואָלוציע", ז. 71, ענגלישע אויסגאַבע). אָבער איך מוז

דערקלערן, אַז חבר טראָצקי האָט ניט געשפּילט און האָט ניט געקענט שפּילן קיין באַזונדערע ראָלע אין דעם אָקטאָבער-אויפשטאַנד; אַז, זייענדיק דער פאָרזיצער פון דעם פּעטראָגראַדער סאָוועט, האָט ער נאָר דורכגעפירט דעם ווילן פון די אַנטשפּרעכנדיקע פּאַרטיי-אינסטאַנצן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט יעדן טריט פון חבר טראָצקי'ן." (דער אַרטיקל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 26טן נאָוועמבער, 1924.)

צווישן די פינף מיטגלידער, וואָס דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט דעם 16טן אָקטאָבער באַשטימט אַלס אַ צענטער, וואָס האָט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד, איז טראָצקיס נאָמען ניטאָ.

„אָט אַזוי (זאָגט סטאַלין) האָט אַף דער זיצונג פון דעם צענטראַל-קאָמיטעט געטראָפן עטוואָס „שרעקלעכס", ד. ה. „אַף עפּעס אַ געהיימניס-פולן וועג" האָט דער „באַגייסטערער", די „הויפּט-פיגור", דער „איינציקער פירער" פון דעם אויפשטאַנד, חבר טראָצקי, ניט געקראָגן קיין פּלאַץ אין דעם פּראַקטישן צענטער, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פירן דעם אויפשטאַנד. ווי אַזוי קען מען דאָס פאַראייניקן מיט דעם פאַרשפּרייטן געדאַנק וועגן חבר טראָצקי'ס באַזונדערער ראָלע?" (דאָרט, זז. 71-72.)

ווער עס קען די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, וועט לייכט פאַרשטיין, פאַרוואָס טראָצקי האָט זיך ניט געפונען צווישן די פירער, וואָס דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט באַשטימט אַף אָנצופירן מיט דעם אויפשטאַנד. ער איז געווען אַ נייער מענטש. ער האָט קיינמאָל ניט געהאָלפן בויען די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי. ער האָט געהאַט מיינונגס-פאַרשיידנהייטן מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק. דער אמת איז, אַז ער איז ניט געווען פון באָלשעוויסטישן סאָרט מענטשן. ער איז געווען אַן איינפלוסרייכער מענטש, אָנערקענט אין רוסלאַנד, אָבער זיין איינפלוס איז געווען פאַרשפּרייט מערסטנס צווישן דער קליין-בורזשואַזיע. ער איז געווען עפּעס ווי אַ פאַרבינדונגס-גליד צווישן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און די קליינבירגערלעכע מאַסן, וועמען די פּאַרטיי האָט געוואָלט פירן.

טראָצקי'ס מיינונגס-פאַרשיידנהייטן מיט לענינ'ען האָבן זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דער פאַרכאַפּונג פון דער מאַכט. עס איז נויטיק געווען אונטערצושרייבן דעם ברעסט-ליטאָווסקער אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, כדי די רעוואָלוציע זאָל קענען איבערכאַפּן דעם אָטעם און זיך קאָנסאָלידירן. טראָצקי, וועלכער איז דעמאָלט געווען קאָמיסאַר פאַר

אויסערלעכע ענינים, האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן דעם אָפּמאַך. עס האָבן זיך געפּאָדערט לעניג׳ס געוואַלטיקע ווילנס־קראַפט, לעניג׳ס בייסנדיקע רייד, וואָס האָבן געשמיסן ווי בייטשן, כדי צו צווינגען טראָצקי׳ן אָפּצוזאָגן זיך פון זיין אומהאַלטבאַרער פּאָזיציע און מסכים זיין אַף אַ טריט, וועלכער האָט געדאַרפט ראַטעווען די רעוואָלוציע.

עס גייען טעג און יאָרן. טראָצקי אַרבעט מיט די באָלשעוויקעס. אויבן־אויף דאַכט זיך, אַז ער איז איינער פון זיי. ער איז אָבער אַ פרעמדער אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אינעם בירגער־קריג האָט ער באַקומען אַ הויכן פּאָסט. ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער הויפּט־פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער רויטער אַרמיי. ער איז געווען קריגס־קאָמיסאַר, אָבער ער איז דאָך ניט געווען קיין מיליטערישער מענטש. ער האָט ניט געוואוסט קיין סך וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער אַרמיי; ער האָט געהאַט אומריכטיקע אידייען וועגן רעוואָלוציאָנערער קריגס־סטראַטעגיע. די אַרבעט פון אָרגאַניזירן די רויטע אַרמיי איז געטאָן געוואָרן דורכן גאַנצן לאַנד, דורך מיליאָנען פּראָלעטאַריער אונטער דער פירער־שאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די שלאַכטן זיינען געפירט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון מיליטערישע עקספּערטן, וואָס זיינען קאָנטראָלירט געוואָרן דורך דעם צענטראַל־קאָמיטעט אונטער דער וואַכזאַמער פירערשאַפט פון לעניג׳ען. טראָצקי איז אַרומגעפאָרן אין דער לענג פון דעם פראָנט, ער האָט אַרויסגעגעבן קורצע און שאַרפע געשריבענע באַפעלן, וואָס קענען ציטירט ווערן ווי ביישפּילן פון מיליטערישן סטיל; ער האָט זיך באַוויזן אין די טרענטשעס און האָט גערעדט מיט רויט־אַרמייער; ער האָט געהאַלטן גרויסאַרטיקע רעדעס — אָבער ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעפירט מיט דעם בירגער־קריג. מעגלעך, אַז ער האָט זיך אַליין געגאַרט, גלויבנדיק, אַז ער איז געווען די גאַנצע באַוועג־קראַפט פון אָט דעם געוואַלטיקן היסטאָרישן צוזאַמענ־שטויס. מעגלעך, אַז ער גלויבט דאָס נאָך ביזן היינטיקן טאָג. די פאַקטן דערציילן אָבער פונקט דעם היפּוך.*) די פאַקטן זאָגן, אַז

*) דער פאַקט איז, אַז זיינע אידייען וועגן דער סטראַטעגיע פונעם בירגער־קריג זיינען געווען אַזוי פאַלש, אַז ווען זיי וואָלטן דורכגעפירט געוואָרן, וואָלטן די שונאים געזיגט. גענוג צו דערמאָנען, אַז אין זומער פון 1919, אין דעם קריטישסטן מאָמענט פון דעם קאַמף קעגן דעם ווייסן גענעראַל קאָלטשאַק, האָט טראָצקי פאָרגעשלאָגן אַרויסצונעמען אַ טייל רויט־אַרמייאישע קרעפטן פון דעם מזרח־פראָנט און אַריבערפירן זיי אין דרום,

סטאַלין און וואָראָשילאָוו זיינען געווען די גרויסע שלאַכט־פירער אַף די פאַרשיידענע שלאַכט־פראָנטן — מענטשן מיט אַ קלאָרער רעוואָלוציאָנערער וויזיע און סטראַטעגיקער פון דעם בעסטן סאָרט.

עס האָבן קוים אָפּגעהילכט די דונערן פון די לעצטע שלאַכטן פונעם בירגער־קריג, ווי טראָצקי האָט אַנטוויקלט אַן אָפענע שאַרפע אָפּאָזיציע צו לענינ׳ס פּאָליטיק אין באַצוג צו די פראָפאַראיינען (יוניאָנס). טראָצקי האָט געוואָלט, אַז די פראָפאַראיינען זאָלן זיין ניט אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרטרעטן די אַרבעטער אין די פאַבריקן, אין די זאַוואָדן, אין די אינדוסטריען, נאָר זיי זאָלן זיין אַדמיניסטראַטיווע איינסן, וואָס זיינען צוגעטשעפּעט צו דער מלוכה און פירן דורך רעגירונגס־פונקציעס. אַלס אָפּאָזיציע צו לענינ׳ען האָט ער אָרגאַניזירט אַ קליינע פראַקציע, וואָס האָט געדראָעט אַרונטערצורייסן די טעטיקייט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין אַ צייט, ווען איינִיקייט איז געווען אַ פראַגע פון לעבן און טויט. לענין האָט געשטעמפּלט טראָצקי׳ס פראַקציאָנאַליזם ווי אַ ברעכערישן אַקט. לענין האָט געזאָגט:

„אויב אַפילו די „נייע אויפגאַבן און מעטאָדן" וואָלטן אָנגעוויזן געוואָרן דורך טראָצקי׳ן פּונקט אַזוי העכסט ריכטיק, ווי זיי זיינען אָנגעוויזן געוואָרן דורך און דורך העכסט אומריכטיק. . . . וואָלט דורך אַזאַ צוגאַנג אַליין טראָצקי געבראַכט שאָדן זיך אַליין, דער פאַרטיי, דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, דער דערציאונג פון מיליאָנען מיט־גלידער פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און דער רעפּובליק." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 26, ז. 116.)

טראָצקי האָט געליטן אַ מפּלה. וואָלט זיין „פּלאַן" דורכגעגאַנגען, וואָלט דאָס געבראַכן די גאַנצע סאָוועטישע סיסטעם.

אין 1923 נעמט ער זיך ווידער צו זיין אָפּאָזיציע קעגן דער

לאָזנדיק די אוראַל־טעריטאָריע מיט אירע פאַבריקן און אייזנבאַנען איז די הענט פון קאָלטשאַק׳ן. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַר־טיי האָט באַשלאָסן קעגן טראָצקי׳ן. דער צ. ק. האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די רויטע אַרמיי זאָל נעמען די אָפענסיווע קעגן קאָלטשאַק׳ן און אים פאַרטרייבן פון דעם אוראַל. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דעם סוף פון קאָלטשאַק׳ן. אָבער דאָס איז אויך געווען דער סוף פון טראָצקי׳ס ראָלע אַף דעם מזרח־פראָנט. באַלד האָט זיך אויפגעהערט שפּילן אַ ראָלע אויך אַף דעם דרום־פראָנט קעגן דעם ווייסן גענעראַל דעניקין. דאָס דערציילט ניט טראָצקי אין זיין געשיכטע פון דער רעוואָלוציע. טראָצקי׳ס אמת׳דיקייט...

באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. איצטיקס מאָל איז דאָס שוין ניט איין איינציקע פראַגע. אים איז ניט צום הארצן די גאַנצע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, איר געבוי, איר טעטיקייט, איר גאַנצע ליניע. אין אָנהויב איז ער איינער צווישן די באַדייטנדיקע פירער. אין 1926 שטייען צו אים צו זינאָוויעוו און קאַמענעוו, וועלכע האָבן אין נאָוועמבער 1917 זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס זיי זיינען געווען קעגן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד און קעגן דער פּאַרכאַפּונג פון דער מאַכט דורך די באָלשעוויקעס, וואָס דערפאַר האָט לענין זיי געשטעמפּלט מיטן נאָמען: „סטרייק־ברעכער". זייערע אָנשוידאונגען זיינען אין אַ סך פּרטים געווען אַנדערש ווי טראָצקי'ס, אָבער זיי האָבן אָנגענומען זיין פירערשאַפט און די גרונטלאַגע פון זיין אָפּאָזיציע.

מען פאַרשפּרייט צווישן עולם אַ לעגענדע, אַז טראָצקי מיט זיינע בונדעס־גענאָסן האָבן ניט געקראָגן קיין „שאַנס" פאַרצוברענגען זייער שטאַנדפּונקט פאַר דער גרויסער מאַסע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער אמת איז, אַז די דיסקוסיע צווישן דער אָפּאָזיציע און דער פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי האָט געדויערט פון 1924 ביז 1927. אין צאָלרייכע זיצונגען פון די צענטראַלע קערפּערשאַפטן, אין אומצייליקע פאַרזאַמלונגען פון די נידעריקערע קערפּערשאַפטן פון דער פּאַרטיי איז די פּראָגראַם פון דער אָפּאָזיציע באַטראַכט געוואָרן פון אַלע זייטן. צענדליקער ביכער, הונדערטער בראָשורן וועגן די פראַגן זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן און ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן. די אָפּאָזיציע האָט אַזוי לאַנג גערעדט און פאַרטיידיקט איר „שטאַנדפּונקט" אין דער גאַנצער פּאַרטיי פון אויבן ביז אַרונטער, ביז די געדולד פון די פּאַרטיי־מיטגלידער איז אויסגעשעפּט געוואָרן.

ווען די דיסקוסיע איז געווען געענדיקט, זיינען אָט־די פירער מיט זייער גרופּע פריינט געווען דיסקרעדיטירט, פאַרהאַסט בא דער פּאַרטיי און דעם פּראָלעטאַריאַט און דעמאַסקירט ווי פאַרשווערער.

ווען דאָס וואָלטן געווען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע האָבן אינזינען די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע, וואָלטן זיי געהאַנדלט ווי באָלשעוויקעס. זעענדיק, אַז אַ ריזיקע מערהייט פון דער מיטגלידערשאַפט איז ניט מסכים מיט זיי און פּאָדערט פון זיי דיסציפּלין, וואָלטן זיי זיך אונטערגעגעבן דעם ווילן פון דער מערהייט קלאַסן־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציאָנערן אָבער האָבן אָרגאַניזירט אַ קליקע אין דער פּאַרטיי, מיט זייער אייגענע קליקע־דיסציפּלין און קליקע־צענטערס, פאַרבונדן זיך מיט ניט־

פּאַרטייאישע קליינבירגערלעכע עלעמענטן מיטן צוועק דורכצופירן אַנטי־פּאַרטייאישע פּלענער, האָבן אָנגעהויבן דרוקן אונטערערדישע ליטעראַטור קעגן דער פּאַרטיי־פירערשאַפט און פאַרשפּרייטן זי צווישן די מאַסן, און געמאַכט אַף אַזאַ אופן די ערשטע טריט אַף צו צעברעכן דעם סאַמע רוקנביין פון דער רעוואָלוציע, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

די פּאַרטיי איז געצוואונגען געווען אויסצושליסן די קליקע. אייניקע פון זיי האָבן נאָכדעם כלומרשט חרטה געהאַט, ווי זיי האָבן געטאָן אַפילו פאַר 1927, אָבער באַלד האָבן זיי באַנייט זייערע צע־שטערערישע טעטיקייטן. טראָצקי האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין חרטה. ער האָט באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן די הויפּט־שטאָט און איז איבערגעפירט געוואָרן אין דער שטאָט אַלמאַ־אַטאַ אין צענטראַל־אַזיע. שפּעטער איז ער אויסגעוויזן געוואָרן פונעם לאַנד. פון דעמאָלט אָן באַזאָרגט ער די וועלט־בורזשואַזיע מיט אַמוניציע קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיין פּולווער איז גאָרניט פריש. זיינע קאַנאָנען הילכן, אָבער זיי שיסן שוואַך. די בורזשואַזיע, פונדעסטוועגן, מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי זעט אין אים אַ קוואַל פון אמת׳ער אינפאָרמאַציע. ער פירט אָן זיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן אַפן חשבון פון דעם, וואָס ער איז אַמאָל געווען אַ פירער אין דער רעוואָלוציע. אין זיינע צאָל־רייכע שריפטן וויל ער איינרעדן די אומדערפאַרענע, אַז ער און ניט לענין איז געווען דער פירער פון דער רעוואָלוציע.

אָט דאָס איז אין קורצן די קאַריערע פון דעם מענטשן. איז ער ווען ניט איז געווען אַ באָלשעוויק? אין אַ משך פון 34 יאָר איז ער נאָר זעקס יאָר געווען פאַרבונדן מיט די באָלשעוויקעס. אָבער אַפילו אין דער צייט האָט ער געהאַט אַ סך שאַרפע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן מיט זיי. עס איז אַ פאַקט, אַז מען קען זעלטן געפינען אַ לעניניסטישע פּאָליטישע ליניע, מיט וועלכער טראָצקי איז געווען אינגאַנצן איינ־פאַרשטאַנען. ער איז קיינמאָל ניט געוואָרן קיין אינטעגראַלער טייל פון דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע. עס זעט אויס, אַז ער איז געווען אַ פרעמד־קערפּער אין דעם אָרגאַניזם פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אַפילו דעמאָלט, ווען ער איז געווען אַ מיטגליד פון איר פּאָליט־ביוראָ.

באָלשעוויקעס זיינען ניט מחויב צו דערמאָנען די ניט־באָלשע־וויסטישע פאַרגאַנגענהייט פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך ערלעך און אויפריכטיק צוזאַמענגעגאָסן מיט זייער פּאַרטיי. אויב מיר דערמאָנען טראָצקי׳ס פאַרגאַנגענהייט, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס, ווי מיר וועלן

באַלד זען קלאָרער, זי איז קיינמאָל ניט געוואָרן זיין פאַרגאַנגענהייט. זי איז נאָך איצט אויך זיין געגנוואַרט. ער איז איצט פּונקט אַזוי שאַרף געגנעריש צו דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אונטער סטאַלינ׳ען, ווי ער איז געווען געגנעריש צוריק מיט 20 יאָר צו דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אונטער לענינ׳ען; ער באַשמוצט סטאַלינ׳ען מיט דער זעלביקער העפלעכקייט, מיט וועלכער ער האָט באַשמוצט לענינ׳ען — און צוליב די זעלביקע סיבות.

„ווי האָט דאָס געקענט פּאַסירן (זאָגט סטאַלין), אַז חבר טראָצקי, וועלכער האָט געטראָגן אַזאַ אומאַנגענעמען באַגאַזש (פון האָס קעגן די באָלשעוויקעס) אַף זיין רוקן, האָט פונדעסטוועגן זיך באַוויזן אין די רייען פון די באָלשעוויקעס אין דער צייט פון דער אָקטאָבער־באַוועגונג? דאָס האָט געטראָפן צוליב דעם, וואָס חבר טראָצקי האָט אַרונטערגעוואָרפן (ווירקלעך אַרונטערגעוואָרפן) זיין באַגאַזש אין יענער צייט, ער האָט אים באַהאַלטן אין זיין שאַפע. ווען ניט אָט־די „אָפּעראַציע”, וואָלט קיין שום ערנסטע מיטאַרבעט מיט חבר טראָצקי׳ן ניט געווען מעגלעך. . . .

„האָט חבר טראָצקי אין אַזאַ לאַגע (ווען די אומפּראַקטישקייט פון זיין טעאָריע איז באַוויזן געוואָרן דורך דערפאַרונג) געקענט טאָן אַן אַנדער זאַך אַחוץ באַהאַלטן זיין באַגאַזש אין זיין שאַפע און נאָכפאָלגן די באָלשעוויקעס, — ער וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום מער אָדער ווייניקער ערנסטע גרופּע הינטער זיך, ער וואָס איז געקומען צו די באָלשעוויקעס ווי אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון איין מענטשן אָן אַרמיי? געוויס האָט ער דאָס ניט געקענט.

„. . . עס איז אַ פאַקט, אַז דער אַלטער באַגאַזש פון טראָצקיזם, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין שאַפע אין די טעג פון דער אָקטאָבער־באַוועגונג, ווערט איצט ווידער אַרויסגעבראַכט אינעם ליכט פונעם טאָג אין דער האָפענונג צו געפינען פאַר איר אַ מאַרק.” (יאָזעף סטאַלין, „די אָקטאָבער־רעוואָלוציע”, ענגלישע אויסגאַבע, זז. 89-90, געשריבן אין 1924.)

ווען טראָצקי האָט באַהאַלטן זיין „אומאַנגענעמעם באַגאַזש” אין זיין שאַפע, איז ער געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון איין מענטשן. ווען ער האָט עס ווידער אַרויסגענומען, האָט ער געגלויבט, אַז ער האָט אונטער זיך אַ ריזיקע אַרמיי. ער האָט געהאַט אַ טעות. די רענק־און־פייל־מיטגלידערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און יעדער ערלעכער אַרבעטער אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט נאָכצופאָלגן טראָצקי׳ן מיט זיין „אומאַנגענעמעם באַגאַזש”. איצט רופט ער בילדן אַזאַ אַרמיי אַף אַ וועלט־מאַסשטאַב. עס איז ניט זיין שולד, וואָס זיין דערפאָלג איז אַ קנאַפּער.

צווייטער קאַפּיטל

די סאָציאַלע באַזע פון טראָצקיזם

מיר האָבן איבערגעגעבן די הויפּט־מאָמענטן פון דער געשיכטע פון טראָצקי'ס פּאָליטישער קאַריערע. אָבער טראָצקיזם איז ניט אַ זאַך פון איין מענטשן. עס איז ניט אַן אייגנטימלעכקייט פון איין פּערזאָן. טראָצקיזם איז אַ סאָציאַלע דערשיינונג. דאָס, וואָס טראָצקי איז געווען אין דער רעוואָלוציע, גיט זיינע ווערטער אַ געוויסן פּרעסטיזש אין די אויגן פון די אומדערפאַרענע. דאָ, ווי אין אַ סך אַנדערע פּרטים, קען מען ניט פאַרבייגיין דעם פּערזענלעכן עלעמענט. אָבער אַפילו ווען טראָצקי אַליין וואָלט ניט עקזיסטירט, וואָלט דער סאָרט אָפּאָזיציע צו דער רעוואָלוציע, וואָס טראָצקי פאַרטרעט, פונדעסטוועגן געפונען אַן אויסדרוק. טראָצקיזם ווערט ווידערגעבוירן אַף יעדער שטופע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווייל דאָס איז דער אויסדרוק פון דער שטעלונג פון אַ געוויסן קלאַס, — דער קליין־בורזשואַזיע.

וועגן דעם קלאַס האָט קאַרל מאַרקס איין מאָל געזאָגט, אַז ער איז „אַן איבערגאַנגס־קלאַס, אין וועלכן די אינטערעסן פון צוויי קלאַסן זיינען אין דער זעלביקער צייט אָפּגעטעמפּט". די קליין־בורזשואַזיע געפינט זיך צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער גרויס־בורזשואַזיע. זי שטרעבט צו דערהויבן זיך צו דער פּאָזיציע פון דער גרויס־בורזשואַזיע, אָבער די לעצטע, מיט דער הילף פון דער מאַכט פון קאָנצענטרירטן און צענטראַליזירטן קאַפּיטאַל, דריקט זי נאָכאַנאַנד אַרונטער צו דער פּאָזיציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט. סוביעקטיוו ווינטשט די קליין־בורזשואַזיע צו ווערן רייך, צו דערגרייכן די הויכן פון קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמישער מאַכט, אָבער אָביעקטיוו ליגן אירע אינטערעסן מיט דעם קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם, ווייל דער קאַפּיטאַליזם נעמט אַרויס דעם באָדן פון אונטער אירע פיס און ווייל נאָר אין אַ סאָציאַליסטישער סיסטעם וועט דער קליינבירגער פון היינט ווערן אַ פרייער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, אָן מורא פאַר דער צוקונפט, ווייל אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט ער פאַרוואַנדלט ווערן אין איינעם, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט נוצלעכער פּראָדוקטיווער אַרבעט. די קליין־בורזשואַזיע אַלס קלאַס איז דעריבער וואַקלדיק. די אינטערעסן פון

צוויי קלאַסן, זאָגט מאַרקס, זײַנען גלײַכצײַטיק אָפּגעשטעמפּט אין דער קליין־בורזשואַזיע. דאָס הייסט, אַז די קליין־בורזשואַזיע קען ניט זײַן אַזוי אויסגעהאַלטן קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, ווי די גרויס־בורזשואַזיע, אָבער זי קען אויך ניט זײַן אַזוי אויסגעהאַלטן רעוואָלוציאָנער, ווי דער פּראָלעטאַריאַט. די קליין־בורזשואַזיע שרעקט זיך פאַר דער גרויס־בורזשואַזיע, אָבער זי שרעקט זיך אויך פאַר דער רעוואָלוציע. געוויסע טיילן פון דער קליין־בורזשואַזיע ווערן צוגעצויגן צו דער רעוואָלוציע, וועלכע פאַרטרעט זייערע צוקונפטיקע אינטערעסן, אָבער זיי האָבן ניט ליב די שאַרפע ליניע פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. פונדאַמענטאַל וואָלטן זיי אַ בעלן געווען צו האָבן קלאַסן־שלום, וואָרים קיין זאַך איז ניט אַזוי צום האַרצן דער קליין־בורזשואַזיע, ווי סאָציאַלער שלום. די קליינבירגער פילן אָבער, אַז סאָציאַלער שלום הייסט — זייער אייגענער אונטערגאַנג. דעריבער, ווען דער פּראָלעטאַריאַט אַנטוויקלט אַ שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, ווערן אַ סך קליינבירגערלעכע עלעמענטן צוגעצויגן צום רעוואָלוציאָנערן לאַגער מיט געוואַלטיקן כח, כדי פון איין זייט צו קריטיקירן דאָס, וואָס זיי רופן „עקסטרעמען" אין דער רעוואָלוציע, פון דער אַנדערער זייט, צו פוצן זיך אין „עקסטרעם־לינקע" מאַסקעס. עס געפעלט זיי ניט די עקזיסטירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, אָבער עס געפעלט זיי אויך ניט די רעוואָלוציע מיט אירע פירער. ניט זייענדיק קיין אמת'ע רעוואָלוציאָנערן, זייענדיק פּיאַיק נאָר געפירט צו ווערן דורך דער רעוואָלוציע, אַנטוויקלען זיי אָפט אַ ריזיקע גאוה. זיי טראַכטן וועגן זיך ווי וועגן די „איינציקע" און „אמת'ע" רעוואָלוציאָנערן. זיי רייסן אַרונטער די אמת'ע רעוואָלוציאָנערן דערפאַר, וואָס זיי זײַנען כלומרשט „דאָגמאַטיש" און „שמאָל".

טראָצקי'ס צוגאַנג צו דער רעוואָלוציע איז דער צוגאַנג פון אַ קליינבירגער.

דאָס, וואָס ער איז ניט קיין קרעמער אָדער קליינער באַלמעלאָכע, דאַרף ניט וואונדערן די, וואָס זײַנען ניט באַקאַנט מיט דער מאַרקסיסטישער דערקלערונג פון סאָציאַלע באַוועגונגען. מען דאַרף ניט דענקען, זאָגט מאַרקס, אַז די, וואָס פאַרטרעטן די קליין־בורזשואַזיע, „זײַנען אַלע קרעמער אָדער ענטוזיאַסטישע טשעמפּיאָנען פון דעם קליין־קרעמערישן קלאַס".

„קולטורעל און וואָס איז שייך זייער אינדיווידועלן סטאַטוס, מעגן זיי זײַן דער שאַרפסטער קעגנזאַץ פון מיטגלידער פון דעם

קרעמערישן קלאס. דאס, וואס ס'מאכט זיי פאר פאליטישע פארטרעטער פון דער קליין-בורזשואזיע, איז אט וואס. אינטעלעקטועל שפאנען זיי ניט אריבער די גרענעצן, וועלכע זיינען באשאפן פאר דער קליין-בורזשואזיע מאטעריעל דורך די באדינגונגען פון דער קליינבירגערלעכער עקזיסטענץ. דעריבער ווערן זיי אף דעם טעארעטישן געביט געטריבן צו די זעלביקע שטרעבונגען און לייזונגען, ווי די, צו וועלכע די קליינבירגער ווערן געטריבן אין פראקטישן לעבן דורך די מאטעריעלע אינטערעסן און דורך זייער סאציאלער לאגע. אין אלגעמיין גערעדט, איז דאס שטענדיק די באציאונג צווישן די פאליטישע און ליטעראַרישע פארטרעטער פון א קלאס און דעם קלאס, וועלכן זיי פארטרעטן." (קארל מארקס, „דער אכצענטער ברומער פון לואי באנאפארט", ענגלישע אויסגאבע, זז. 58-59.)

וואס איז דער איינפלוס פון דער קליין-בורזשואזיע אין דער רוסישער רעוואלוציע? נאך אין 1908 האט לענין, רעדנדיק וועגן דעם רעוויזיאניזם פון מארקסיזם, דערקלערט זיין געפאר אף דעם פאלגנדיקן אופן:

„אין יעדן קאפיטאליסטישן לאנד שטייען אלעמאל זייט בא זייט מיט דעם פראלעטאריאט ברייטע שיכטן פון דער קליין-בורזשואזיע, קליינע באלעבאטים. . . . עס איז פולשטענדיק נאטירלעך, אז די קליינבירגערלעכע וועלט-אנשויאונג זאל זיך דורכרייסן נאכאמאל און נאכאמאל אין די רייען פון די ברייטע ארבעטער-פארטייען. עס איז פולשטענדיק נאטירלעך, אז דאס זאל אזוי זיין, און דאס וועט אזוי זיין ביז די געשעענישן פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע, ווארים עס וואלט געווען א גרויסער טעות צו דענקען, אז עס איז נויטיק א „פולע" פראלעטאריזאציע פון דער מערהייט פון דער באפעלקערונג פאר דער פארווירקלעכונג פון אזא רעוואלוציע. דאס וואס מיר לעבן אפט איבער נאר אידייאיש: אמפעריען מיט טעארעטישע אמענדמענטס צו מארקס'ן, — דאס וואס ס'רייסט זיך איצט דורך אין דער פראקטיק נאר בנוגע איינצעלנע באזונדערע פראגן פון דער ארבעטער-באוועגונג, ווי די טאקטישע מיינונגס-פארשיידנהייטן מיט די רעוויזיאניסטן און די שפאלטונגען אף דעם באזיס, — דאס וועט אומבאדינגט אויסקומען איבערצולעבן דעם ארבעטער-קלאס אין אומפארגלייכלעך גרעסערע פראפארציעס, ווען די פראלעטארישע רעוואלוציע וועט פארשארפן אלע שטרייט-פראגן, קאנצענטרירן אלע מיינונגס-פארשיידנהייטן אף פונקטן, וואס האבן די אוממיטלבארע באדייטונג אף באשטימען די אויפפירונג פון די מאסן, צווינגען אין דעם היץ פון קאמף אפצוטיילן די פריינט פון די פיינט, ארויסצווארפן די שלעכטע פארבינדעטע כדי צו קענען דערלאנגען דעם שונא אנטשיידנ-

דיקע קלעפּ." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 17, ז. 189.)

מיט אַ געניאַלער וויטזיכטיקייט האָט לענין פאַרויסגעזען די קומענדיקע קאַמפן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע מיט אירע „שלעכטע פאַרבינדעטע", וועלכע שטאַמען פון דער קליין־בורזשואַזיע. וואָס איז די ראָל פון אָט־די שלעכטע פאַרבינדעטע? מיט 20 יאָר שפּעטער האָט סטאַלין דאָס דערקלערט אַזוי:

„אַזוי ווי דער פּראָלעטאַריאַט לעבט ניט אין אַ וואַקואום, נאָר אין דעם סאַמע ווירקלעכן רעאַלן לעבן מיט אַלע זײַנע פאַרשיידנהייטן, דעריבער באַשאַפט זיך אַזאַ לאַגע, אַז די קלייַנבירגערלעכע עלעמענטן, וועלכע ווערן ווידערגעבוירן אָפּן באַזיס פון דער קליין-פּראָדוקציע, „רינגלען אַרום דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע זייטן מיט קלייַנבירגערלעכע עלעמענטן, זעטיקן אָן דעם פּראָלעטאַריאַט דערמיט, דעמאָראַליזירן אים דערמיט, רופן אַרויס נאָכאַנאַנד אינעם פּראָלעטאַריאַט ווידער אויפלעבונגען פון קלייַנבירגערלעכער כאַראַקטערלאָזיקייט, פאַנאַנדערגעוואָרפנקייט, אינדיווידואַליזם, איבערגאַנגען און ענטוזיאַזם צו מעלאַנכאָליע" (לענין, באַנד 25, ז. 190), און אַזוי אַרום טראָגן זיי אַריין אינעם פּראָלעטאַריאַט און זײַן פּאַרטיי געוויסע וואַקלענישן, געוויסע בויגונגען אַהין און אַהער.

„אָט וואו עס איז דער וואָרצל און דער פונדאַמענט פון אַלערליי וואַקלענישן און אָפּבויגן פון דער לעניניסטישער ליניע אין די רייען פון אונזער פּאַרטיי." (י. סטאַלין, „פּראָבלעמען פון לעניניזם", 10טע רוסישע אויפלאַגע, ז. 234.)

גענויער דערקלערט דאָס סטאַלין אין „וועגן די פונדאַמענטן פון לעניניזם":

„די דאָזיקע אַלע קלייַנבירגערלעכע גרופּן דרינגען אַריין אַזוי אָדער אַנדערש אין דער פּאַרטיי, אַרײַנטראָגנדיק אַהינצו דעם גייסט פון אומאַנטשלאָסנקייט און אָפּאָרטוניזם, דעם גייסט פון צעפּוילטקייט און אומזיכערקייט. זיי זײַנען הויפּטזאַכלעך דער קוואַל פון פראַקציאָנאַליזם און פאַנאַנדערפאַל, דער קוואַל פון דעזאָרגאַניזאַציע און פון אויפרייסן די פּאַרטיי פון אינעווייניק. מלחמה האַלטן קעגן אימפּעריאַליזם, האָבנדיק הינטער זיך אַזוינע „פאַרבינדעטע", הייסט אַרײַנפאַלן אין דער לאַגע פון מענטשן, וואָס ווערן באַשאָסן פון צוויי זייטן — פון פאָרנט און פון הינטן. דער אומדערבאַרעמדיקער קאַמף קעגן אַזוינע עלעמענטן, דאָס פאַריאָגן זיי פון דער פּאַרטיי זײַנען דעריבער די פאָרבאַדינגונגען פאַר אַ דערפאָלגרייכן קאַמף מיטן אימפּעריאַליזם." (י. סטאַלין, „וועגן די פונדאַמענטן פון לעניניזם", אין „פראַגן פון לעניניזם", 10טע רוסישע אויפלאַגע, ז' 71.)

דער געדאַנק, אַז טראָצקיזם שטעלט מיט זיך פאָר דעם איינפלוס פון דער קליין־בורזשואַזיע אַף געוויסע עלעמענטן פון דעם פּראָלע־טאַריאַט און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז אַ סך מאָל אויס־געדריקט געוואָרן אין די רעזאָלוציעס פון די קאָנגרעסן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַזוי האָט דער 13טער קאָנגרעס (1924) דערקלערט:

„אין דער געשטאַלט פון דער איצטיקער „אָפּאָזיציע" האָבן מיר פאַר זיך ניט נאָר אַ פּראָבע צו רעווידירן דעם באָלשעוויזם, ניט נאָר אַ דירעקט אַוועקגיין פון לעניניזם, נאָר אויך אַ קלאָר־אויסגעדריקטן קליינבירגערלעכן אָפּנויג. עס איז ניטאָ דער מינדסטער צווייפל, אַז אָט־די „אָפּאָזיציע" שפּיגלט אָפּ אָביעקטיוו דעם דרוק פון דער קליין־בורזשואַזיע אַף די פּאָזיציעס פון דער פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט און איר פּאָליטיק."

אין 1927, אפן 15טן קאָנגרעס, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַזוי כאַראַקטעריזירט די טראָצקי־זינאָוויעוו־קאַמענעוו־אָפּאָזיציע:

„דאָס לייקענען די מעגלעכקייט פון אַ זיגרייכן אויפבוי פון סאָציאַליזם אינעם פ.ס.ס.ר. און פאָלגלעך דאָס לייקענען דעם סאָציאַ־ליסטישן כאַראַקטער פון אונזער רעוואָלוציע; דאָס לייקענען דעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פון דער מלוכה־אינדוסטריע; דאָס לייקע־נען די סאָציאַליסטישע וועגן פון דער אַנטוויקלונג אינעם דאָרף אונטער די באַדינגונגען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און פון דער פּאָליטיק פון צוזאַמענשלוס פונעם פּראָלעטאַריאַט מיט די פונ־דאַמענטאַלע מאַסן פונעם פּויערטום אַף דעם באַזיס פון סאָציאַליסטישן אויפבוי; ענדלעך, דאָס פּאַקטישע לייקענען די פּראָלעטאַרישע דיק־טאַטור אין דעם פ.ס.ס.ר. („טערמידאָר") און די שטעלונג פון קאַפּי־טולאַציע און דעפיטיזם, וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן, — אָט די גאַנצע אידעאָלאָגישע אָריענטאַציע האָט פאַרוואַנדלט די טראָצקי־אָפּאָזיציע אין אַן אינסטרומענט פון קליינבירגערלעכער דעמאָקראַטיע אין דעם פ.ס.ס.ר. און אין אַ הילפס־אָטריאַד פון דער אינטערנאַציאָ־נאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויסער זיינע גרענעצן."

טראָצקי אַלס אינדיווידואום איז נאָר אַ פאַרטרעטער פון אַ געוויסן סאָציאַלן קלאַס. ער איז אַ קליינבירגערלעכער אינטעליגענט. ער האָט אָנגעהויבן מיט אָפּאָזיציע צו דער רעוואָלוציע און צו דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, און ער האָט געענדיקט מיט אָנפירן די קאָנטער־רעוואָ־לוציע. געטריי צו זיין טיפּ, איז ער צוגעצויגן געוואָרן צו דער רעוואָ־

לוציאָנערער באַוועגונג פונעם אַרבעטער־קלאַס, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געגלויבט אין דער פּייאיקייט פון די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן דורכצופירן די רעוואָלוציע ביז אַ דערפאָלגרייכן שלוס, און ער האָט אַלעמאָל פיינט געהאַט דעם סאַמע עצם פון אַ פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי. ער האָט פיינט די לאַנגזאַמע טאָג־טעגלעכע טעטיקייטן פון בויען און פאַרפולקאָמען אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. ער האָסט דיסציפּלין, ווען זי ווערט אָנגעווענדעט אויף אים. אָבער ער האָט ליב דיסציפּלין, ווען ער ווענדט זי אָן אויף אַנדערע. ווען ער איז געווען קריגס־קאָמיסאַר, איז ער געווען אומדערבאַרעמדיק צו די, וואָס האָבן געדינט אונטער אים. ווען ער איז טויזנט מאָל נידערגעשטימט געוואָרן אין דער באָל־שעוויסטישער פּאַרטיי, האָט ער ניט געוואָלט נאָכגעבן.

אין דער רעוואָלוציאָנערסטער צייט פון זיין לעבן איז ער אַלעמאָל געווען פול מיט צוויפל, מיט שרעק. ווען די רעוואָלוציע האָט באַגעגנט אַ שווערקייט, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק. ווען עס האָט זיך געפאָדערט אויסגעהאַלטנקייט און געדולד, איז ער באַשטאַנען אויף ספּעקטאַקולערע אַקטן. ווען די לאַגע האָט געפאָדערט אַ צייטווייליקן צוריקטריט, האָט ער אַרויסגערוקט אַ זינלאָזע בראַוואַדע, וועלכע וואָלט געבראַכן די רעוואָלוציע. ווען די רעוואָלוציע האָט געזאַמלט קרעפטן פאַר אַ נייעם טריט פאָראויס, האָט ער געגאָסן טרערן אויף דעם „דורכ־פאַל" פון דער רעוואָלוציע. ווען אַ נייער זיג איז געקומען, האָט ער אים באַקלאָגט ווי אַ מפּלה.

דעריין, ווי אין זיין ניט וועלן אָנערקענען זיינע אייגענע טעות'ן, ניט וועלן אָנווענדן זעלבסט־קריטיק צו זיך אַליין, דריקט עס נאָר אויס זיין קלאַס.

ווען ער איז נאָך געווען ניט מער ווי אַן אָפּאָזיציאָנער, איז דער כאַראַקטעריסטישסטער שטריך פון זיין אָפּאָזיציע געווען דאָס, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען די באַוועג־קרעפטן פון דער רעוואָלוציע און ער האָט געהאַט אַן אויסגעטראַכטן, אויסגעקליגלטן צוגאַנג צו דער לייזונג פון פּראָבלעמען, אַ צוגאַנג וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום שייכות צו דער ווירקלעכקייט פונעם לעבן. איצט, ווען ער פירט דעם אַוואַנגאַרד פון דער קאָנט־רעוואָלוציע, איז זיין כאַראַקטעריסטישער שטריך דאָס, וואָס ער זוכט און שאַפט בכיוון מיטלען און וועגן צו שעדיקן די רעוואָלוציע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, די קאָמוניסטישע באַוועגונג איבער

דער גאַנצער וועלט. דאָס איז איצט געוואָרן זיין איינציקער צוועק, דער איינציקער זין פון זיין לעבן.

ער האָט אַמאָל געהאַט אַ חלום — איינמאָל אין זיין לעבן. ער האָט געגלויבט, אַז ער איז פּויאיק צו פאַרנעמען לענינ'ס פּלאַץ אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. לענינ'ס פּאַרטיי וואָלט ניט געקענט געפירט ווערן דורך אַ מענטשן, וועלכער איז קיינמאָל ניט געווען קיין באָלשעוויק און האָט אַלעמאָל געקעמפט קעגן לענינ'ען. אָבער ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם אויגנשיינלעכן אמת. צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אַליין דראַמאַטיזירט דורך זיין איינרעדעניש, אַז ער איז געווען די טרייב־קראַפט פון דער רעוואָלוציע, האָט ער ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו נעמען אַ קלענערן פּאָסטן. צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ קליינבירגערלעכער אינטעליגענט, האָט ער ניט געקענט שטעלן די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי העכער פון זיין פּערזענלעכער אַמביציע. ער האָט זיך דעריבער דראַמאַטיזירט, שאַפנדיק פון זיך די געשטאַלט פון איינעם, וואָס „קען ניט שלום מאַכן" מיט דער לאַגע. פון אָט־דער פּאָזיציע האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט אין דעם בלוטיקן רינשטאָק, אין וועלכן ער געפינט זיך איצט.

די געשיכטע פון זיינע לעצטע צען יאָר איז אַ געשיכטע פון כסדר פאַלן, זינקען. פון אַ מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַרונטער צו אַן אָפּאָזיציע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — אַרונטער צו דער לאַגע פון אַ שעדיקער, וואָס איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — אַרונטער צו דער לאַגע פון אַ שונא, וואָס איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַרונטער צו דער לאַגע פון איינעם, וואָס ליפערט דער וועלט־בורזשואַזיע ליגנס וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַרונטער צו דער לאַגע פון איינעם, וואָס אָרגאַניזירט די ברעכערישע קרעפטן קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל — אַרונטער צו איינעם, וועלכער ווערט דער אָרגאַניזאַטאָר פון פאַרשווערונגען געצילט צו טויטן די פירער פון דער רעוואָלוציע, געצילט קעגן דעם סאַמע הארץ פון דער רעוואָלוציע — אַרונטער צו דער לאַגע פון איינעם, וואָס קאָנספּירירט מיט היטלער'ס און יאַפּאַנ'ס אַגענטן און פאַרקויפט זיי דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד.

נידעריקער איז קיין מענטש ניט געפאַלן.

ער האָט געהאַט אַ חלום איינמאָל אין זיין לעבן. ער האָט אַ

חלום איצט. דערלעבן זען, אז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געבראָכן, אז די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז צעשטערט, אז די פירער פונעם באָלשעוויזם זיינען דערמאָרדעט, אז די אַלוועלטלעכע קאָמוניסטישע באַוועגונג איז צעטראָטן, אז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז אָפּגעווישט פונעם פּנים פון דער ערד, — אַה, ווי דאָס וואָלט געפרייט זיין הארץ! ווי שאַרף ער קוויקט זיך מיט אָט דעם געדאַנק! ער זאָגט דאָס ניט אָפן, זעלבסטפאַרשטענדלעך. ער קען זיך ניט דעמאַסקירן פאַר דער וועלט. זיין פאַרפלוכטע אויפגאַבע איז געווינען רעקרוטן פאַר דער קאָנטר־רעוואָלוציע מיט דער הילף פון ראַדיקאַלע פראַזן. ער איז אַ מייסטער פון פראַזן־פעלשונג. אָבער זיין גאַנצע טעטיקייט איז געווענדעט אַף צו פאַרווירקלעכן אָט דעם חלום. דערביי פאַרגעסט ער ניט אַף קיין איינציקער מינוט זיך אַליין — אין דער ראָלע פונעם צוקונפטיקן הערשער פון אַ קאַפּיטאַליסטישער רוסלאַנד.

ער געהערט אין איין גרופּע מיט היטלער'ן, מוסאָליני'ן, פראַנקאָ'ן, הווירסט'ן. ניט אומזיסט איז ער אַ תושב אין דער הווירסט־פּרעסע.

דריטער קאַפּיטל

דעפיניציע פון טראָצקיזם

וואָס איז טראָצקיזם?

צוריק מיט אריבער צוועלף יאָר, ווען טראָצקי האָט נאָך געהאַט די פּריווילעגיע פון מיטגלידערשאַפט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם פ.ס.ס.ר., האָט סטאַלין געפונען אין טראָצקיזם „דריי אייגנ־טימלעכקייטן, וועלכע שטעלן אים אַוועק אין אַן אומבאַזיגבאַרן ווידער־שפּרוך צום לעניניזם".

איידער מיר גייען ווייטער, מוזן מיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער מעטאָדע, וואָס ווערט דאָ אָנגעווענדעט אין דער דיסקוסיע וועגן טראָצקיזם. די פראַגע ווערט דאָ באַהאַנדלט פון דעם שטאַנדפּונקט פון מאַרקסיזם־לעניניזם. עס ווערט אָנגענומען, אַז דער לעניניזם האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק סיי אַלס די טעאָריע, סיי אַלס די פּראַקטיק פון דער רעוואָלוציע. עס ווערט דעריבער אָנגענומען, אַז אָפּאָזיציע צום לעניניזם איז אומריכטיק.

ווייסן מיר אָבער זייער גוט, אַז אַ סך לייענער קענען ניט מסכים זיין מיטן לעניניסטישן שטאַנדפּונקט. עס קען זיך געפינען אַ מענטש, וואָס איז קעגן דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע, קעגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, קעגן דער סאָציאַליסטישער סיסטעם. אַזאַ לייענער קען געפינען אַ טרייסט פאַר זיך אין טראָצקי׳ס אַטאַקעס אַפן לעניניזם. אָבער דעמאָלט דאַרף אַזאַ פּערזאָן צוגעבן, אַז ער זוכט אין טראָצקי׳ן ניט אַ באַשטעטיקונג, נאָר אַן אָפּלייקענונג פון דער לענינשער לייזונג פון דער סאָציאַלער פּראָבלעם. מיט אַזאַ פּערזאָן, וועלכער שעפּט פון דעם מוטנעם שטראָם פון טראָצקי׳ן באַשולדיקונגען באַקוועמע אַרגומענטן קעגן סאָוועטיזם און קעגן דעם קאָמוניזם אין זיין לאַנד, אַרגומענטירן מיר ניט אַף אָט די זייטן. וואָס מיר וואָלטן נאָר געוואָלט פון אַזאַ מענטשן איז, אַז ער זאָל צוגעבן, אַז ער נוצט טראָצקי׳ס אַמוניציע קעגן אַלצדינג, פאַר וואָס מאַרקס, ענגעלס און לענין האָבן געקעמפט און פאַר וואָס סטאַלין צוזאַמען מיטן קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל שטייען איצט.

אַנדערש איז מיט איינעם, וועלכער זאָגט, אַז ער איז פאַר דער

פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וועלכער גיט־צו די נויטווענדיקייט פון אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער־קלאַס פאַרן קאַמף מיטן צוועק אומצו־וואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם און צו עטאַבלירן אַ סאָוועטישע מאַכט און וועלכער אַנערקענט אין לעניג'ען דעם מייסטער־בויער פון דער באָל־שעוויסטישער פּאַרטיי און דעם וועלט־היסטאָרישן פירער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. די ווייטערדיקע דיסקוסיע באַצוועקט צו ווייזן, אַז מען קען ניט זיין פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און פאַר טראָצקיזם ; אַז אויב מען נעמט אָן טראָצקי'ס גדאַנקען־גאַנג, גייט מען אַוועק פון לעניג'ען ; אַז טראָצקי'ס דעקלאַראַציעס וועגן זיין לעניניזם זיינען נאָר אַ רויך־פּאַרהאַנג, הינטער וועלכן עס זיינען באַ־האַלטן דער אומגלויבן אינעם פּראָלעטאַריאַט און דער אומצוטרוי צו דער קאָמוניסטישער (באָלשעוויסטישער) פּאַרטיי און צו אירע קאַמפּס־מעטאָדן ; אַז טראָצקיזם איז אין אמת'ן אַ געווער קעגן דער פּראָלע־טאַרישער רעוואָלוציע — אַ געווער, וואָס איז אָפּגעפּאַרבט אַף רויט, כדי צו נאַרן ראַדיקאַל־געשטימטע מענטשן.

מיר נעמען אָן, אַז די וואָס מיינען ערנסט מיט אומוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם און עטאַבלירן — אַף די פּרינציפּן, וואָס זיינען פעסט־געשטעלט געוואָרן דורך דער רוסישער רעוואָלוציע — די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אין די איצט קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איינ־געשלאָסן די פּאַראייניקטע שטאַטן, זיינען מסכים מיט די פאָלגנדיקע גרונט־פּרינציפּן :

א) אַז אַ באָלשעוויסטישע (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי איז די ערשטע פאָרבאַדינגונג פאַר אַ דערפאָלגרייכער רעוואָלוציע ;

ב) אַז עס קען זיין נאָר איין באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אין יעדן לאַנד און ניט עטלעכע און אַז די איינהייט פון אַזאַ פּאַרטיי, איר צוזאַמענגעשלאָסנקייט און צוליב דעם איר שלאַג־קראַפט זיינען פון דער העכסטער וויכטיקייט ;

ג) אַז דער רוקנביין פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע איז דער שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט ;

ד) אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי קען פאַרווירקלעכן די פּראָלע־טאַרישע רעוואָלוציע נאָר דעמאָלט, ווען זי פירט דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס אָדער מינדעסטנס אַ מערהייט פונעם אַרבעטער־קלאַס אין אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה ;

ה) אז דער דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע ווענדט זיך אין א גרויסער מאָס אָן דער פעיאיקייט פון דער פארטיי און דעם פראָלעטאריאַט צו פארבינדן זיך מיט גרויסע מאסן פון די אנדערע עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע גרופן און קלאסן פון דער באפעלקערונג, אין דער ערשטער ליניע די עקספּלואַטירטע פארמערס, דעם נידעריקערן מיטלשטאנד פון די שטעט, די האָרעפאַשנע אינטעליגענטן א. אז. וו.;

ו) אז דער צוטרוי צווישן דער פארטיי־פירערשאפט און פארטיי־מיטגלידערשאפט איז איינע פון די וויכטיקסטע באדינגונגען פאר דער־פאָלג און אז אומצוטרוי צו דער באָלשעוויסטישער פירערשאפט, אויב זי האָט ניט קיין גרונט, גראָבט אונטער די רעוואָלוציע;

ז) אז עס קען זיין נאָר איין קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל, וועלכער פירט די קאָמוניסטישע פארטייען פון דער וועלט;

ח) אז מען קען ניט זיין אן אמת'ער רעוואָלוציאָנער און קעמפן קעגן דעם סאָוועטן־פארבאנד, ווייל דער סאָוועטן־פארבאנד איז די גרעסטע דערגרייכונג פון דעם וועלט־פּראָלעטאריאַט און דער ביישפּיל פון בויען סאָציאַליזם.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו סטאַלינ'ס דעפיניציע. מען דארף געדענקען, אז סטאַלין האָט זי געמאכט אין דער צייט, ווען דער טראָצקיזם האָט נאָר וואָס אָנגעפאנגען צו הויבן זיין קאָפּ. די אָפּהאנדלונג „טראָצקיזם אָדער לעניניזם", וואו אָט די דעפיניציע איז אנטהאלטן, איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין נאָוועמבער 1924. עס איז מערקווירדיק, ווי קלאָר סטאַלין האָט געזען סיי די באדייטונג, סיי די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פונעם טראָצקיזם אין א צייט, ווען טראָצקי האָט זיך נאָך אָנגעזען ווי איינער פון די גרויסע העלדן פון דער רעוואָלוציע.

די „אייגנטימלעכקייטן" פון טראָצקיזם זיינען, לויט סטאַלינ'ען, די פאָלגנדיקע:

ערשטנס, טראָצקיזם איז די טעאָריע פון דער אזוי־גערופענער „פּערמאנענטער רעוואָלוציע", וואָס דאָס איז אן אנדער נאָמען פאר דער טעאָריע, אז עס איז ניט מעגלעך צו בויען סאָציאַליזם אינעם סאָוועטן־פארבאנד.

צווייטנס, טראָצקיזם באדייט א מאנגל אין צוטרוי צו דער באָלשעוויסטישער פּארטיי, איר איינהייט, איר פיינטלעכקייט צו אָפּאָרטו־

ניסטישע עלעמענטן, וואָס דאָס פירט צו דער טעאָריע פון „צוזאַמענ־לעבן פון רעוואָלוציאָנערן און אָפּאָרטוניסטן, פון זייערע גרופּן און גרופּקעס אין דער געבײַדע פון דער זעלביקער פּאַרטײַ".

דריטנס, טראָצקיזם באַדײַט אומצוטרוי צו די פירער פון באָלשע־וויזם, אַ פּראָבע צו דיסקרעדיטירן זיי, צו באַשמוצן זיי.

מיט אַ פּראָפעטישער פאַרשטענדעניש מערקט סטאַלין אָן די געפאַרן פון טראָצקיזם.

„אין וואָס באַשטייט די געפאַר פון דעם נייעם טראָצקיזם? זי באַשטייט אין דעם, וואָס דער טראָצקיזם, לויט זיין גאַנצן אינעווייניקסטן אינהאַלט, האָט יעדע געלעגנהייט צו ווערן דער צענטער און דער פאַראייניקונגס-פּונקט פון די ניט-פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, וועלכע שטרעבן אָפּצושוואַכן, ברענגען צום פאַנאַנדערפאַל די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

„טראָצקיזם טרעט איצט אַרויס מיטן צוועק צו אָנטקרויינען דעם באָלשעוויזם, צו אונטערגראָבן זיינע יסודות." („די אָקטאָבער-רעוואָלוציע", ענגליש, ז. 94.)

ווען סטאַלין האָט ווידעראַמאָל דעפינירט דעם טראָצקיזם מיט זעקס יאָר שפּעטער (יוני 1930), האָט ער נאָך געדאַרפט ברייטער אַנטוויקלען די זעלביקע „אייגנטימלעכקייט". די טעטיקייט פון די טראָצקיסטן פאַר די דאָזיקע יאָרן האָט זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין דער אורשפּרינגלעכער כאַראַקטעריסטיק. דאָס, וואָס סטאַלין האָט אין 1924 פאָראויסגעזען ווי אַ מעגלעכקייט, איז אין 1930 געווען אַ פעסט־געשטעלטע פּראַקטיק.

„וואָס איז דער עצם פון טראָצקיזם?" פרעגט סטאַלין אין 1930, און ער געפינט, אַז עס באַשטייט אין דעם פאָלגנדיקן:

„דער עצם פון טראָצקיזם באַשטייט קודם כל אין לייקענען די מעגלעכקייט פון בויען סאָציאַליזם אין דעם פ.ס.ס.ר. מיט די קרעפטן פון דעם אַרבעטער-קלאַס און דעם פּויערטום פון אונזער לאַנד. וואָס באַדײַט דאָס? דאָס באַדײַט, אַז אויב אין דער נאָענטער צוקונפט וועט ניט קומען קיין הילף פון אַ זיגרייכער וועלט-רעוואָלוציע, וועלן מיר דאַרפן קאַפּיטולירן פאַר דער בורזשואַזיע און אָפּרייניקן דעם וועג פאַר אַ בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעפּובליק. דאָס הייסט, אַז מיר האָבן דאָ דאָס בורזשואַזע לייקענען פון דער מעגלעכקייט צו בויען סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד — פאַרמאַסקירט מיט „רעוואָלוציאָנערער" פראַזע וועגן דעם זיג פון דער וועלט-רעוואָלוציע.

„דער עצם פון טראָצקיזם באַשטייט, צווייטנס, אין לייקענען די

מעגלעכקייט פון אַריינציען די פונדאַמענטאַלע מאַסן פון דעם פויערטום אין סאָציאַליסטישן אויפבוי אין דאָרף. וואָס באַדייט דאָס? דאָס באַדייט, אַז דער אַרבעטער-קלאַס איז ניט בכח צו פירן דאָס פויערטום נאָך זיך אין דער אויפגאַבע פון אַריבערפירן די אינדיווידועלע פויערשע באַלעבאַטישקייטן אַף קאָלעקטיווע רעלסן, אַז אויב עס קומט ניט אין דער נאָענטער צוקונפט דער זיג פון דער וועלט-רעוואָלוציע צו הילף דעם אַרבעטער-קלאַס, וועט דאָס פויערטום צוריק אויפשטעלן די אַלטע בורזשואַזע פאַראָנדקעס. דאָס הייסט, אַז מיר האָבן דאָ אַ בורזשואַזע אָפּלייקענען פון דער קראַפט און די מעגלעכקייטן פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור צו פירן דאָס פויערטום צום סאָציאַליזם, צוגעדעקט מיט אַ מאַסקע פון „רעוואָלוציאָנערע” פראַזן וועגן דעם זיג פון דער וועלט-רעוואָלוציע.

„דעם עצם פון טראָצקיזם באַשטייט, ענדלעך, אין לייקענען די נויטווענדיקייט פון אייזערנער דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי, אין אָנערקענען די פרייהייט פון פראַקציאָנעלע גרופּירונגען אין דער פּאַרטיי, אין אָנערקענען די נויטווענדיקייט פון בילדן אַ טראָצקיסטישע פּאַרטיי. פאַרן טראָצקיזם דאַרף די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) זיין ניט אַן איין-איינציקע צוזאַמענגעשלאָסענע קעמפערישע פּאַרטיי, נאָר אַ געזעמל פון גרופּן און פראַקציעס מיט זייערע אייגענע צענטערס, מיט זייער אייגענער פרעסע א. אַז. וו. און וואָס באַדייט דאָס? דאָס באַדייט די פּראָקלאַמירונג פון פרייהייט פון פּאָליטישע גרופּירונגען אין דער פּאַרטיי. דאָס באַדייט, אַז נאָך דער פרייהייט פון פּאָליטישע גרופּירונגען אין דער פּאַרטיי מוז קומען די פרייהייט פון פּאָליטישע פּאַרטייען אינעם לאַנד, ד. ה. בורזשואַזע דעמאָקראַטיע. דאָס הייסט, אַז מיר האָבן דאָ די אָנערקענונג פון דער פרייהייט פון פראַקציאָנעלע גרופּירונגען אין דער פּאַרטיי, וואָס דאָס פירט דירעקט צו דערלאָזן פּאָליטישע פּאַרטייען אין דעם לאַנד פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, — און דאָס אַלץ צוגעדעקט מיט פראַזן וועגן „אינעווייניק-פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע” און וועגן „פאַרבעסערן דעם רעזשים” אין דער פּאַרטיי.” (י. סטאַלין, „פראַגן פון לעניניזם”, 10טע רוסישע אויסגאַבע, זז. 418-419.)

לייקענען די מעגלעכקייט פון בויען סאָציאַליזם אין דעם פ.ס.ס.ר. הייסט נאָר אַנטמוטיקן די סאָוועטישע אַרבעטער, אונטערגראָבן זייער צוטרוי, לעשן זייער ענטוזיאַזם. לייקענען די מעגלעכקייט פון בויען סאָציאַליזם אין דאָרף הייסט נאָר אַנטמוטיקן די אָרעמע און מיטעלע פויערים, אָפּשוואַכן זייער קאַמף קעגן די קולאַקעס, אונטערגראָבן זייער צוטרוי צו דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט און זיין פּאַרטיי אַלס פירער פון דער רעוואָלוציע און בויער פון סאָציאַליזם. לייקענען די נויטווענדיקייט פון אייזערנער דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי הייסט נאָר דער-

מוטיקן דיסציפלין־ברוכן און אַזוי אַרום אָפּשוואַכן דאָס שטאַרקסטע געווער פון דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט. דעריבער האָט סטאַלין דאָס געשטעמפּלט (אין 1930) ווי „אַן אַנטי־פּראָלעטאַרישע, אַנטי־סאָוועטישע, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע גרופּע, וועלכע אינפאָרמירט זייער געטריי די בורזשואַזיע וועגן די אָנגעלעגנהייטן פון אונזער פּאַרטיי" (דאָרטן, ז. 417).

היינט־צו־טאָג באַנוגנט זיך דער טראָצקיזם ניט מער מיט „אינ־פאָרמירן" די בורזשואַזיע. היינט־צו־טאָג איז טראָצקיזם דער צענטער און פאַראייניקונגס־פּונקט פאַר די פיינט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. טראָצקיזם פּרואווט ניט נאָר אויפלייזן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר אויך אויפלייזן די קרעפטן וואָס פירן צו דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איבער דער גאַנצער וועלט.

נאָך צוריק מיט 6 יאָר, אין 1931, האָט סטאַלין געשריבן, אַז „דער טראָצקיזם איז דער אוואַנגאַרד פון דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע". די טעטיקייט פון טראָצקי'ן און די טראָצקיסטן פאַר די לעצטע יאָרן האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט אָט די כאַראַקטעריסטיק.

:: :: ::

אונזער דיסקוסיע וועט נאָכפאָלגן די דריי „אייגנטימלעכקייטן" פון טראָצקיזם אין דער אָרדענונג, וואָס איז אָנגעמערקט דורך סטאַלינ'ען. מיר וועלן דאַרפן צוגעבן עטלעכע קאַפּיטלען, וואָס באַ־האַנדלען די נייסטע מעשים פון די טראָצקיסטן סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, סיי אין אויסלאַנד.

פערטער קאַפּיטל

סאָציאַליזם אין איין לאַנד

דאָס לייקענען אין דער מעגלעכקייט פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד איז דער פונדאַמענט פון אַלע אידייען און פון דער גאַנצער פּאָליטיק פון טראָצקיזם. אָט דאָס לייקענען איז צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי הויפּט־פּאָראויסזעצונגען:

1. דאָס לייקענען אין דער מעגלעכקייט פון אַ זיגרייכער פּראָלע־טאַרישער רעוואָלוציע אין איין לאַנד וואו עס איז ניטאָ קיין גלייכ־צייטיקע רעוואָלוציע אין איינעם אָדער עטלעכע אַנדערע לענדער;

2. דאָס לייקענען אין דער מעגלעכקייט פון בויען סאָציאַליזם אין איין לאַנד, דאָרט וואו די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז שוין פאָרגעקומען — אויב עס איז ניטאָ קיין גלייכצייטיקע רעוואָלוציע אין אַנדערע לענדער.

דאָס איז אין היפּוך צו היסטאָרישע פאַקטן און אין היפּוך צו דעם סאַמע עצם פון דער לענינסטישער פאַרשטענדעניש פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

לאָמיר אָנהויבן מיט דעם לעצטן.

דער לענינסטישער באַגריף פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע שטאַמט פון דעם אַנאַליז פון דער איצטיקער שטופע פון קאַפּיטאַליזם אַלס אימפּעריאַליזם, די שטופע פונעם פוילן פון קאַפּיטאַליזם, פונעם „שטאַרבן פון קאַפּיטאַליזם". די וויכטיקסטע שטריכן פון דער אימ־פּעריאַליסטישער שטופע פון קאַפּיטאַליזם זיינען, לויטן לענינזם, די פאָלגנדיקע: 1) די הערשאַפט פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל אין די פאָרט־געשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער; עקספּאָרט פון קאַפּיטאַל צו די אָפּגעשטאַנענע לענדער, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר קוואַלן פון רוי־מאַטעריאַל; און אַלמעכטיקע אונטערדריקערישע פינאַנציעלע אָליגאַרכיע; 2) וואוקס פון „איינפלוס־ספערן" פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל; וואוקס פון זיינע קאָלאָניאַלע באַזיצונגען אין אַזאַ מאָס, אַז עס באַ־קומט זיך „אַ וועלט־סיסטעם פון פינאַנציעלער פאַרשקלאַפונג און פון דער קאָלאָניאַלער אונטערדריקונג פון דער ריזיקער מערהייט פון דער מענטשהייט דורך אַ הייפל „פאָרטגעשריטענע" לענדער; 3) אומ־

פאַרמיידלעכקייט פון ביטערע קאַמפן צווישן די לענדער, וואָס האָבן שוין פאַרכאַפּט די טעריטאָריעס פון דעם ערד־קוגל, און די יעניקע, וואָס ווילן ערשט קריגן זייער חלק — אַ קאַמף פאַר איבערטיילן דעם ערד־קוגל.

דער ערשטער פון די אויסגערעכנטע שטריכן פון אימפּעריאַליזם באַדייט „אַ פאַרשאַרפונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן קריזיס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און דעם וואוקס פון די עלעמענטן פון אויפרייס אַף דעם אינעווייניקסטן, פּראָלעטאַרישן פראָנט אין די „מוטער־לענדער". דער צווייטער שטריך פירט צו „אַ פאַרשאַרפונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן קריזיס אין די קאָלאָניאַלע לענדער און אַן אָנזאַמלונג פון עלעמענטן פון אומצופרידנקייט מיט דעם אימפּעריאַליזם אַף דעם אויסנווייניקסטן, דעם קאָלאָניאַלן פראָנט". די דריטע איינגעשאַפט שליסט איין דעם באַגריף וועגן „דער אומפאַרמיידלעכקייט פון מלחמה אונטערן אימפּעריאַליזם און די אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ קאָאַליציע צווישן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין אייראָפּע און דער קאָלאָניאַלער רעוואָלוציע אין מזרח, וואָס אַזוי ווערט געבילדעט דער פאַראייניקטער וועלט־פראָנט פון דער רעוואָלוציע קעגן דעם וועלט־פראָנט פונעם אימפּעריאַליזם". (זע לענין, „אימפּעריאַליזם"; סטאַלין, „פונדאַמענטן פון לעניניזם"; פּראָגראַם פונעם קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל.)

פון דעם אַנאַליז איז קלאָר, אַז עס עקזיסטירט אַן אימפּעריאַליסטישע סיסטעם פון דער וועלט־עקאָנאָמיק, וועלכע שטעלט מיט זיך פאַר אַן אינטעגראַלן איינס; אַז אָט דער איינס ווערט נאָכאַנאַנד צעריסן און אויפגעריסן דורך די ווידערשפּרוכן, וואָס זיינען אין אים אַנטהאַלטן, און אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, וועלכע איז צייטיק געוואָרן אומעטום, אפילו אין די בערך אָפּגעשטאַנענע לענדער, צוליב דעם, וואָס די סיסטעם אַלס אַ גאַנצע איז צייטיק פאַר רעוואָלוציע, קען ברעכן די קייט פון דעם אימפּעריאַליזם אין איר שוואַכסטן רינג.

אָט דער קוק אַף אימפּעריאַליזם ווי אַף אַן אינטעגרירטער סיסטעם און אַף דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אַלס אַזוינער, וואָס ברעכט אויס דאָרט, וואו דער אימפּעריאַליזם איז אַמשוואַכסטן, גיט דעם שליסל צו דער פאַרשטענדעניש פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

אָבער דאָס באַדייט, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע וועט פון אָנהויב אָן אומפאַרמיידלעך פאַרקומען אין איין־איינציקן לאַנד. אין

אַנדערע לענדער מעג די רעוואָלוציע קומען אָדער ניט קומען, אָבער דער כּלל וועט זיין, אַז די רעוואָלוציע וועט אויסברעכן אין איין לאַנד, דאָרט וואו צוליב דער אָדער יענער סיבה קען דער אימפּעריאַליזם מער ניט אויסהאַלטן דעם אָנגריף פון די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן.

דאָס אַלץ איז אַלף־בית און דאַרף זיין באַקאַנט יעדן איינעם, וואָס ווייסט די גרונט־פּרינציפּן פון לעניניזם. אָבער גראָד דאָס לייקנט דער טראָצקיזם.

טראָצקי האָט געווענדעט זיין קאַמף קעגן דער לעניניסטישער טעאָריע פון „אומגלייכמעסיקער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם". אין אָט די ווערטער האָט לענין אונטערגעפירט אַ סך־הכּל פון זיין לערע וועגן דער אימפּעריאַליסטישער שטופע פון קאַפּיטאַליזם, און אָט די אומגלייכמעסיקייט פון דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם ווערט געלייקנט פון טראָצקי'ן.

וואָס איז אַזוינס די אומגלייבמעסיקע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם? סטאַלין, וועלכער האָט זיך מער ווי יעדער איינער נאָך לענינ'ען אָפּגעגעבן מיט אַנטוויקלען די לעניניסטישע טעאָריע פון אימפּעריאַליזם און וועלט־רעוואָלוציע, דערקלערט דאָס אין דעם פאָלגנדיקן אופן:

די אומגלייכמעסיקע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם באַשטייט ניט אין דעם פאַקט, וואָס אייניקע לענדער זיינען עקאָנאָמיש מער פאָרטגעשריטן ווי די אַנדערע; אומגלייכמעסיקע אַנטוויקלונג, מיט אַנדערע ווערטער, מיינט ניט פאַרשיידענע גראַדן פון אַנטוויקלונג פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. נאָכמער: אָט די אונטערשיידן אין דעם גראַד פון אַנטוויקלונג האָבן אַ טענדענץ צו פאַרקלענערט ווערן אין דער איצטיקער עפּאָכע: עס קומט פאָר אַ פּראָצעס פון ניוועלירן די אונטערשיידן אין דעם גראַד פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אין די פאַרשיידענע לענדער; די אָפּגעשטאַנענסטע לענדער קעמפן צו דערגרייכן און אַריבעריאָגן דעם ניוואָ פון די פאָרטגעשריטענע לענדער. אומגלייכמעסיקע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם באַשטייט אויך ניט אין דעם, וואָס געוויסע לענדער האָבן, אַפן וועג פון עוואָלוציע, דעריאָגט און אַריבערגעיאָגט אַנדערע לענדער עקאָנאָמיש. אַזוינע ענדערונגען אין דער רעלאַטיווער פּאָזיציע פון פאַרשיידענע לענדער זיינען ניט קיין ספּעציפישער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אימפּעריאַליזם: אַזוינע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אויך אין דער פאַר־אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע.

וואָס־זשע דען איז דער געזעץ פון אומגלייכמעסיקער אַנטוויקלונג אונטערן אימפּעריאַליזם?

„דער געזעץ פון אומגלייכמעסיקער אַנטוויקלונג אין דעם פּעריאָד פון אימפּעריאַליזם (זאָגט סטאַלין) באַדייט די פּיבערהאַפּטע אַנט-וויקלונג פון אייניקע לענדער אין באַציאונג צו אַנדערע, דאָס שנעלע אַרויסשטויסן אייניקע לענדער פונעם וועלט-מאַרק דורך אַנדערע, דאָס פּעריאָדישע איבערטיילן די שוין-צעטיילטע וועלט דורך דעם מיטל פון מיליטערישע קאָנפליקטן און מיליטערישע קאַטאַסטראָפעס, די פאַרטיפונג און פאַרשאַרפונג פון קאָנפליקטן אין דעם לאַגער פון אים-פּעריאַליזם, די אָפּשוואַכונג פון דעם פראָנט פון וועלט-אימפּעריאַליזם, די מעגלעכקייט אַז אָט דער פראָנט זאָל דורכגעריסן ווערן דורך די פּראָלעטאַריער פון איינצלנע לענדער, די מעגלעכקייט פון דעם זיג פון סאָציאַליזם אין איינצלנע לענדער.” (י. סטאַלין, „וועגן דער אָפּאָ-זיציע”, רוסישע אויסגאַבע, ז. 515.)

צוויי יאָר פאַר דער רעוואָלוציע פון 1917 האָט לענין, אַרגומענ־טירנדיק קעגן דעם לאָזונג פון „פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע”, וואָס אייניקע באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגערוקט אין אָנהויב פון דער מלחמה, אָפּגעוואָרפן אָט דעם לאָזונג טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט איינגעשלאָסן די אידייע וועגן דער אוממעגלעכקייט פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד. די פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע אונטערן קאַפּיטאַ־ליזם, האָט לענין געזאָגט, איז אָדער אוממעגלעך, אָדער רעאַקציאָנער, ווייל דאָס מיינט דאָס זעלביקע ווי אַן אָפּמאַך צו צעטיילן די קאָלאָניעס. די פאַראייניקטע שטאַטן פון דער וועלט (ניט נאָר פון אייראָפּע) איז, לויט לענינ׳ען, אַ מלוכה־פאָרמע פון נאַציאָנאַלער פעדעראַציע און נאַציאָנאַלער פרייהייט, וועלכע די קאָמוניסטן פאַרבינדן מיטן סאָציאַ־ליזם.

„אַלס באַזונדערער לאָזונג אָבער (זאָגט לענין) וואָלט דער לאָזונג פאַראייניקטע שטאַטן פון דער וועלט קוים געווען אַ ריכטיקער, ערשטנס דערפאַר, וואָס ער פאַרשמעלצט זיך מיט סאָציאַליזם, צווייטנס דערפאַר, וואָס ער וואָלט געקענט פאַלש אויסגעטייטשט ווערן, אַז דאָס מיינט, אַז דער זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד איז אוממעגלעך. (אונטערגעשטראָכן פון אונז.—מ. אָ.). דאָס וואָלט אויך געקענט באַ-שאַפן פאַלשע אויסטייטשונגען וועגן די באַציאונגען פון אַזאַ לאַנד צו אַנדערע.”

לענין דערקלערט דאָן פּאָזיטיוו:

„אומגלייכמעסיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג איז אַן אַבסאָלוטער געזעץ פון קאַפּיטאַליזם (אונטערגעשטראָכן פון אונז.—

> מ. א.). דערפון איז געדרונגען, אז דער זיג פון סאציאליזם איז מעגלעך פון אנהויב אין עטלעכע אדער אפילו אין איין איינציקן קאפיטאליסטישן לאנד באזונדער. דער זיגרייכער פראלעטאריאט פון דעם דאזיקן לאנד, האבנדיק עקספראפריאירט די קאפיטאליסטן און ארגאניזירט זיין אייגענע סאציאליסטישע פראדוקציע, וואלט אויפגעשטאנען קעגן דעם רעשט פון דער קאפיטאליסטישער וועלט, צוציענדיק צו זיך די אונטערדריקטע קלאסן פון אנדערע לענדער, אויפהויבנדיק צווישן זיי אן אויפשטאנד קעגן די קאפיטאליסטן, ארויסטרעטנדיק אין פאל פון נויטווענדיקייט אפילו מיט באוואפנטער קראפט קעגן די עקספלואטאטארישע קלאסן און זייערע מלוכות." ווארים „עס איז נים מעגלעך די פרייע פאראייניקונג פון נאציעס אינעם סאציאליזם אן א מער אדער ווייניקער לאנג-דויערנדיקן און איינגעשפארטן קאמף פון די סאציאליסטישע רעפובליקן קעגן די אפגעשטאנענע מלוכות." (וו. אי. לענין, געזאמלטע ווערק, רוסישע אויסגאבע, באנד 18, זז. 232-233).

טראצקי לייקנט די אומגלייכמעסיקע אנטוויקלונג פון די קאפיטאליסטישער לענדער אונטערן אימפעריאליזם. ער לייקנט דעם גאנצן לעניניסטישן אנאליז פון אימפעריאליזם אלס איין אינטעגרירטע גאנצקייט, וועלכע מוז אומפארמיידלעך דורכגעבראכן ווערן דורך דער פראלעטארישער רעוואלוציע אין איר שוואכסטן פונקט. ער דענקט, אז די אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע ווידערשפרוכן פון אימפעריאליזם זיינען נים שארף גענוג צו דערמעגלעכן א דורכרייס פון דעם אימפעריאליסטישן פראנט אין אן איינצלנעם לאנד. ער דענקט, אז די קרעפטן פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע זיינען נים גענוג שטארק צו קענען דורכברעכן דעם פראנט פון אימפעריאליזם אין אן איינצלנעם לאנד. געטריי צו זיין מעטאדע פון פארדעקן דעפיטיזם מיט רעוואלוציאנערע פראזן, רוקט ער ארויס די אידייע פון א רעוואלוציע אין איין לאנד, וואס ווערט געשטיצט דורך גלייכצייטיקע רעוואלוציעס אין אנדערע לענדער, אבער דאס קען נים באזייטיקן דעם פאקט, אז ער זאגט צו די ארבעטער פון יעדן לאנד: „איר קענט נים מאכן קיין רעוואלוציע אליין; איר וועט געוויס באזיגט ווערן; ווארט ביז אנדערע לענדער וועלן אנהויבן; אויב עס איז נישטא קיין רעוואלוציע ערגעץ אנדערש, זייט איר פאר'משפט צום דורכפאל", — וואס דאס הייסט אייגנטלעך לייקענען די מעגלעכקייט פון א רעוואלוציע בכלל.

געוועזן א צייט, ווען די ערשטע רוסישע רעוואלוציע (1905-1906) איז נאך נים געווען געענדיקט, כאטש עס איז געווען קלאר, אז זי

גייט באַרג אַרונטער; ווען די באָלשעוויקעס צוזאַמען מיט לעניג׳ען האָבן אָנגעשטרענגט אַלע זייערע כחות צו אָנהאַלטן די אָרגאַניזאַציעס פונעם אַרבעטער־קלאַס באַם לעבן אונטער די קלעפּ פון דער וואַקסנדיקער רעאַקציע; ווען די באָלשעוויקעס האָבן געטאָן אַלץ מעגלעכעס צו אָפּשאַצן דאָס, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען, צו אַנאַליזירן די קרעפטן פון דער רעוואָלוציע, צו פאַרשטיין די סיבות פון דעם דורכפאַל פון די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן און צוגרייטן די מאַסן פאַר די נייע רעוואָלוציאָנערע שלאַכטן, וועלכע זיינען געווען אומפאַרמיידלעך, וואָרים די רעוואָלוציע האָט ניט דערגרייכט איר צוועק. גראָד אין יענער צייט איז טראָצקי אַרויסגעקומען מיט דער פאָלגנדיקער אָפּשאַצונג:

> „אָן אַ דירעקטער מלוכה-שטיצע פון דעם אייראָפּייאישן פּראָלעטאַריאַט קען זיך דער אַרבעטער-קלאַס פון רוסלאַנד ניט האַלטן אין דער מאַכט און פאַרוואַנדלען זיין צייטווייליקע הערשאַפט אין אַ דויערנדיקער סאָציאַליסטישער דיקטאַטור. דערין צווייפלען מיר ניט קיין איינציקע רגע.״ (ל. טראָצקי, „אונזער רעוואָלוציע״ רוסישע אויסגאַבע, 1906, ז. 278.)

וואָס זאָגט טראָצקי מיט אָט דער דעקלאַראַציע? ער זאָגט, אַז אויב אַפילו דורך אַ צוזאַמענפאַל פון אומשטענדן וואָלטן די אַרבעטער זיך געפונען אין באַזיץ פון מלוכה־מאַכט, וואָלטן זיי ניט געקענט אָנהאַלטן די דאָזיקע מאַכט. זיי וואָלטן געדאַרפט האָבן, זאָגט ער, די מלוכה־שטיצע פון דעם אייראָפּייאישן פּראָלעטאַריאַט, ד. ה. די שטיצע פון דעם אייראָפּייאישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער פאַרמאָגט מלוכה־מאַכט. אויב אַזאַ שטיצע איז ניטאָ, איז אַ דערפאָלגרייכע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אוממעגלעך — און עס איז נוצלאָז פאַר די רוסישע אַרבעטער צו פּרובירן פאַרכאַפּן די מאַכט. טראָצקי איז מסכים מיט די מענשעוויקעס, וועלכע, פאַרגעסנדיק דעם אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער פון דעם איצטיקן קאַפּיטאַליזם, האַלטן זיך נאָך בײַ דער אָפּגעדראָשענער אידייע, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע מוז זיין אַמשטאַרקסטן אין די פאָרטגעשריטנסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. טראָצקי, צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס, פאַרזעט די אומגלייכמעסיקע אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם, וועלכע דערקלערט, פאַרוואָס רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען קענען זיין אַמשטאַרקסטן דאָרט, וואו די קייט פון אימפּעריאַליזם איז אַמשוואַכסטן — וואָס דאָס איז ניט דווקא די פאָרטגעשריטנסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אַף לענינ'ס טעאָריע וועגן דער אומגלייכמעסיקער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם האָט טראָצקי אָט־וואָס געענטפערט. ער האָט דאָס געשריבן אין 1917 אין זיין בראָשורע: „פּראָגראַם פון פרידן". ער האָט דאָס איבערגעדרוקט אין 1924 אין זיינע געזאַמלטע ווערק, וואָס דאָס הייסט, אַז ער האָט דעמאָלט אויך געהאַלטן זיין ענטפער פאַר ריכטיק.

„די איינציקע מער אָדער ווייניקער קאָנקרעטע היסטאָרישע באַטראַכטונג, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן קעגן דעם לאָזונג פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע, איז פאָרמולירט געוואָרן אין דעם שווייצאַרישן „סאָציאַל־דעמאָקראַט" (באָלשעוויסטישער אָרגאַן—מ. אַ.) אין פאָלגנדיקן זאַץ: „אומגלייכמעסיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג איז אַן אַבסאָלוטער געזעץ פון קאַפּיטאַליזם." דערפון האָט דער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" געצויגן דעם שלוס, אַז דער זיג פון סאָציאַליזם איז מעגלעך אין איין איינציקן לאַנד און אַז דעריבער האָט קיין זין ניט געהאַט צו מאַכן די שאַפונג פון פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע פאַר דער באַדינגונג פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אין יעדן לאַנד באַזונדער. אַז די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג אין פאַרשיידענע לענדער איז אומגלייכמעסיק, איז אַן אַבסאָלוט אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט. אָבער אָט די אומגלייכמעסיקייט גופא איז אַליין אומגלייכמעסיק. דער קאַפּיטאַליסטישער ניוואָ פון ענגלאַנד, עסטרייך, דייטשלאַנד אָדער פראַנקרייך איז ניט פונקט דער זעלבער. אָבער אין פאַרגלייך מיט אַפריקע אָדער אַזיע שטעלן אָט די אַלע לענדער מיט זיך פאַר די קאַפּיטאַליסטישע „אייראָפּע", וועלכע איז שוין צייטיק געוואָרן פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אַז קיין איינציק לאַנד דאַרף ניט „וואַרטן" אַף אַנדערע אין איר אייגענעם קאַמף, איז אַן עלעמענטאַרע אידייע, וועלכע עס איז ניצלעך און נויטיק צו ווידערהאָלן כדי אויסצומיידן אַוועקצושטעלן די אידייע פון וואַרטנדיקער אינטערנאַציאָנאַלער אומטעטיקייט אַפן פּלאַץ פון גלייכצייטיקער אינטערנאַציאָנאַלער טעטיקייט. ניט וואַרטנדיק אַף אַנדערע, הויבן מיר אָן און זעצן פאָר אונזער קאַמף אַף אונזער אייגענער ערד, זייענדיק זיכער, אַז אונזער איניציאַטיווע וועט געבן אַ שטויס דעם קאַמף אין אַנדערע לענדער; אָבער אויב דאָס זאָל ניט טרעפן, דאַן וואָלט געווען האָפענונגסלאָז, אין דעם ליכט פון די היסטאָרישע דערפאַרונגען און אין דעם ליכט פון טעאָרעטישע באַטראַכטונגען, צו דענקען, למשל, אַז אַ רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד וואָלט זיך געקענט האַלטן פנים אל פנים מיט אַ קאָנסערוואַטיווער אייראָפּע אָדער אַז אַ סאָציאַליסטישע דייטשלאַנד וואָלט געקענט בלייבן איזאָלירט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט." (ל. טראָצקי, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד דריי, טייל 1, זז. 89-90, אונטערגעשטראָכן פון אונז.)

כאַראַקטעריסטיש איז טראָצקי'ס באַמערקונג וועגן איין איינציקער פראַזע. די איינציקע „מער אָדער ווייניקער קאָנקרעטע היסטאָרישע באַטראַכטונג", זאָגט טראָצקי, קעגן דעם לאָזונג פון פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע און פאַר דער מעגלעכקייט פון אַ דערפאָלגרייכער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין איין איינציקן לאַנד געפינט ער נאָר אין איין פראַזע. טראָצקי מאַכט זיך ניט וויסנדיק וועגן דער גאַנצער לעניניסטישער טעאָריע פון אימפּעריאַליזם אַלס די שטופּע פונעם פוילנדיקן קאַפּיטאַליזם, פונעם שטאַרבנדיקן קאַפּיטאַליזם. די גאַנצע ווייטפאַרצווייגטע לעניניסטישע טעאָריע פון רעוואָלוציע עקזיסטירט ניט פאַר אים. ער מאַכט זיך פון איר ניט וויסנדיק. לענינ'ס באַטראַכטונג וועגן דער אומגלייכמעסיקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג מאַכט ער אַוועק מיט דער האַנט, באַמערקנדיק, אַז די הויפּט־לענדער פון אייראָפּע זיינען אַלע פאַרטיק פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. וואָס ער זעט ניט איז — די ווידערשפּרוכן צווישן ענגלאַנד, עסטרייך, דייטשלאַנד אָדער פראַנקרייך פון איין זייט און די ווידערשפּרוכן צווישן די דאָזיקע לענדער און זייערע קאָלאָניעס און איינפלוס־ספערן פון דער אַנדערער זייט. באַ אים קומט ניט די רעוואָלוציע ווי אַ רעזולטאַט פון אָט די ווידערשפּרוכן, פון אַ דורכברייס אין דעם אימפּעריאַליסטישן פראָנט אין איין אָדער עטלעכע לענדער. באַ אים קומט די רעוואָלוציע גלייכצייטיק אָדער כמעט גלייכצייטיק אין די פאָרטגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער — אָדער זי קומט גאָרניט. און אַזוי ווי רעוואָלוציעס פאַסירן ניט אַף אַזאַ אופן, איז קלאָר, אַז טראָצקי זעט ניט די מעגלעכקייט פון רעוואָלוציע. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1924, זיבן יאָר נאָך אָקטאָבער. עס איז האָפענונגסלאָז, זאָגט טראָצקי, צו דענקען, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וואָלט זיך געקענט „האַלטן" פנים אל פנים מיט אַ קאָנסערוואַטיווער אייראָפּע.

דאָס הייסט, ווי סטאַלין רופט עס, „זינדיקן קעגן דער ווירקלעכקייט". דער פאַקט, וואָס דער פראָלעטאַריאַט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געהאַלטן די מאַכט אין אַ משך פון זיבן יאָר פנים אל פנים מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע, האָט געדאַרפט געווען איבערצייגן יעדן איינעם אין דער ריכטיקייט פון דער לעניניסטישער טעאָריע וועגן אַ זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין איין לאַנד. אָבער וואָס זיינען היסטאָרישע פאַקטן פאַר טראָצקי'ן? ביזן היינטיקן טאָג

האַלט ער זיך אָן דער באַנקראָטירטער טעאָריע וועגן דער אוממעגלעכ־קייט פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד.

ווען די לעניניסטן רעדן וועגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין איין לאַנד, לייקענען זיי ניט די רעוואָלוציאָנערע הילף און שטיצע, וואָס קומט פון די מאַסן פון אַנדערע לענדער. עס איז אַ גוט־באַקאַנטער פאַקט, אַז אָן דער הילף פון די מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואָלט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זיך ניט געקענט האַלטן. אָט די הילף, וואָס די מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן געגעבן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, איז אַליין איינער פון די ווידער־שפּרוכן פון אימפּעריאַליזם: די לאַגע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער מעג נאָך ניט זיין צייטיק פאַר אַ רעוואָלוציע, אָבער די אַרבעטער און די אַנדערע עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע זיינען געגנוג רעוואָלו־ציאָנער צו וויסן, אַז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אינעם פ.ס.ס.ר. איז די גרעסטע דערגרייכונג פון דער וועלט־רעוואָלוציע, און זיי זיינען גענוג אַנטשלאָסן צו קעמפן קעגן זייערע היימישע אימ־פּעריאַליסטן, פּאַרטיידיקנדיק דאָס אַרבעטער־פאָטערלאַנד.

פון דער אַנדערער זייט לייקנט ניט די לענינסטישע טעאָריע די מעגלעכקייט, אַז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אין איין איינציקן לאַנד זאָל געבראָכן ווערן דורך אַ פּאַראייניקטער אַקציע פונעם וועלט־אימפּעריאַליזם — הגם די וואַרשיינלעכקייט פון אַזאַ אַטאַקע ווערט קלענער מיט דעם וואוקס פון דעם פ.ס.ס.ר. און פון דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איינגעשלאָסן די קאָלאָניעס. אָבער, זייענדיק רעוואָלוציאָנערן, פרעגן זיך די לענינסטן: וואָס זאָל דער פּראָלעטאַריאַט טאָן אין אַ רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע, וואו עס איז דאָ די וואַרשיינלעכקייט פון אַ דערפאָלגרייכער אַטאַקע אויף דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, די וואַרשיינלעכקייט פון דער פאַר־כאַפּונג פון מאַכט דורך דעם פּראָלעטאַריאַט? די לעניניסטן זאָגן, אַז אין אַזוינע באַדינגונגען איז עס די פליכט פון די אַרבעטער צו פאַר־כאַפּן די מאַכט. די טראָצקיסטן זאָגן, אַז די אַרבעטער דאַרפן פריער פעסטשטעלן, צי עס איז דאָ די וואַרשיינלעכקייט פון אַ רעוואָלוציע אין עטלעכע אַנדערע לענדער; אויב עס איז ניטאָ אַזאַ וואַרשיינלעכ־קייט, טאָרן די אַרבעטער ניט פאַרכאַפּן די מאַכט. די לעניניסטן זיינען פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערן. טראָצקיזם אַנטוואָפנט דעם פּראָלע־טאַריאַט, שטערט אים אויסצונוצן אַ רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע.

ווי איז דאס מעגלעך געווען, אז טראצקי זאל פארזען די עקזיסטענץ פונעם סאוועטן־פארבאנד? איז עס דען ניט א פאקט, אז די ארבעטער פון רוסלאנד, אונטער דער פירערשאפט פון דער באלשעוויסטישער פארטיי, האבן פארכאפט די מאכט אין אקטאבער פון 1917 „פנים אל פנים מיט א קאנסערוואטיווער אייראפע”? איז דאס דען ניט געווען א רעוואלוציע אין איין איינציקן לאנד? האבן זיך דען די ארבעטער ניט געהאלטן אין מאכט אזוי פיל יארן?

טראצקי קען ניט פארזען אט דעם פאקט, וועלכער שטעכט אים די אויגן. אבער כדי צו בארעכטיקן זיין אורשפרינגלעכע „טעאריע” וועגן דער אוממעגלעכקייט פון א דערפאלגרייכער סאציאליסטישער רעוואלוציע אין איין איינציקן לאנד, גיט ער אן אינטערפרעטאציע, וואס וויל אפווישן דעם פאקט. וואס מיר האבן אין סאוועטן־פארבאנד, איז, לויט זיין מיינונג, ניט קיין אמתיע סאציאליסטישע רעוואלוציע; דאס, וואס מען טוט אין סאוועטן־פארבאנד, איז ניט די ארבעט פון בויען סאציאליזם.

אין א נאכווארט צו א נייער אויפלאגע פון זיין בראשור „פראגראם פון פרידן” שרייבט ער אין 1922:

> „די באהויפטונג, וואס איז עטלעכע מאל ווידערהאלט געווארן אין דער „פראגראם פון פרידן”, אז די פראלעטארישע רעוואלוציע קען ניט דורכגעפירט ווערן צו א זיגרייכן שלום אין די גרענעצן פון איין לאנד, קען אויסזען בא איניקע לייענער ווי אפגעלייקנט דורך די כמעט פינף־יאריקע דערפארונגען פון אונזער סאוועטן־רעפובליק. אבער אזא אויספיר וואלט ניט געהאט קיין גרונט. דער פאקט, וואס די ארבעטער־מלוכה האט זיך געהאלטן קעגן דער גאנצער וועלט אין איין איינציקן לאנד, און דערצו נאך אין א צוריקגעשטאנענעם לאנד, באווייזט די קאלאסאלע מאכט פון דעם פראלעטאריאט, וועלכע וועט פויאיק זיין אויפצוטאן אמת׳ע וואונדער אין אנדערע, מער פארטגעשריטענע, מער ציוויליזירטע לענדער. אבער, הגם מיר האבן זיך געהאלטן אין דעם פאליטישן און מיליטערישן זין ווי א מלוכה, האבן מיר נאך ניט אנגעהויבן די ארבעט פון שאפן א סאציאליסטישע געזעלשאפט און זיינען אפילו נאך ניט צוגעגאנגען צו אט דער שטופע. אזוי לאנג ווי די בורזשואזיע בלייבט אין מאכט אין די אנדערע אייראפעאישע לענדער, זיינען מיר געצוואונגען, אין אונזער קאמף קעגן עקאנאמישער איזאלאציע, צו זוכן אפמאכן מיט דער קאפיטאליסטישער וועלט; אין דער זעלביקער צייט קען מען זאגן מיט געוויסנהיים, אז די דאזיקע אפמאכן קענען אין בעסטן פאל אונז העלפן אויסהיילן איניקע פון אונזערע עקאנאמישע איבלען, צו מאכן איינעם אדער אן

אַנדערן טריט פאָראויס, אָבער אַן אמת'ער פאָרטשריט אין דעם אויפ־בוי פון אַ סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק אין רוסלאַנד וועט ווערן מעגלעך נאָר נאָך דעם זיג פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין די וויכטיקסטע לענדער פון איירָאָפּע." (ל. טראָצקי, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 3, טייל 1, זז. 92-93.)

אַט אַזוי מאַכט טראָצקי צו נישט די דערפאָלגן פון דער פּראָלע־טאַרישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. דאָס וואָס ער זאָגט, איז ניט ריכטיק, אָבער ער וואָלגערט אַן איין פאַנטאַסטישע באַהויפּטונג אויף דער צווייטער, כדי צו פאַרדעקן זיין אורשפּרינגלעכן טעות. די אַר־בעטער האָב יאָ אַנגעהאַלטן די מאַכט אין רוסלאַנד; די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע האָט זיך יאָ געהאַלטן פּנים אל פּנים מיט אַ פיינטלעכער וועלט, אָבער טראָצקי מוז אַלעמאָל בלייבן גערעכט. אויב עמיצער איז שולדיק, איז דאָס די רעוואָלוציע, און ניט טראָצקי. אַזוי קומט דאָס באַ אים אויס. סאָציאַליזם אין רוסלאַנד קען ניט געבויט ווערן אָן דעם זיג פון דעם פּראָלעטאַריאַט „אין די וויכטיקסטע לענדער פון אייראָפּע". דעריבער קומט אויס, אַז דאָס, וואָס ס'ווערט געבויט אין רוסלאַנד, איז ניט סאָציאַליזם.

אַזוי האָט ער געשריבן אין 1922. אַזוי האָט ער געשריבן אין 1935, ווען ער האָט דערקלערט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד דער־נעענטערט זיך צו „זיין אַלגעמיינעם קריזיס".

„די פּאָליטישע קריזיסן גייען זיך צוזאַמען אין דער ריכטונג פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס, וועלכער קריכט אַלץ ווייטער און וועלכער דריקט זיך אויס אין דעם פאַקט, וואָס ניט געקוקט אויף דער גוואַלדאָוו־נער פאַרווענדונג פון ענערגיע דורך די מאַסן און די גרעסטע טעכנאָ־לאָגישע דערפאָלגן, בלייבן נאָך די עקאָנאָמישע דערגרייכונגען ווייט הינטערשטעליק און די גרעסטע מערהייט פון דער באַפעלקערונג פירט נאָך אַלץ אַן אַן אָרעמע עקזיסטענץ." (ל. טראָצקי, „דער קיראָוו־מאָרד", 1935, ז. 12.)

אַט דאָ זיינען מיר צוגעגאַנגען צום סאַמע קוואַל פון טראָצקי'ס מעטאָדע. כדי צו באַווייזן, אַז סאָציאַליזם אין איין לאַנד איז אומ־מעגלעך, פּרואווט ער באַווייזן, אַז די דערגרייכונגען פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען דער היפּוך פון סאָציאַליסטישן אויפבוי. צו באַ־קרעפטיקן זיין ארגומענט פירט ער אָן מיט דער קאָנטר־רעוואָלוציע, וועלכע פּרואווט שעדיקן דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי און צעשטערן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

טראָצקי בלייבט געטריי זיך אַליין פון אָנהויב ביזן סוף.

פינפטער קאַפּיטל

די רעוואָלוציע און דאָס פויערטום

די חכמה'דיקע טעאָריע וועגן דער אוממעגלעכקייט פון סאָציאַליזם אין איין איינציקן לאַנד האָט באַקומען דעם אומריכטיקן נאָמען „פּער־מאַנענטע רעוואָלוציע". דער אויסדרוק איז אַ פאַלשער, ווי אַ סך אַנדערע בלומרשטע מאַרקסיסטישע טערמינען, וואָס טראָצקי נוצט. די טראָצקיסטישע „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע" איז פּונקט דער היפּוך פון דעם, וואָס דער מאַרקסיזם פאַרשטייט אונטער פּערמאַנענטער רעוואָ־לוציע. טראָצקי'ס „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע" איז אַ פראַגע צו דער־קלערן, פאַרוואָס אַ רעוואָלוציע אין איין איינציקן לאַנד מוז זיין אַ דורכפאַל אין לאַנד גופא, כאָטש זי ווערט ניט געבראָכן דורך אַן אָנפאַל פון דרויסן. די דערקלערונג באַשטייט אין דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט קיין פאַרבינדעטע אין אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין דעם לאַנד, וואו אַזאַ רעוואָלוציע קומט פאָר. ספּעציעל פּרוּווט דער טראָצ־קיזם באַווייזן, אַז די פויערשע מאַסן שטעלן מיט זיך ניט פאָר קיין רעוואָלוציאָנערן רעזערוו און אַז דעריבער איז אַ רעוואָלוציע אין איין איינציקן לאַנד פאַר.משפּט צו פאַלן אונטער דעם אָנפאַל פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קרעפטן, וועלכע שליסן איין אויך דאָס פויערטום, סיידן די הילף וועט קומען פון אַ זיגרייכער רעוואָלוציע אין אַנדערע לענדער. טראָצקי'ס „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע" איז אויף אַזאַ אופן אַן אויסדרוק פון דעם אומגלויבן אין דער פעיִקייט פון דעם פּראָלע־טאַריאַט צו פירן מיט זיך אין דער רעוואָלוציע די ברייטע מאַסן פון די אַנדערע עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג.

די מאַרקסיסטישע טעאָריע פון רעוואָלוציע איז דווקא געבויט אויף דעם באַגריף, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז דער פירער פון אַלע עקס־פּלואַטירטע און אונטערדריקטע קלאַסן אין דער רעוואָלוציע. די העגע־מאָניע פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע איז דער פונדאַ־מענט פון דער מאַרקסיסטישער פאַרשטענדעניש פון רעוואָלוציע. דער געדאַנק פון דער העגעמאָניע פון דעם פּראָלעטאַריאַט האָט געפונען זיין קלאַסישן אויסדרוק נאָך אינעם יאָר 1850 אין אַ שריפט פון מאַרקס

און ענגעלס, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „אויפרוף פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט צום קאָמוניסטן־בונד”.

אין אָט דעם דאָקומענט, וועלכער איז געווען אַדרעסירט צו איינער פון די ערשטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע, האָבן מאַרקס און ענגעלס אָנגעמערקט די אויפגאַבן פון אַ רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־פּאַרטיי אין אַזוינע רעוואָלוציעס, ווי די, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אייראָפּע אין 1848, ד. ה. אין אַ רעוואָלוציע קעגן דער פעאָדאַלער סיסטעם. מאַרקס און ענגעלס, האָבנדיק אינזינען די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס און וויסנדיק אויסגעצייכנט, אַז די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, ד. ה. אַ רעוואָלוציע וואָס שטעלט איין אַ בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, קען קיינמאָל ניט באַפרידיקן די אמת'ע פאָדערונגען פון די אַרבעטער, האָבן פונדעסטוועגן ניט געקוקט אויף די אַרבעטער ווי אויף אַזוינע, וואָס זיינען איזאָלירט פון אַלע אַנדערע קרעפטן אין דער רעוואָלוציע. זיי האָבן פאָרמולירט די אויפגאַבע פון די אַרבעטער אויף דעם פאָלגנדיקן אופן: צוזאַמען מיט די קליינבירגער־לעכע דעמאָקראַטן קעגן דער אַלטער סיסטעם; קעגן די קליינבירגער־לעכע דעמאָקראַטן צוזאַמען מיט דער דאָרפישער אַרעמשאַפט, ווען די קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטן וועלן זיך באַפעסטיקן און ווערן די הערשנדיקע מאַכט אין דער מלוכה. דער דאָקומענט זאָגט ווייטער:

„בשעת די דעמאָקראַטישע בורזשואַ ווינטשן צו פאַרענדיקן די רעוואָלוציע אַזוי שנעל ווי מעגלעך מיט דעם אויסקוק צו באַגנוגענען זיך אין בעסטן פאַל מיט דער רעאַליזאַציע פון נאָר אָט די פאָדערונגען (די פאָדערונגען פון דער קליין-בורזשואַזיע), באַשטייען אונזערע אינטערעסן און אונזערע אויפגאַבן אין מאַכן די רעוואָלוציע פערמאַנענט ביז וואַנען אַלע מער אָדער ווייניקער אייגנטום-באַזיצנדיקע קלאַסן זיינען באַזייטיקט געוואָרן פון דער מאַכט, ביז וואַנען דער פּראָלעטאַריאַט האָט דעראָבערט מלוכה-מאַכט, ביז וואַנען דער פאַרבאַנד פון די פּראָלעטאַריער ניט נאָר אין איין לאַנד, נאָר אין אַלע פירנדיקע לענדער פון דער וועלט האָט זיך אַנטוויקלט אַזוי ווייט, אַז די קאָנקורענץ צווישן די פּראָלעטאַריער פון אָט די לענדער האָט אויפגעהערט און מינדעסטנס די אַנטשיידנדיקע פּראָדוקטיווע קרעפטן זיינען קאָנצענטרירט אין די הענט פון די פּראָלעטאַריער. דאָס, וואָס ס'אינטערעסירט אונז, איז ניט אַן ענדערונג אין פּריוואַט-אייגנטום, נאָר די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט-אייגנטום, ניט ווייכער מאַכן די קלאַסן-קעגנזאַצן, נאָר אָפּשאַפן די קלאַסן, פאַרבעסערן די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפט, גרינדן אַ נייע געזעלשאַפט.” (אונטערגעשטראָכן פון אונז —

מ. אַ.) (מאַרקס און ענגעלס, געקליבענע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 8, ז. 483.)

דאָ האָבן מיר אין אַ מערקווירדיק קלאָרער פאָרמע די באַגרינדונג פון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע ווי זי ווערט פאַרשטאַנען בײַ מאַרקס'ן און ענגעלס'ן. מיר, די פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט, זאָגן מאַרקס און ענגעלס, זײַנען ניט פאַראינטערעסירט אין פאַרענדיקן די רעוואָלוציע, ד. ה. די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע. מיר זײַנען פאַראינטערעסירט אין מאַכן אַ פּערמאַנענטע רעוואָלוציע, דאָס הייסט מאַכן אַזוי, אַז זי זאָל איבערגיין פון איין שטופּע צו דער צווייטער, פון אַ בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע צו אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, פון אַ רעוואָלוציע, וועלכע פּרואווט פאַרבעסערן די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפט, צו אַ רעוואָלוציע, וועלכע גרינדעט אַ נײַע געזעלשאַפט, פון אַ רעוואָלוציע, אין וועלכער די בורזשואַזיע איז די הערשנדיקע קראַפט און האַלט אין אירע הענט די פּראָדוקציע־מיטלען, צו אַ רעוואָלוציע, וואו דער פּראָלעטאַריאַט איז אין מאַכט און ער נאַציאָנאַליזירט אַלע פּראָדוקציע־מיטלען, פון אַ קלאַסן־געזעלשאַפט צו אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט. מאַרקס און ענגעלס ווײַזן אָן די וויכטיקייט פון אַ פּערמאַנענטער רעוואָלוציע. דערבײַ זאָגן זיי אָבער, אַז אַזוי לאַנג ווי עס קומט פאָר די בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, טאָרן די אַרבעטער ניט פאַרגעסן, אַז זיי זײַנען די פירער פון אַלע עקספּלואַטירטע.

„ווי אין דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלן די קלײנבירגער איבערגעבן די פעאָדאַלע גיטער אין די הענט פון די פּויערים ווי פרײַער אײגנטום, ד. ה., זיי וועלן ווינטשן אײנצוהאַלטן דעם דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט און צו באַשאַפן אַ קלײנבירגערלעכן פּויערים־קלאַס. . . . די אַרבעטער דאַרפן האַנדלען קעגן אָט דעם פּלאַן אין די אינטערעסן פון דעם דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט און אין זייערע אײגענע אינטערעסן. זיי דאַרפן פאָדערן, אַז דאָס קאָנפיסקירטע פאַרמעגן זאָל ווערן מלוכה־פאַרמעגן און זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַרבעטער־קאָלאָניעס, וועלכע ווערן באַאַרבעט דורך דעם דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט אין אַסאָציאַציעס און מיט דער הילף פון די פאָרצוגן פון גרויס־אַגריקולטור. אונטער אַזוינע באַדינגונגען, וואו די בורזשואַזע אײגנטום־באַציאונגען ווערן דערשיטערט, וועט דער פּרינציפּ פון געזעלשאַפטלעכן אײגנטום אַף אַזאַ אופן אַוועקגעשטעלט ווערן אַף אַ פעסטן באַזיס. פּונקט ווי די דעמאָקראַטן פאַראײניקן זיך מיט

די פּויערים, מוזן די אַרבעטער זיך פּאַראייניקן מיט דעם דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט." (דאָרטן, ז. 487.)

דאָ איז אָנגעמערקט אַ פּלאַן פון אַ פאַרבינדונג צווישן די אַר־בעטער מיט די אַנדערע עקספּלואַטירטע און עס איז אָנגעוויזן, ווי אַזוי די אינטערעסן פון די עקספּלואַטירטע דאַרפן פאַרטיידיקט ווערן אין דער רעוואָלוציע.

די טעאָריע און פּראַקטיק פון דער העגעמאָניע פון דעם פּראָלע־טאַריאַט אין דער רעוואָלוציע איז אַנטוויקלט און פאַרפולקאָמט געוואָרן אין דער רוסישער רעוואָלוציע דורך די באָלשעוויקעס מיט לענינ'ען.

דער אַבסאָלוטיזם האָט געהערשט אין רוסלאַנד. די סיסטעם איז געווען האַלב־פעאָדאַל. די מאַכט איז געווען אין די הענט פון די פּריצים און פון אַ מעכטיקער ביוראָקראַטיע. דער צאַר האָט געקוקט אַף זיך ווי אַף דעם ערשטן לאַנד־באַזיצער. ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַנטוויקלט אין דעם לעצטן פערטל פון דעם 19טן יאָרהונדערט, האָט דער צאַריזם זיך געפונען געצוואונגען אָפּצוטרעטן אייניקע רע־גירונגס־שטעלער די פאַרטרעטער פון די רייכע פאַבריקאַנטן און באַנ־קירן. אַ נייע אינדוסטריע מיט אַ מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט זיינען אויפגעקומען, אָבער שטאַרקע רעשטן פון פעאָדאַליזם האָבן געהערשט אין דאָרף. די פּויערים האָבן אפילו ניט געהאַט די פולע פרייהייט אויסצוקלייבן זייער וואוין־אָרט. די פּריצים האָבן געהאַט איבער די פּויערים פּריווילעגיעס, וואָס האָבן דערמאָנט די לייב־אייגנשאַפט. די ברייטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג: אַרבעטער, פּויערים, דער נידע־ריקערער מיטלשטאַנד פון די שטעט, האָבן כמעט ניט געהאַט קיין פּאָליטישע רעכט. אַ צייט איז געקומען, ווען די רעוואָלוציע האָט אויס־געזען אומפאַרמיידלעך. עס איז געווען אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פון די אַנדערע עקספּלואַטירטע מאַסן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל נעמען די פירערשאַפט — די העגעמאָניע — אין דער רעוואָלוציע. אָט פאַר דעם טאַקע האָבן געקעמפט די באָלשעוויקעס.

וואָס זאָל דער אַרבעטער־קלאַס פאָדערן פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע? האָבן זיי געפרעגט. וואָס איז דער צוועק פון דער רעוואָ־לוציע? די סאָציאַליסטן פון דעם מענשעוויסטישן סאָרט (סאָציאַל־רעפאָרמיסטן) האָבן געגלויבט, אַז די איינציקע זאַך, וואָס די רעוואָ־לוציע קען דערגרייכן, איז עטאַבלירן אַ דעמאָקראַטיע לויט דעם ענגלישן אָדער פראַנצויזישן מוסטער. די מענשעוויקעס האָבן געזאָגט, אַז די

אַרבעטער דאַרפֿן זיין צופֿרידן מיט קאָנסטיטוציאָנעלע פֿרייהייטן און מיט אָנטייל אין אַ בורזשואַזן פּאַרלאַמענט. דאָס, האָבן זיי געטראַכט, איז דער מאַקסימום, וואָס מען קען זיך ווינטשן אין די געגעבענע באַדינגונגען. וואָס איז שייך איינפֿירן סאָציאַליזם, האָבן זיי דאָס אָפּגעלייגט אויף דער נעבלדיקער און ווייטער צוקונפֿט. אויב זיי האָבן ווען געטראַכט וועגן סאָציאַליזם, האָבן זיי זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז ער וועט קומען — בּיסלעכווייז, פֿאַרשטייט זיך, און אָן געוואַלדזאַמע אויפֿטרייסלונגען — אין אַ הונדערט אָדער אפֿשר אין צוויי הונדערט יאָר אַרום נאָך דער בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. דער אמת איז, אַז זיי האָבן קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן סאָציאַליזם אין פֿאַרבינדונג מיט דער רעוואָלוציע, וואָס איז געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג.

אַנדערש איז געווען די שטעלונג פֿון די באָלשעוויקעס מיט לענינ'ען אין זייער שפּיץ. נאָך אין 1894, שליסנדיק זיין אָפּהאַנדלונג: „ווער זיינען די „פֿריינט פֿונעם פֿאָלק" ?", וואו ער מערקט אָן די ראָלע פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט און זיין פּאַרטיי, זאָגט לענין:

„ווען זיינע (דעם פּראָלעטאַריאַט'ס) פֿאָרטגעשריטענע פֿאָרטרעטער וועלן אָנאייגענען די אידייען פֿון וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם, די אידייע וועגן דער היסטאָרישער ראָלע פֿון דעם רוסישן אַרבעטער, ווען אָט די אידייען וועלן ווערן ווייט פֿאַרשפּרייט און עס וועלן באַשאַפֿן ווערן צווישן די אַרבעטער שטאַנדהאַפֿטיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלן פֿאַרוואַנדלען די איצט ספּאָראַדישע עקאָנאָמישע שלאַכטן פֿון די אַרבעטער אין אַ באַוואוסטזיניקן קלאַסן־קאַמף, דאַן וועט דער רוסישער אַרבעטער, דערהויבנדיק זיך אין דעם שפּיץ פֿון אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן, אַרונטערוואַרפֿן דעם אַבסאָלוטיזם און פֿירן דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט (האַנט אין האַנט מיט דעם פּראָלעטאַריאַט פֿון אַלע לענדער) אויף דעם גלייכן וועג פֿון אָפֿענעם פּאָליטישן קאַמף צו אַ זיגרייכער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע." —(וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 1, ז. 194.)

דאָ האָבן מיר אַ פֿולשטענדיקן עסקיז פֿון דער טעאָריע פֿון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע, ווי זי ווערט פֿאַרשטאַנען פֿון די מאַרקסיסטן. דער פּראָלעטאַריאַט מאַרשירט אין דעם שפּיץ פֿון די אַנדערע דעמאָקראַטישע עלעמענטן צו אַ בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע; צוזאַמען מיט אָט די עלעמענטן וואַרפֿט ער אַרונטער דער אַבסאָלוטיזם און עטאַבלירט אַ בורזשואַזע דעמאָקראַטיע; אָבער דאָ בלייבט ער

ניט שטיין, נאָר ער קעמפט ווייטער און ווייטער ביז ער וואַרפט אַרונטער די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם און עטאַבלירט קאָמוניזם.

דאָס איז די לענינשע פאָרמולירונג פון דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע. זי באַשטייט פון צוויי עלעמענטן: ערשטנס, דער פּראָלעטאַריאַט פירט אַלע אַנדערע עלעמענטן פון די עקספּלואַטירטע; דער פּראָלעטאַריאַט איז „דער איינציקער און דער נאַטירלעכער פאַרטרעטער פון דער האָרעפּאַשנער און עקספּלואַטירטער באַפעלקערונג"; צווייטנס, די רעוואָלוציע גייט איבער פון דער ערשטער צו דער צווייטער שטופּע, פון איר בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישער צו איר סאָציאַליסטישער שטופּע.

אַט דער צוגאַנג צו דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע אַנטהאַלט אין זיך די אידייע וועגן אַ רעוואָלוציאָנערן בונד צווישן די שטאָטישע אַרבעטער און די פּויערים.

לענינ'ס באָלשעוויסטישער אַרגומענט, ווי ער האָט אים פאָרמולירט מער ווי איין מאָל אין 1905 און אין די שפּעטערדיקע יאָרן, איז אַזוי: די ליבעראַלן, וועלכע פאַרטרעטן די בורזשואַזיע, זיינען פאַר דער רעוואָלוציע, אָבער זיי זיינען דערביי ניט אויסגעהאַלטן, אייגננוציק און פּחדנ'יש. ווי באַלד די שמאָלע עגאָאיסטישע אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע זיינען באַפרידיקט, וועט זי אין איר מאַסע אויסדרייען איר רוקן צו דעם פאָלק, צו דער רעוואָלוציע און וועט זיך פאַראייניקן קעגן זיי מיט די קרעפטן פונעם אַבסאָלוטיזם. ווער־זשע וועט בלייבן? דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום. אַפילו ווען מיר האַנדלען נאָר מיט אַ דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, איז קלאָר פון אָנפאַנג אָן, אַז נאָר דער פּראָלעטאַריאַט איז פייאיק צו ברענגען אַזאַ רעוואָלוציע צו איר לאָגישן שלום, ווייל דער פּראָלעטאַריאַט גייט אַ סך ווייטער ווי אַ דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע. דער פּראָלעטאַריאַט אַליין איז דער ניט־וואַקלדיקער און ניט־צוריקטרעטנדיקער עלעמענט אין דער רעוואָלוציע. דאָס פּויערטום איז ניט שטאַנדהאַפטיק, ווייל עס אַנטהאַלט האַלב־פּראָלעטאַריער און קליינבירגערלעכע עלעמענטן. אָבער די ניט־שטאַנדהאַפטיקייט פון דעם פּויערטום איז ראַדיקאַל פאַרשיידן פון דער ניט־שטאַנדהאַפטיקייט פון דער בורזשואַזיע. דאָס פּויערטום איז פאַראינטערעסירט ניט אַזוי אין קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס פאַר פּריוואַט־אייגנטום, ווי אין צונעמען פון די פּריצים דאָס לאַנד, איינס פון די זיילן פון פּריוואַט־אייגנטום.

לענין האָט דעריבער געלערנט, אַז עס איז די אויפגאַבע פון דעם

פּראָלעטאַריאַט צו פאַראייניקן זיך מיט דעם פויערטום, כדי צו טרייבן אַזוי ווייט ווי מעגלעך די בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע. דאָס, האָט ער געזאָגט, קען מען דערגרייכן, ווען דער פּראָלעטאַריאַט פאַראייניקט זיך מיט דעם פויערטום אַלס גאַנצעס. ווי באַלד די בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע איז פאַרענדיקט, וועט דער פּראָלעטאַריאַט, אין אַ בונד מיט די האַלב־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דעם פויערטום, ד. ה. מיט די אָרעמסטע פויערים, קענען דורכפירן די אָפּשאַפונג פונעם קאַפּיטאַליזם, בייקומענדיק דערביי דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע און די רייכע פויערים.

דאָס איז געווען אַ פּראַקטישער פּלאַן. ער איז געווען אין הסכם מיט די סאָציאַלע קרעפטן ווי זיי האָבן עקזיסטירט אין רוסלאַנד און אין פּוילן איינקלאַנג מיט דער לערע פון מאַרקס און ענגעלס.

כדי דער איבערגאַנג פון דער בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע זאָל זיין מעגלעך, האָט לענין געזאָגט, טאָר מען ניט דערלאָזן, אַז די מאַכט זאָל בכלל איבערגיין אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. מיט אַנדערע ווערטער: מען טאָר ניט דערלאָזן, אַז אַפילו אין דער בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע זאָל די בורזשואַזיע ווערן דער הערשנדיקער קלאַס. די מאַכט דאַרף איבערגיין אין די הענט פון די זיגרייכע אַרבעטער און פויערים, וועלכע עטאַבלירן די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פויערטום. ווי באַלד דער פּראָלעטאַריאַט איז גענוג שטאַרק, ווי באַלד די באַדינגונגען זיינען גינסטיק, נעמט ער זיך צו דער נעקסטער שטופע פון דער רעוואָלוציע, צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. ער עטאַבלירט די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

מיר האָבן, הייסט עס, לויט לענינ׳ען, צוויי שטופן פון דער רעוואָלוציע: 1) די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פויערטום און, טאַקע באַלד נאָכדעם 2) די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

פאַרוואָס דאַרף מען האָבן דאָס ערשטע? ווייל עס איז נויטיק צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די פּריצים, דער רייכער בורזשואַזיע און דעם צאַר׳ס באַאַמטנטום — און צוליב דעם איז נויטיק אַ בונד מיט אַלע פויערים. „אָן דער רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער דיקטאַ־

טור איז אוממעגלעך צו ברעכן אָט דעם ווידערשטאַנד, צוריקשטויסן די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּראָבעס.”

„אָבער עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס וועט זיין ניט קיין סאָציאַליסטישע, נאָר אַ דעמאָקראַטישע דיקטאַטור. זי וועט ניט קענען אָנרירן (אָן אַ גאַנצער ריי צווישן-שטופן פון רעוואָלוציאָנערער אַנט-וויקלונג) די יסודות פונעם קאַפּיטאַליזם. אינעם בעסטן פאַל וועט זי קענען איינפירן אַ פונדאַמענטאַלע איבערפאַרטיילונג פון ערד-אייגנטום לטובת דעם פויערטום, דורכפירן אַ סיסטעמאַטישע און פולשטענדיקע דעמאָקראַטיזאַציע ביז אַ רעפּובליק, אַרויסרייסן מיטן וואָרצל אַלע אַזיאַטישע שקלאַפישע שטריכן ניט נאָר פון דעם דאָרפישן לעבן, נאָר אויך פון דעם פאַבריק-לעבן, מאַכן דעם אָנהויב פון אַן ערנסטער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די אַרבעטער און פון הויבן זייער לעבנס-סטאַנדאַרד און, „לעסט באָט נאַט ליסט”, אַריבערטראָגן די רעוואָלוציאָנערע שרפה קיין אייראָפּע. אַזאַ זיג וועט בשום אופן ניט מאַכן פון אונזער בורזשואַזער רעוואָלוציע אַ רעוואָלוציע אַ סאָציאַ-ליסטישע; דער דעמאָקראַטישער אומוואָרף וועט ניט אַרויסגיין אומ-מיטלבאַר פון די גרענעצן פון בורזשואַזע סאָציאַל-עקאָנאָמישע באַ-ציאונגען; פונדעסטוועגן וועט די באַדייטונג פון אַזאַ זיג זיין גיגאַנטיש פאַר דער צוקונפטיקער אַנטוויקלונג סיי פון רוסלאַנד, סיי פון דער גאַנצער וועלט. קיין זאַך וועט אַזוי ניט אויפוועקן די רעוואָ-לוציאָנערע ענערגיע פונעם וועלט-פּראָלעטאַריאַט, קיין זאַך וועט אַזוי ניט פאַרקירצן דעם וועג, וואָס פירט צו זיין פולן זיג, ווי אָט דער אַנטשיידענער זיג פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד.” (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 8, זז. 62-63.)

וועט זיין אַ לאַנגער אינטערוואַל צווישן דער ערשטער און דער צווייטער שטופע פון דער רעוואָלוציע? פאַרשטייט זיך, אַז ער קען זיך אַמאָל פאַרציען: מפּלות זיינען צייטנווייז אומפאַרמיידלעך. ווען די אויבן־ציטירטע שורות זיינען געשריבן געוואָרן (יולי 1905), איז דער אויסגאַנג פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַנטוויקלען, גאָר ניט געווען זיכער. לענין אַליין האָט אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז ער איז „ניט גענויגט צו זיגלאָזן אָפּטימיזם אין דעם פּרט”, אַז ער פאַרשטייט „די ריזיקע שווערקייט פון אָט דער אויפגאַבע”. פונדעסט־וועגן, האָט ער געזאָגט, „דאַרפן מיר ווינטשן אַ זיג און וויסן ווי אָנ־צואווייזן דעם אמת'ן וועג צו אים”. דער וועג, ווי לענין האָט אים אָנ־געמערקט, איז געווען דער אוממיטלבאַרער איבערגאַנג פון דער בור־

זשוואַזיש־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

„פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע וועלן מיר באַלד אָנהויבן, פּונקט אין הסכם מיט דער מאָס פון אונזער קראַפט, דער קראַפט פון דעם באַוואוסטזיניקן און אָרגאַניזירטע פּראָלעטאַריאַט, איבערצוגיין צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. מיר זיינען פאַר דער פּערמאַנענ־טער רעוואָלוציע. (אונטערגעשטראָכן פון אונז.—מ. אָ.) מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אינמיטן וועג. . . . ניט אַריינפאַלנדיק אין אַוואַנ־טוריזם, ניט זייענדיק אומגעטריי צו אונזער וויסנשאַפטלעכן געוויסן, ניט לויפנדיק נאָך ביליקער פּאָפּולאַריטעט, קענען מיר זאָגן און מיר זאָגן נאָר איין זאַך: מיר וועלן מיט אַלע קרעפטן העלפן דעם גאַנצן פּויערטום דורכצופירן די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, כדי מיר, די פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט, זאָל וואָס גרינגער קענען איבערגיין, אַזוי גיך ווי נאָר מעגלעך, צו אַ נייער און העכערער אויפגאַבע — דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.״ (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 8, זז. 186-187.)

העלפן דעם גאַנצן פּויערטום דורכפירן די דעמאָקראַטישע רע־וואָלוציע; די באַדייטונג און דער אינהאַלט פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע באַשטייט, לויט די באָלשעוויקעס, אין אָפּשאַפן אין באַצוג צום פּויערטום אַלע רעשטן פונעם פעאָדאַליזם. ווי באַלד דאָס איז דורכ־געפירט, און ווי באַלד די מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם גאַנצן פּויערטום, ווי באַלד דער ווידערשטאַנד פון די פריערדיקע הערשנדיקע קלאַסן איז געבראָכן, ווי באַלד דער פּראָלעטאַריאַט איז אינעם פּראָצעס פון דער רעוואָלוציע געוואָרן שטאַרקער און בעסער אָרגאַניזירט, איז דער וועג אָפן פאַר דער סאָציאַ־ליסטישער רעוואָלוציע. אויף דעם וועג וועט גיין דער פּראָלעטאַריאַט אין אַ בונד שוין ניט מיט דעם גאַנצן פּויערטום, וואָרים די רייכע פּויערים וועלן נאַטירלעך זיין קעגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, נאָר אין אַ בונד מיט די האַלב־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג.

אָט איז לענינ׳ס קלאַסישע פאָרמולע:

„דער פּראָלעטאַריאַט מוז דורכפירן ביזן סאַמע סוף די דעמאָ־קראַטישע רעוואָלוציע, פאַראייניקנדיק מיט זיך די מאַסע פון דעם פּויערטום, כדי צו ברעכן מיט געוואַלד דעם ווידערשטאַנד פון דעם אַבסאָלוטיזם און צו פּאַראַליזירן די אומשטאַנדהאַפטיקייט פון דער

בורזשואַזיע. דער פּראָלעטאַריאַט מוז דורכפירן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, פאַראייניקנדיק מיט זיך די מאַסע האַלב-פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג, כדי צו ברעכן מיט גוואַלד דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע און צו פּאַראַליזירן די אומ-שטאַנדהאַפטיקייט פון דער קליין-בורזשואַזיע." (אונטערגעשטראָכן פון לעניג'ען). (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 8, ז. 96.)

מיר האָבן זיך אַ ביסל מער אָפּגעשטעלט אַף דער לעניניסטישער טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע, וואָרים נאָר אַף אַט דעם באַזיס איז מעגלעך צו אורטיילן טראָצקי'ס פאַרקריפּלונג פון דער טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע. טראָצקי'ס באַשעפעניש איז אין עצם אַן אָפּלייקענונג פון דער טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע. ער האַלט זיך אַן זיין באַשעפעניש, ווייל ער איז איבערצייגט, אַז דאָס איז זיין ביישטראָג צו דער וויסנשאַפט פון רעוואָלוציע, אָבער אין אמת'ן איז דאָס אַ שטיק מענשעוויזם אויסגעפּוצט אין „רעוואָלוציאָנערע פּראַזן".

ער האָט פאָרמולירט זיין „טעאָריע" אין די פאָלגנדיקע ווערטער:

„דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט, ווען ער וועט זיך געפינען אינעם באַזיץ פון מאַכט — ווען אַפילו דאָס זאָל זיין נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ צייטווייליקער קאָמבינאַציע פון קרעפטן אין אונזער בורזשואַזער רעוואָלוציע — וועט זיך באַגעגענען מיט אָרגאַניזירטער פיינטלעכקייט מצד דער וועלט-רעאַקציע און מיט אַ גרייטקייט פאַר אָרגאַניזירטער שטיצע מצד דעם וועלט-פּראָלעטאַריאַט. איבערגעלאָזט צו זיינע אייגענע קרעפטן, וועט דער אַרבעטער-קלאַס פון רוסלאַנד אומפאַרמיידלעך גע-בראָכן ווערן דורך דער קאָנטר-רעוואָלוציע אין דעם מאָמענט, ווען דאָס פּויערטום וועט זיך פון אים אָפּקערן. (אונטערגעשטראָכן פון אונז.— מ. אָ.). עס וועט אים ניט בלייבן קיין אַנדער זאַך נאָר צו פאַרבינדן דעם גורל פון זיין פּאָליטישער הערשאַפט, און פאָלגלעך דעם גורל פון דער גאַנצער רוסישער רעוואָלוציע, מיט דעם גורל פון אַ סאָציאַליס-טישער רעוואָלוציע אין אייראָפּע. די קאָלאָסאַלע פּאָליטישע מלוכה-מאַכט, וואָס ער באַקומט פון אַ צייטווייליקער קאָמבינאַציע פון קרעפטן אין דער רוסישער בורזשואַזער רעוואָלוציע, וועט דער אַרבעטער-קלאַס וואַרפן אַף דער וואָג-שאָל פון דעם קלאַסן-קאַמף פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. מיט מלוכה-מאַכט אין זיינע הענט, מיט דער קאָנטר-רעוואָלוציע הינטער זיין רוקן, מיט דער אייראָפּייאישער רע-אַקציע פאָרנט, וועט ער אַרויסלאָזן צו זיינע ברידער איבער דער גאַנצער וועלט דעם אַלטן קאַמפּס-רוף, וועלכער וועט דאָס מאָל זיין דער קאַמפּס-רוף פון דער לעצטער אַטאַקע: פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער,

פאַראייניקט אייך!" (ל. טראָצקי, „סך-הכל'ען און פערספעקטיוון", 1906.)

דער סטיל איז דראַמאַטיש, אָבער דער אינהאַלט איז דעפּיטיסטיש. אויב מען זאָל אָננעמען, אַז דער אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד איז אַליין, אַז ער האָט ניט קיין פאַרבינדעטע, דאַן קען ער בכלל ניט אָריינ־קריגן די מלוכה־מאַכט אין זיינע הענט. אויב מען זאָל אָננעמען, אַז דורך עפּעס אַ נס האָט ער יאָ באַקומען די מאַכט, נאָר אַז די אייראָ־פּייאישע רעאַקציע איז פאַרנט פאַר איר און ניין־צענטל פון דער באַ־פעלקערונג הינטער זיין רוקן זיינען פיינטלעך, דאַן וואָס פאַר אַ ממשות האָט דער קאַמפּס־רוף? רעוואָלוציעס, אַפילו ווען די באַדינגונגען זיינען צייטיק פאַר זיי, אַנטוויקלען זיך ניט אין אַ טאָג. מעגלעך, אַז דער קאַמפּס־רוף פון אַ פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט שונאים, זאָל ניט אוממיטלבאַר אויפהויבן די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער. אַחוץ דעם עקזיסטירט אַן ענלעכע סיטואַציע אויך אין אייניקע אַנדערע לענדער. אויך דאָרט בילדעט דאָס פויערטום אַ גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג. אויך דאָרט מוזן די אַרבעטער, לויט טראָצקי'ן, האָבן די קאָנטר־רעוואָלוציע הינטער זייערע רוקנס און די וועלט־רעאַקציע פאַר זיך. אַ רעוואָלוציע, לויט טראָצקי'ן, איז, הייסט עס, אַן אוממעגלעכקייט אין איין איינציקן לאַנד.

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל טאַקע פון אַמעריקע. אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן האָבן מיר אַן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט (אין פאַבריקן, מינעס און טראַנספּאָרט), וועלכער בילדעט אַ גרויסן טייל, אָבער בשום אופן ניט די מערהייט פון דער באַפעלקערונג. פאַראַן צענדליקער מיליאָנען קליינע און מיטעלע פאַרמערס, קליינע הענדלער, קליינבירגערלעכע אינטעליגענטן — אַ ריזיקער טייל פון דעם פאָלק. לויט טראָצקי'ס „אָריגינעלער" אידייע קומט אויס, אַז די אַרבעטער וואָלטן ניט געקענט האָבן די שטיצע פון אָט די מיליאָנען אין אַ רעוואָלוציע קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, אַז יענע וואָלטן זיך אוממפאַרמיידלעך פאַר־אייניקט מיט די עקספּלואַטאַטאָרס קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלע־טאַריאַט. דערפון איז געדרונגען, אַז עס וואָלט ניט געקענט זיין קיין האָפענונג אַף אַ רעוואָלוציע אונטער קיין אומשטענדן.

דער טשעמפּיאָן פון דעם וואָס ער רופט „פּערמאַנענטע רעוואָלו־ציע" פּריידיקט פּערמאַנענטע מפּלה.

די באָלשעוויקעס האָבן געוואוסט, אַז אין רוסלאַנד, ווי אין יעדן

אנדערן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, איז דער פּראָלעטאַריאַט דער איינ־ציקער אויסגעהאַלטן־רעוואָלוציאָנערער קלאַס, און זיי האָבן געאַרבעט צו זיכערן זיין העגעמאָניע אין דער רעוואָלוציע. זיי האָבן אָבער אויך געוואוסט, אַז די פּויערים זיינען אַן אומדערשעפּלעכער רעזערוו פון רעוואָלוציאָנערער ענערגיע. און זייער אָפּשאַצונג האָט זיך ארויס־געוויזן פאַר ריכטיק. פירנדיק די ערד־הונגעריקע פּויערים — אין אוני־פאָרמען ווי סאָלדאַטן און אָן אוניפאָרמען ווי האַלב־שקלאַפן — האָט דער פּראָלעטאַריאַט געקענט דורכפירן די רעוואָלוציע פון פעברואַר 1917. פירנדיק — ניט דאָס פּויערטום אַלס גאַנצעס, נאָר די אָרעמסטע פּויערים, וועלכע זיינען געווען סיי קעגן די קאַפּיטאַליסטן פון די שטעט, סיי קעגן די קאַפּיטאַליסטן פונעם דאָרף, ד. ה. די רייכע פּויערים (קולאַקעס), און האַבנדיק נייטראַליזירט דאָס מיטעלע פּויערטום, האָט דער פּראָלעטאַריאַט, מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי ווי זיין אוואַנ־גאַרד און מיט לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט — די סאָוועטן" אַלס זיין קאַמפּס־רוף, געקענט דורכפירן די רעוואָלוציע פון אָקטאָבער 1917, וועלכע האָט עטאַבלירט די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. פירנדיק די מיליאָנען פון די אָרעמסטע פּויערים, וועלכע האָבן זיך וויליק אָנ־געשלאָסן אָן דער רויטער אַרמיי צו פאַרטיידיקן די דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע, האָט דער פּראָלעטאַריאַט — מיט די באָלשעוויקעס אין זיין שפּיץ — געקענט געווינען דעם בירגער־קריג און פאַרזיכערן דעם ענדגילטיקן זיג פון דער רעוואָלוציע.

די געשיכטע האָט אַף אַ זייער באַרעדעוודיקן אופן צוריקגעוואָרפן טראָצקי'ס „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע". אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון זיין נארישן באַגריף, וועלכער איז, אגב, גאָרניט זיין דערפינדונג: ער איז צום ערשטן מאָל ארויסגערוקט געוואָרן דורך אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט מיטן נאָמען פּאַרוואוס, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ פאַרברענטער סאָציאַל־פּאַטריאָט אין דער צייט פון דעם וועלט־קריג. זיין פונדאַמענטאַלע אידייע, אַז דאָס פּויערטום אַלס גאַנצעס איז קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, איז אַ מענשעוויסטישע אידייע.

עס גייען יאָרן. רעוואָלוציעס קומען און גייען. פריער די רעוואָ־לוציע פון 1905, דאַן דער פּעריאָד פון קאָנטער־רעוואָלוציע, דאַן דער פּעריאָד פון אויפשוואונג, דאַן די פעברואַר־רעוואָלוציע, דאַן די אָק־טאָבער־רעוואָלוציע. ריזיקע מאַסן פון פּויערטום ווערן אריינגעצויגן אין דער רעוואָלוציע און גיבן איר דעם מאַסן־כאַראַקטער, וועלכער איז

נויטיק פאַר איר זיג. קאָלעקטיוויזאַציע פון אגריקולטור ווערט איינגעפירט; די קולאַקעס ווערן ליקווידירט ווי א קלאַס; דער אונטערשייד צווישן דעם מיטעלן און אָרעמען פויער פאַרשווינדט א דאַנק זייער געמיינזאַמער מיטגלידערשאַפט אין די קאָלכאָזן. אָבער אונזער פעסימיסט האַלט זיך נאָך אַלץ אָן „זיין" אידייע, אז דאָס פויערטום איז סוף כל סוף פיינטלעך צו דער רעוואָלוציע.

ער לערנט גאָרניט.

אין 1909 שטעלט ער זיך פאָר א סיטואַציע, וואו די אַרבעטער, האַלטנדיק די מאַכט, הויבן אָן איינפירן געוויסע סאָציאַליסטישע מאָסמיטלען — און מוזן אומפאַרמיידלעך קומען אין צוזאַמענשטויס מיט די פויערים. „דער צוזאַמענשטויס", זאָגט ער, „מוז זיך ענדיקן דערמיט, וואָס אָדער די אַרבעטער ווערן באַשטראָפט דורך די פויערים, אָדער די לעצטע ווערן באַזייטיקט פון דער מאַכט". (אַרטיקל אונטערן נאָמען „אונזערע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן", איבערגעדרוקט אין זיין בוך „1905", ז. 285.) עס פעלט טראָצקי'ן ניט איין, אז דער פראָלעטאַריאַט קען איינפירן אַזעלכע מאָסמיטלען, וואָס זאָלן געווינען די שטיצע פון די גרויסע מאַסן פויערים און אַזוי אַרום גאַראַנטירן א פאַראייניקטן מאַרש צום סאָציאַליזם.

אין 1915, אין דער פאַריזער צייטונג „נאַשע סלאָוואָ", שטרייכט ער ווידער אונטער דעם פאַקט, אז מען דאַרף ניט לייגן „קיין איבערגעטריבענע האָפענונגען אויף זיין (דעם פויערטום'ס) רעוואָלוציאָנערע ראָלע". (דאָרטן, ז. 255.)

ווידעראַמאָל אין 1922, נאָך פינף יאָר דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט, נאָך אַזויפיל רייכע דערפאַרונגען פון דער שטיצע פון פויערשע מאַסן פאַר דער רעוואָלוציע, שרייבט ער א פאָרוואָרט צו א זאַמלונג פון זיינע אַרטיקלען, וועלכע ער דרוקט אונטער דער אַלגעמיינעם טיטל „1905". אין דעם פאָרוואָרט זאָגט ער אָט־וואָס:

> „עס איז געווען אין דער צווישן-צייט צווישן דעם 9טן יאַנואַר און דעם גענעראַל-סטרייק פון אָקטאָבער 1905, ווען די אנזיכטן איבער דעם כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד, וועלכע זיינען באַקאַנט געוואָרן אַלס די טעאָריע פון דער „פערמאַנענטער רעוואָלוציע", האָבן זיך ביסלכעווייז אויסגעקריסטאַליזירט אין דעם אויטאָר'ס געדאַנק. אָט דער א ביסל קאָמפּליצירטער טערמין שטעלט מיט זיך פאָר א גאָר פשוט'ע אידייע. . . . די רעוואָלוציע וואָלט ניט געקענט לייזן אירע אוממיטלבאַרע בורזשואַזע פראַב-

> לעמען סיידן זי שטעלט אַוועק דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער מאַכט. און דער לעצטער, נעמענדיק די מאַכט, וואָלט ניט געקענט זיך באַנוגענען מיט די בורזשואַזע ראַמען פון דער רעוואָלוציע. פאַרקערט, טאַקע כדי צו פאַרזיכערן איר זיג, וואָלט דער פּראָלעטאַרישער אַוואַנגאַרד געוועזן געצוואונגען אין די פריסטע שטופּן פון זיין הערשאַפט צו מאַכן אַ טיפן שניט ניט נאָר אין פעאָדאַלן אייגנטום, נאָר אויך אין קאַפּיטאַליסטישן אייגנטום. דורך דעם וועט דער פּראָלעטאַריאַט קומען אין אַ פיינטלעכן צוזאַמענשטויס ניט נאָר מיט די בורזשואַזע גרופּירונגען, וועלכע האָבן געשטיצט דעם פּראָלעטאַריאַט אַף די ערשטע שטופּן פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, נאָר אויך מיט די ברייטע מאַסן פון די פּויערים, וועלכע האָבן אים געהאָלפן באַקומען די מאַכט. די ווידערשפּרוכן פון דער לאַגע פון אַן אַרבעטער-רעגירונג אין אַ צוריקגעשטאַנענעם לאַנד מיט אַ ריזיקער מערהייט פּויערים קען געלייזט ווערן נאָר אַף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, אַף דער אַרענע פון דער פּראָלעטאַרישער וועלט-רעוואָלוציע." (ל. טראָצקי, "1905,, פאַרוואָרט.)

טראָצקי האַלט זיך פאַר אַט דער „פּשוט'ער" אידייע ביזן היינטיקן טאָג. אַט די אידייע האָט געמאַכט טראָצקי'ן פאַר דעם אַוואַנגאַרד פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. דאַרף מען אַרגומענטירן קעגן איר? די געשיכטע האָט געגעבן אַן ענטפער. ניט נאָר וואָלט די דעראָבערונג פון מאַכט און דער צוריקשטויס פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים געווען אוממעגלעך פאַרן פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד אָן דער הילף פון מיליאָנען און מיליאָנען פּויערים, נאָר אויך דאָס בויען פון סאָציאַליזם וואָלט ניט געווען מעגלעך. סאָציאַליזם, זאָגט סטאַלין, איז ניט עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז אייגנטימלעך פאַר די שטעט. סאָציאַליזם איז אַן אָרגאַניזאַציע פון עקאָנאָמישן לעבן, וואָס קען עטאַבלירט ווערן נאָר דורך אַ מיטאַרבעט פון אינדוסטריע און אַגריקולטור אַפן באָדן פון דער סאָציאַליזאַציע פון די פּראָדוקציע־מיטלען. סאָציאַליזם איז אוממעגלעך אָן אַ בונד צווישן אינדוסטריע און אַגריקולטור. אַגריקולטור הייסט ניט נאָר ערד און געצייגן, נאָר אין דער ערשטער ליניע — פּויערים, מיליאָנען לעבעדיקע פּויערים.

ווען דער פּראָלעטאַריאַט אונטער דער פירערשאַפט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי האָט עקספּראָפּריאירט די פאַבריקאַנטן און באַנקירן אין די ערשטע שטופּן פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווער זיינען געווען די באַוואָפנטע קרעפטן? די רויטע אַרמיי, אין וועלכער די פּויערים האָבן געבילדעט אַ גרויסן טייל. ווען די בונטן פון די קולאַקעס קעגן דער סאָוועטישער מאַכט אַף דער

וואָלגע און אין אַנדערע געגנטן פון רוסלאַנד האָבן געדאַרפט אונטער־דריקט ווערן אין 1918—1920, ווער האָט דאָס געטאָן? די זעלביקע רויטע אַרמיי, אין וועלכער די אָרעמע און מיטעלע פויערים זיינען געווען אין אַ גרויסער צאָל. ווען דער פּראָלעטאַריאַט האָט אָנגעהויבן „אַנטקולאַקעווען" די רייכע פויערים מיט דער איינפירונג פון קאָלעק־טיוויזאַציע אין די דערפער, ווער איז געווען זיין הויפּט־שטיצע און ווער זיינען געווען זיינע פאַרבינדעטע? זיין הויפּט־שטיצע זיינען געווען די אָרעמסטע פויערים, אין וועמעס אינטערעסן עס איז געווען דורכצופירן אַזאַ עקספּראָפּריאַציע. זיינע פאַרבינדעטע זיינען געווען די מיטעלע פויערים. שטעלט מען זיך פאָר אַ מיליטערישן אָנפאַל אַפן סאָוועטן־פאַרבאַנד — ווער וואָלט געווען דער ערשטער צו גיין אין פייער צו פאַרטיידיקן דאָס סאָוועטישע פאָטערלאַנד? די רויטע אַרמיי, וועלכע באַשטייט פון אַרבעטער און קאָלכאָזניקעס־פויערים.

וואָס־זשע פאַרט איז אָט די טראָצקיסטישע „איינגנטימלעכקייט", וואָס רופט זיך „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע"? דאָס איז אַ באַנקראָטיר־טע אידייע. דאָס איז קאָנטער־רעוואָלוציע פון אַן „איינגנטימלעכן" סאָרט. זי איז אין ווידערשפּרוך מיט פאַקטן, וואָס זיינען ברייט באַקאַנט און ווערן ניט באַשטריטן. זי איז אין ווידערשפּרוך צו לענינ'ס פאַר־שטענדעניש פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

„די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט (זאָגט לענין) איז אַ ספּע־ציעלע פאָרמע פון קלאַסן־בונד צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט, דעם אַוואַנ־גאַרד פון די אַרבעטנדיקע, און די צאָלרייכע ניט־פּראָלעטאַרישע שיכטן פון די אַרבעטנדיקע (די קליין־בורזשואַזיע, די קליינע באַלמעלאָכעס, דאָס פויערטום, די אינטעליגענציע א. אַז. וו.), אָדער אַ מערהייט פון זיי; עס איז אַ בונד קעגן קאַפּיטאַל, אַ בונד, וואָס באַצוועקט דעם פולשטענדיקן אומוואַרף פון קאַפּיטאַל, די פולשטענדיקע אונטער־דריקונג פון דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע און פון יעדער פּראָבע פון רעסטאַווראַציע פון איר זייט, אַ בונד וואָס באַצוועקט די ענדגילטיקע עטאַבלירונג און קאָנסאָלידירונג פון סאָציאַליזם." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 24, ז. 311.)

טראָצקי'ס טעאָריע קלינגט „רעוואָלוציאָנער" נאָר צו די שלעכט־אינפאָרמירטע. אין איר איז אַנטהאַלטן דער געדאַנק, אַז די שער־קראָפּערס פון דער סאַוט אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן זיך שטעלן קעגן די אַרבעטער אין דעם מאָמענט, ווען יענע, האָבנדיק פאַרכאַפּט די

מאַכט, וועלן אָנהויבן איבערנעמען בא די קאַפּיטאַליסטן די מינעס און פאַבריקן, לאָמיר זאָגן, אין אַלאַבאַמאַ; אַז די טענענט־פאַרמערס פון דער מידל־וועסט וועלן צושטיין צו די אַרמייען פון מאָרגאַנ׳ען און פאָרד׳ן כדי צו באַקעמפן די פאַרכאַפּונג פון די אָטאָמאָביל־פאַבריקן, אייזנבאַנען און בענק דורך די אַרבעטער; אַז די גרויסע מאַסן פון די קליינבירגער פון ניו יאָרק וועלן זיך שטעלן קעגן די אַרבעטער, ווען יענע וועלן אָנהויבן איינפירן סאָציאַליסטישע מאַסמילטען אין אָט דער וועלט־שטאָט. נאָר בלינדע קענען דאָס ניט דערזען אין טראָצקי׳ס „מענשעוויזם פון אַ באַזונדערן סאָרט״, ווי סטאַלין האָט אים גערופן.

:: :: ::

טראָצקי בלייבט אָבער ניט שטיין בא אָט דער „איינגנטימלעכקייט״. דאָס איז נאָר זיין באַזע, זיין אויסגאַנגס־פּונקט. פון אָט דער פונדאַמענטאַלער אידייע מאַכט ער „איינגנטימלעכע״ שלוסן, איינער פאַנטאַסטישער פון דעם אַנדערן. פון אַ פאַלשער פאָראויסזעצונג מאַכט ער אַ גאַנצע ריי קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע שלוסן, וועלכע בילדן צוזאַמען די הויפּט־שטריכן פון טראָצקיזם:

1. די באַזע איז: די אוממעגלעכקייט פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד;

2. פון דאַנען ווערט געדרונגען, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז ניט סאָציאַליזם;

3. פון דאַנען איז נעדרונגען, אַז דאָס, וואָס מען בויט יאָ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז „נאַציאָנאַלער סאָציאַליזם״;

4. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז די „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע״ רעגירונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ „טערמידאָר״־רעגירונג, ד. ה., אַז זי איז קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און אַז זי שטייט אין וועג פון דער וועלט־רעוואָלוציע;

5. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער ווערט באַהערשט דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכע איז אַ פּאַרטיי פון „נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם״, שטערט דער אַנטוויקלונג פון דער וועלט־רעוואָלוציע;

6. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז עס איז דרינגענד נויטיק צו ברעכן די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי פונעם פּ.ס.ס.ר., די סאָוועטישע מלוכה, די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אומעטום;

7. פון דעם אַלעמען איז געדרונגען, אַז ס'איז נויטיק צו מאָרדן סאָוועטישע פירער, אויפרייסן קוילן־גרובן, אויפרייסן פאַבריקן, אָר־גאַניזירן באַן־קאַטאַסטראָפעס, העלפן די שפּיאָנען פון נאַצי־דייטשלאַנד און יאַפּאַן, שליסן אָפּמאַכן מיט די פאַשיסטישע מלוכות וועגן פאַר־שנעלערן די מלחמה קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

עס איז דאָ אַ לאָגיק אין אָט די וויסטע מעשים. זיי אַלע שטאַמען פון דעם אורשפּרונג־קוואַל פון טראָצקיזם — זיין לייקענען די מעגלעכ־קייט פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד.

זעקסטער קאַפּיטל

דער סאָוועטן-פאַרבאַנד

ערשט ניט לאַנג, אין 1931, אין אַ בראָשור מיטן נאָמען „די פּערמאַנענטע רעוואָלוציע", האָט טראָצקי געשריבן שוואַרץ אַף ווייס:

> „די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע הויבט זיך אָן אַף אַ נאַציאָנאַליסטישן באָדן, אָבער זי קען ניט פאַרענדיקט ווערן אַף אָט דעם באָדן. אָנהאַלטן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין נאַציאָנאַלע ראַמען קען זיין נאָר אַ ציטווייליקער צושטאַנד, כאָטש, ווי די דערפאַרונגען פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד האָבן געוויזן, דער דערווייליקער צושטאַנד דויערט לאַנג. אין אַן איזאָלירטער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור וואַקסן די אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע ווידערשפּרוכן אומפאַרמייד-לעך מיט די וואַקסנדיקע דערפאָלגן. בלייבנדיק איזאָלירט, מוז די פּראָלעטאַרישע מלוכה ענדלעך ווערן אַ קרבן פון אָט די ווידערשפּרוכן."
> (אונטערגעשטראָכן פון אונז.—מ. אַ.) (ז. 35.)

נון, די באָלשעוויקעס האָבן קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז אַן אָנפאַל פון די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען אַפן סאָוועטן-פאַרבאַנד איז אוממעגלעך. די באָלשעוויסטישע פירער האָבן וועגן דעם גערעדט גאַנץ קלאָר. לענין האָט געזאָגט:

> „אַזוי לאַנג ווי די סאָוועטישע רעפּובליק פאַרבלייבט אַן איינזאַמע ווייטע געגנט פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וואָלט געווען אַ לעכערלעכע פאַנטאַזיע-שפּינערײַ און אַן אוטאָפּיזם צו דענקען . . . וועגן דעם פאַרשווינדן פון דער אָדער אַנדערער געפאַר. געוויס, אַזוי לאַנג ווי אָט די פונדאַמענטאַלע קעגנזאַצן בלייבן, בלייבן אויך די געפאַרן, און עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ, וואוהין מיר קאָנען פון זיי אַנטלויפן." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 26, ז. 29.)

מיט דעם וואוקס פון דער סאָוועטן-מאַכט, מיט דער אַנטוויקלונג פון אינדוסטריאַליזאַציע, מיט דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישער אַגריקולטור, מיט דער פאַרשטאַרקונג פון די פאַרטיידיקונגס-קרעפטן פונעם לאַנד אין אַ צייט, ווען די סימפּאַטיעס פאַרן סאָוועטן-פאַרבאַנד צווישן די אַרבעטנדיקע פון די קאַפּיטאַליסטישער לענדער האַלטן אין איין וואַקסן, האָבן די מיטלען צו שטעלן זיך קעגן אַ מיליטערישער

אַטאַקע פון דרויסן זיך פאַרגרעסערט. דאָך בלייבט די געפאַר. און קיינער קען זי ניט אַזוי גוט ווי די סאָוועטישע פירער.

אָבער ווען טראָצקי רעדט וועגן דעם אומפאַרמיידלעכן וואוקס פון אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע ווידערשפּרוכן, מיינט ער ניט אָט די קלאָר־פאַרשטאַנענע געפאַר פון אַ מיליטערישער אימפּעריאַליסטישער אַטאַקע. ער מיינט עטוואָס אַנדערש. ער שטעלט דעם טראָפּ ניט אַזוי אַף די אויסנווייניקסטע ווידערשפּרוכן, וועלכע זיינען די ווידערשפּרוכן צווישן דעם קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר און דעם סאָציאַליסטישן סעק־טאָר פון דער וועלט, ווי אַף דעם, וואָס ער רופט „אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן". דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, זאָגט ער, מוז סוף כל סוף „ווערן אַ קרבן" פון אָט די ווידערשפּרוכן: דאָס הייסט, זיין סאָציאַ־ליזם מוז פאַלן, מוז פאַרשווינדן.

וואָס זיינען דאָס פאַר אַ ווידערשפּרוכן? וואָס פאַר אַ ווידער־שפּרוכן זיינען נאָך פאַרבליבן אינעם פ.ס.ס.ר. אַרום 1931? דער פריצישער קלאַס איז שוין לאַנג געווען פאַרשוואונדן. די בורזשואַזיע איז רעדוצירט געוואָרן צו אַ קליינעם און אינגאַנצן אומאַבהייטנדיקן ברוך־טייל פון דעם, וואָס זי איז געווען אַמאָל. די קולאַקעס זיינען געוואַלטיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן צוליב דער שנעלער קאָלעקטיוויזאַציע פון די דערפער. קלאַסן־קעגנזאַצן זיינען פאַרקלענערט געוואָרן פון טאָג צו טאָג מיט דער שנעלער ליקווידאַציע פון די רעשטן פון די אַלטע קלאַסן. די אונטערשיידן צווישן שטאָט און דאָרף האָבן זיך פאַר־קלענערט אַלס רעזולטאַט פון איינפירן מאַשינעריע און מאָדערנע טעכ־ניק אין דעם קאָלעקטיוויזירטן דאָרף. וואַקסנדיקע דערפאָלגן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן באַדייט ווייטערדיקע פאַרבעסערונגען אין אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, אַ ווייטערדיקן פּראָגרעס פון קאָלעקטיווי־זאַציע, אַ ווייטערדיקע אָפּשאַפונג פון די קולאַקעס און פון די רעשטן פון דער בורזשואַזיע, אַ ווייטערדיקן אויפשטייג צו די הויכן פון קול־טור אין אַ לאַנד, וואו דאָס לעבן פון די מאַסן איז געזיכערט געוואָרן. פאַרוואָס זאָלן אָט די וואַקסנדיקע דערפאָלגן באַהאַלטן אין זיך „אינע־ווייניקסטע ווידערשפּרוכן", וועלכע מוזן „אומפאַרמיידלעך" וואַקסן?

אודאי זיינען געווען שוועריקייטן. די רעשטן פון דער בורזשואַזיע האָבן ניט געוואָלט אָפּטרעטן מיט גוטן ווילן און זיי האָבן געשעדיקט דאָ און דאָרטן — אָבער דער וואוקס פון סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק און די שנעלע באַהערשונג פון די העכסטע הויכן פון וויסנשאַפט מצד

די אַרבעטער האָט פאַר׳משפּט אָט די פּראָבעם צום דורכפאַל. איבער־נעמען די מאָדערנע טעכניק, גובר זיין אַלטע אַרבעטס־געוואוינהייטן, זיגן איבער דער נאַטור, — דאָס אַלץ איז באַגלייט געוואָרן דורך גע־וויסע ניט־צוגעפּאַסטקייטן, געוויסע רייבונגען. אָבער דאָס זיינען געווען שווערקייטן פון וואוקס. יעדער נייער טריט פון דער רעוואָלוציע האָט צוגעגרייט לייזונגען פאַר אַזעלכע פּראָבלעמען.

פון וואַנען־זשע נעמט זיך בא טראָצקי׳ן די אומפאַרמיידלעכקייט פון „ווערן אַ קרבן״ פון עפּעס געהיימניספולע שווידערלעכע ווידער־שפּרוכן?

דאָס איז איינער פון טראָצקי׳ס צאַלרייכע סודות. אין אמת׳ן איז דאָ ניטאָ קיין סוד. דאָ איז נימאָ קיין געדאַנק, וואָס איז געבויט אַף פאַקטן. דאָ איז דאָ אַ וואונטש, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל ניט מאַכן קיין דערפאָלג, כדי עס זאָל באַווייזן ווערן די ריכטיקייט פון דער „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע״, ד. ה. פון דעם אומפאַרמיידלעכן צו־זאַמענשטויס צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום.

אפשר וויל טראָצקי זאָגן, אַז עס איז אוממעגלעך צו בויען סאָ־ציאַליזם אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד דערפאַר, וואָס דאָס לאַנד האָט ניט די נויטיקע פּראָדוקציעס־קרעפטן? ריזיקירנדיק צו דערעסן דעם לייענער, ווילן מיר נאָכאַמאָל דערמאָנען, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט באַוויזן וואונדער אין אויפבויען דאָס עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבן פון דעם לאַנד. נאָך איידער דער בירגער־קריג האָט זיך געענדיקט, נאָך אין דער צייט ווען אויסלענדישע אינטערווענציע־אַרמייען זיינען געשטאַנען אַף סאָוועטישער ערד, האָבן די באָלשעוויקעס אָנגעהויבן פּלאַנעווען די אַרבעט פון סאָציאַליסטישן אויפבוי. עס האָט פון אָנ־פאַנג אויסגעזען ווי אַן איבערמענטשלעכע אויפגאַבע. דאָס לאַנד איז געווען רואינירט נאָך דריי יאָר אימפּעריאַליסטישע מלחמה. דאָס לאַנד איז פאַרוויסט געוואָרן דורך די אַרמייען פון די רוסישע ווייסע גענעראַלן און פון די אויסלענדישע רעגירונגען. דאָס לאַנד האָט זיך גאַנצע פינף יאָר געוואָרגן אונטער דעם דרוק פון אַן עקאָנאָמישער בלאָקאַדע. עס איז דורכגעגאַנגען אַ פּעריאָד פון הונגער. אינדוסטריעלע פּראָדוקציע האָט אין 1921 באַטראָפן איין־פינפטל פון דער פּראָדוקציע פון 1913. אַגריקולטורעלע פּראָדוקציע איז רעדוצירט געוואָרן צו ווייניקער ווי אַ העלפט. די טראַנספּאָרט־סיסטעם האָט זיך געפונען אין אַ קלעגלעכן צושטאַנד. אָבער די באָלשעוויקעס האָבן געזען די גרויסן פּלוסן פון

דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט: אומדערשעפּלעכע ענערגיע און שאַפנדיקע קרעפטן פון די באַפרייטע מאַסן האָרעפּאַשניקעס, מיט דעם פּראָלעטאַריאַט אין דעם שפּיץ און מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אַלס פירערין.

לענין, וועלכער האָט בעסער ווי ווער ניט איז געוואוסט די חסרונות פון דעם גרויסן לאַנד, האָט אויך געזען די מעגלעכקייט פון בויען סאָציאַליזם. אין דער צייט, ווען טראָצקי האָט פאַרעפנטלעכט זיין "1905" צו באַווייזן, אַז סאָציאַליזם אין איין לאַנד איז ניט מעגלעך, אין דער צייט ווען ער האָט אויסגעאַרבעט זיין אָפּאָזיציע־פּלאַטפאָרמע קעגן לעניניזם, האָט לענין געשריבן (יאַנואַר 1923):

„די מאַכט פון דער מלוכה איבער אַלע גרויסע פּראָדוקציע־מיטלען, די מאַכט פון דער מלוכה אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער בונד פון אָט דעם פּראָלעטאַריאַט מיט אַ סך מיליאָנען קליינע און קלענסטע פּויערים, די גאַראַנטיע פון דער פירערשאַפט מצד אָט דעם פּראָלעטאַריאַט בנוגע דעם פּויערטום א. אַז. וו., איז דאָס ניט אַלץ, וואָס ס'איז נויטיק אַף אויסצובויען פון די קאָאָפּעראַציוון, פון די קאָאָפּעראַטיוון אַליין, וועלכע מיר האָבן ביז אַהער באַהאַנדלט ווי קרעמערישע אונטערנעמונגען און וועלכע מיר האָבן ביז אַ געוויסן גראַד אַ רעכט אַזוי צו באַהאַנדלען אונטער דעם נעפּ (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק) — איז דאָס ניט אַלץ, וואָס ס איז נויטיק אַף אויסצובויען אַ פולע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט? (אונטערגעשטראָכן פון אונז.— מ. אָ.) דאָס איז נאָך ניט דער אויפבוי פון אַ סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט, אָבער דאָס איז אַלץ, וואָס ס'איז נויטיק און גענוגנדיק פאַר דעם אויפבוי פון אַזאַ געזעלשאַפט." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 27, ז. 392.)

היינט זיינען די יסודות פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט שוין אויפגעבויט, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד דערנעענטערט זיך שנעל צו אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, אָבער באַטראַכט טראָצקי'ן, ווי ער שטייט אין דער פּאָזע פון אַ נביא און „וואָרנט" די וועלט:

„דער קריזיס פון דער סאָוועטישער עקאָנאָמיק, וועלכער רוקט זיך אָן, וועט אומפאַרמיידלעך, און אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט, צעברעכן די צוקערדיקע לעגענדע (וועגן דער מעגלעכקייט צו בויען סאָציאַליזם אין איין לאַנד) און, מיר האָבן קיין גרונט ניט צו צווייפלען, ער וועט צעוואַרפן אַ סך טויטע. . . . דער סאָוועטישער קריזיס וועט פאַרבאַפן די אייראָפּייאישע אַרבעטער, דערהויפּט די קאָ־מוניסטן, אינגאַנצן אומצוגעגרייט. . . . די ווידערשפּרוכן פון דער

סאָוועטישער עקאָנאָמיק, די ניט-פּאָרענדיקטקייט און די ניט-שטאַנד-האַפטיקייט פון פילע פון אירע דעראָבערונגען, די גראָבע טעות'ן פון דער פירערשאַפט און די געפאַרן, וואָס שטייען אינעם וועג פון סאָציאַליזם . . . די נאָענטסטע צוקונפט וועט ברענגען אַ נייע באַשטעטיקונג פון אונזער ריכטיקייט." (ל. טראָצקי, „סאָוועטישע עקאָנאָמיק אין געפאַר", ענגלישע אויסגאַבע, זז. 4-5.)

איין מאָל אָפּגעמאַכט בא זיך, אַז סאָציאַליזם קען ניט איינגעפירט ווערן אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַנטוויקלט טראָצקי אַ גיפטיקע פיינט־שאַפט פאַר אַלצדינג, וואָס ס'טוט זיך אינעם פ.ס.ס.ר. ער איבערטרייבט שוועריקייטן; ער טראַכט אויס שוועריקייטן וואו אַזוינע זיינען ניטאָ; ער זעט אַ „קריזיס" דאָרט, וואו עס איז דאָ נאָר איינע פון פילע שטרויכלונגען, וואָס דאַרפן בייגעקומען ווערן; ער זעט אַ פאַרקלענע־רונג פון קרעפטן דאָרט, וואו קרעפטן וואַקסן און ווערן מעכטיקער; ער לייקנט דערפאָלגן; ער דערקלערט דערגרייכונגען פאַר דורכפאַלן; ער נעמט אָן די פּאָזע פון אַ באַשולדיקער, וואָס טייטלט מיטן פינגער אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אויף איר צענטראַל־קאָמיטעט מיט סטאַלינ'ען און זאָגט: „אָט זיינען זיי — די ביוראָקראַטן, דער אומ־גליק פון דער אַרבעטער־רעוואָלוציע."

הינטער דעם אַלעם לויערט דעם קליינבירגער'ס אומגלויבן אין דער רעוואָלוציע, זיין שרעק פאַר די שטרויכלונגען, וואָס באַגעגענען זיך אין דעם וועג פון דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט אינמיטן אַ פיינטלעכער וועלט.

וואָס האָט אים אַזוי שרעקלעך אויפגערעגט אינעם אָנהויב פון זיין אָפּאָזיציע־קאַריערע? וואָס איז דאָס געווען, וואָס ס'האָט געדינט ווי אַ באַזע פאַר דעם פּרינציפּנלאָזן בונט פון טראָצקי'ן מיט זינאָוויעוו'ן און קאַמענעוו'ן? דאָס איז געווען די דעפּיטיסטישע באַציאונג צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק אינעם פ.ס.ס.ר.

אין 1921 האָבן די באָלשעוויקעס, קעגן דעם אומריכטיקן אורטייל פון אייניקע „לינקע" קאָמוניסטן, אָפּגעשאַפט דעם אַזוי־גערופענעם קריג־קאָמוניזם און האָבן איינגעפירט די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק (נעפּ). דער קריג־קאָמוניזם, וועלכער האָט געהערשט פון 1918 אָן, איז געווען אַ מיטל צו פירן דעם בירגער־קריג און צוריקצושטויסן די אינטערווענציע. די רעגירונג האָט אַוועקגעלייגט אַ האַנט אויף אַלצדינג, וואָס ס'איז פּראָדוצירט געוואָרן אינעם לאַנד, און זי האָט פאַרטיילט

אַלצדינג לויט אַ פּלאַן, כדי צו קענען ביישטיין די אַטאַקע פון די קרעפטן פון די קלאַסן־שונאים. אין אָט די יאָרן איז די פּראָדוקציע ניט געוואַקסן: זי איז געזונקען. דער טראַנספּאָרט איז ניט פאַרבעסערט געוואָרן: ער איז געוואָרן ערגער. דער גרעסטער טייל פון דעם, וואָס ס'איז פּראָדוצירט געוואָרן אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, איז אַוועק אַפן פראָנט. די רעגירונג האָט געזאַמלט שפּייז־פּראָדוקטן און רוי־מאַטעריאַלן בא די פּויערים און דערפאַר האָט זי זיי געדאַרפט געבן פאַבריקאַטן. קיין פאַבריקאַטן איז אָבער ניט געווען, ווייל די אינ־דוסטריע איז געווען רואינירט, און דאָס וואָס מען האָט יאָ פּראָדוצירט, איז נויטיק געווען פאַרן פראָנט. וואָס האָט זיך באַקומען? אין אָט די קריטישע יאָרן האָט דאָס פּויערטום פאַקטיש אויסגעהאַלטן דאָס לאַנד, און די רעגירונג האָט, אין לענינ'ס ווערטער, געגעבן די פּויערים וועקס־לען. זי האָט זיי צוגעזאָגט אַ בעסער לעבן אין דער צוקונפט. ווען דער בירגער־קריג איז געווען געענדיקט, לכל הפחות אין זיין אוממיטל־באַרער פאָרמע, ווען עס האָט אויסגעזען, אַז די רעוואָלוציע איז גע־זיכערט, לכל הפחות אַף אַ צייט, איז געוואָרן קלאָר, אַז פאַרטזעצן דעם קריג־קאָמוניזם איז אוממעגלעך. עס איז נויטיק געווען צו שטאַרקן דעם בונד מיט די מיטעלע פּויערים, וועלכער איז אַ ביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן אונטער דעם דרוק פון דעם קריג־קאָמוניזם. עס איז געווען נויטיק אַוועקצולייגן דעם פונדאַמענט פון סאָציאַליסטישן אויפבוי. אין דער ערשטער ליניע איז נויטיק געווען פאַרן לאַנד אונטער די סאָוועטן צו לערנען זיך ווי צו פּראָדוצירן. די פּויערים האָבן געדאַרפט קריגן אָן אָנרעג צו פאַרגרעסערן זייער פּראָדוקציע, און דאָס האָט מען געקענט דערגרייכן נאָר ווען מען האָט זיי געגעבן דאָס רעכט צו פאַר־קויפן זייערע פּראָדוקטן אינעם אָפענעם מאַרק. צוליב דעם, ווידער־אַמאָל, איז נויטיק געווען צו לעגאַליזירן דעם אָפענעם מאַרק. כדי אַרויסצוגיין פון דעם שרעקלעכן עקאָנאָמישן הינערפּלעט, איז נויטיק געווען צו דערמוטיקן אַפילו פּריוואַטע אינדוסטריעלע פּראָדוקציע.

די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק האָט דעריבער אַנטהאַלטן די פאָלגנ־דיקע שטריכן:

די נאַטירלעכע אוצרות און די גרויסע אינדוסטריעלע אונטער־נעמונגען — אין די הענט פון דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט;

די גאַנצע קרעדיט־סיסטעם — אין די הענט פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט;

דער גאַנצער אייזנבאַן־ און וואַסער־טראַנספּאָרט — אין די הענט פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט;

דער אויסנהאַנדל — אינגאַנצן אין די הענט פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט;

שטאַטישע ערד און געביידעס — אין די הענט פון די לאָקאַלע סאָוועטן;

פּריוואַטע פאַבריקאַציע און פּריוואַטער האַנדל דערלויבט אונטער דער אויפזיכט פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה אין הסכם מיט די פּראָלעטאַרישע געזעצן;

די פּויערים האָבן דאָס רעכט צו פאַרקויפן דעם איבערפלוס פון זייערע פּראָדוקטן אין דעם אָפענעם מאַרק נאָכדעם ווי זיי האָבן באַצאָלט זייער שטייער.

עס איז געווען אַ צוריקטריט פון דער פּאָזיציע פון דעם קריגס־קאָמוניזם — אָבער דאָס איז נויטיק געווען כדי צו מאַכן אַ שנעלן מאַרש פאָרויס. די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז געווען אַזוי שטאַרק ווי שטענדיק. די סטראַטעגישע פּאָזיציעס אין דער גאַנצער עקאָנאָמישער סיסטעם זיינען געבליבן אין די הענט פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. פּריוואַט־אינדוסטריע און פּריוואַט־האַנדל האָבן געדאַרפט דינען נאָר ווי אַ סטימול צו סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און סאָציאַליסטישן האַנדל — צו מאַכן זיי בעסער אין קוואַליטעט און קוואַנטיטעט, אַזוי אַז זיי זאָלן קענען קאָנקורירן מיט פּריוואַטע ביזנעס. אין אַזאַ צושטאַנד, וואו די סאָוועטן האָבן געגעבן שוץ דער סאָוועטישער אינדוסטריע און דעם סאָוועטישן האַנדל, וועלכע האָבן געהאַט דעם פאָרצוג לגבי פּריוואַטער אינדוסטריע און האַנדל, איז ניט געווען שווער פאָרויסצוזאָגן, אַז די ערשטע וועלן סוף כל סוף זיגן איבער די לעצטע.

לענין, וועלכער האָט געהאַט דעם טיפסטן גלויבן אין די שעפערישע קרעפטן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, האָט איינגעפירט די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, כדי די סאָוועטן זאָלן קענען אָנהויבן אַ שנעלן עקאָנאָמישן פאָרגרעס אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם. טראָצקי האָט אַזאַ פּראָגרעס ניט פאָרויסגעזען.

געווען אַ פראַגע מיט די פּויערים. טראָצקי, ווי מיר ווייסן, האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין סך גלויבן אין די פּויערים ווי אַ רעוואָלוציאָנערע קראַפט. ווען עס איז איינגעפירט געוואָרן דער נעפּ, האָט

אין דאָרף זיך ווידער באַוויזן דער רייכער פויער, דער קולאַק. אמת, ער האָט ניט אויסגעזען ווי דער קולאַק פון פאַר דער רעוואָלוציע. ער האָט אָנגעוואָרן זיין פּאָליטישע מאַכט און ער איז ניט געווען אַזוי רייך, ווי עס זיינען געווען איינציקע קולאַקעס אונטערן קאַפּיטאַליזם. אָבער ער איז געווען אַ פאַקט. לויטן געזעץ האָט ער ניט געטאָרט קויפן קיין ערד. אָבער אומלעגאַל האָט ער געהאַלטן די ערד פון עטלעכע אָרעמע פויערים, וואָס האָבן ניט פאַרמאָגט די געצייגן און די אַרבעטס־קראַפט צו באַאַרבעטן זייערע אייגענע ערד און וואָס זיינען אָפט געוואָרן זיינע באַטראַקעס. די קולאַקעס זיינען געוואָרן די דאָרפישע עקספּלואַטאַטאָרס. אָפטמאָל האָבן זיי זיך אַריינגעשמוגלט אַפילו אין די לאָקאַלע סאָוועטן, וואו זיי האָבן אויסגעאיבט אַ פּאָליטישן איינ־פלוס. די רעגירונג האָט געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט געקענט, צו העלפן די אָרעמע פויערים. זי האָט זיי באַפרייט פון שטייערן; זי האָט זיי געגעבן קרעדיטן; אָפטמאָל האָט זי זיי געגעבן פּי און אינסטרומענטן. פון דער אַנדערער זייט האָט זי דורך שטייערן אָוועקגענומען דעם גרעסטן טייל פון דעם רייכן פויער'ס איינקונפט. דאָך — דער פאַקט איז געווען אַ פאַקט: קלאַסן־צעטיילונג אינעם דאָרף.

דער נעפּמאַן אין שטאָט, דער קולאַק אין דאָרף! טראָצקי האָט דערזען פאַר זיך אַ „שאַנס". ער האָט זיך פאַראייניקט מיט זינאָוויעוו'ן און קאַמענעוו'ן אין אַ דערקלערונג, אַז די רעוואָלוציע איז אין געפאַר, אַז די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן עסן אויף די סאָציאַליסטישע עלע־מענטן אין דער סאָוועטישער עקאָנאָמיק. צי די אָפּאָזיציאָנרן זיינען טאַקע אַף אַן אמת געווען איבערגעשראָקן, אָדער זיי האָבן נאָר געמאַכט אַן אָנשטעל פון אַלאַרם צוליב פּאָליטישע צוועקן, איז ניט וויכטיק. געטאָן האָבן זיי אָט־וואָס: זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ בייזוויליקע און אומערלעכע אַטאַקע אַף דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער טראָצקיסטי־שער אָפּאָזיציע איז דאָס, וואָס זי וויל ניט זען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אַנטוויקלונג; זי מאַכט זיך כלומרשט זי באַמערקט ניט, ווי אַזוי די סאָציאַלע קרעפטן גייען איבער פון איין שטופּע צו דער אַנדערער. אין דעם נעפּ האָט זי געזען אַ סיסטעם, וואָס איז באַשטימט צו בלייבן אַף צענדליקער יאָרן, אויב ניט אַף שטענדיק. פון די שווערקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַזאַ פּאָליטיק, האָבן די אָפּאָזיציאָנערן

געשעפּט פּרישע אַמוניציע. די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט אַ באַשטימטן פּלאַן, וועלכער האָט געדאַרפט ראַדיקאַל ענדערן די סיטואַציע, און גאָר אין אַ קורצער צייט. אָבער אַן אַנדער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון טראָצקיזם איז דאָס, וואָס ער מאַכט אַוועק מיט דער האַנט די דעקלאַראַציעס פון באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען אין קעגנזאַץ צו זיינע אייגענע דערקלערונגען.

ווי אַזוי האָט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי מיט סטאַלינ'ען זיך פאָרגעשטעלט די ענדערונג? זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט און זיי האָבן געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן אַ שנעלן זיג פון דעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר פון דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק איבער דעם קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר. זיי האָבן פאָרויסגעזען, אַז אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט וועלן די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע פאַבריקן זיך פאַרבעסערן אַזויפיל, אַז זיי וועלן זייער ליכט קענען קאָנקורירן מיט די קאַפּיטאַליסטישע פאַבריקן און זיי פאַרטרייבן פונעם מאַרק. זיי האָבן פאָראויסגעזען, אַז גאָר אין גיכן וועלן די קאָאָפּעראַטיוון זיך אַזוי גוט אויסלערנען די קונסט פון האַנדלען, אַז זיי וועלן קענען אַרויסטרייבן די פּריוואַטע הענדלער פון די ביזנעס און זיי צווינגען אין די רייען פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. וואָס איז שייך די קליינע און מיטעלע פּויערים, האָבן די פּאַרטיי מיט סטאַלינ'ען געוואוסט אויסגעצייכנט, אַז פּריוואַטער באַזיץ און פּריוואַטע באַלעבאַטישקייט זיינען אַ פאַריבערגייענדיקע שטופע, אַז באַלד וועלן די פּויערים זיך פאַראייניקן אין פּראָדוקציע־קאָאָפּעראַטיוון, ד. ה. אַז מיט דער הילף פון דער פּאַרטיי און דער מלוכה וועלן זיי אָנהויבן בויען קאָלעקטיווע פאַרמס, וואָס דאָס וועט זיין דער סוף פונעם קולאַק און עס וועט באַדייטן די אָפּשאַפונג פון קלאַסן אינעם דאָרף.

זיי האָבן געזען, אַז געוויסע קולאַקעס וועלן רייך. אָבער זיי האָבן זיך ווייט ניט דערשראָקן. זיי האָבן געוואוסט, אַז די קולאַקעס ווי אַ קלאַס וועלן לאַנג קיין קיום ניט האָבן. זיי האָבן געהאַט אַ פּאָליטיק, וואָס האָט געדאַרפט „איבערמאַכן" דעם אָרעמען און מיטעלן פּויער, זיי סטימולירן און זיי לערנען ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן סאָציאַליסטישע אַגריקולטור אונטער דער פירערשאַפט פונעם פּראָלעטאַריאַט — און דאָס, האָבן זיי געוואוסט, וועט מאַכן די עקזיסטענץ פון די קולאַקעס אוממעגלעך. מיט דער גאַנצער שנעלקייט, וואָס די אומשטענדן האָבן דערלויבט, האָבן זיי זיך גענומען צוגרייטן די נויטיקע אויסשטאַטונג

פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע פון אַגריקולטור. די אויסשטאַטונג האָט געדאַרפט באַשטיין פון בעסערע געציייגן, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַ־שינען, פאַרבעסערטער זריעה און אַגריקולטורעלע עקספּערטן, וואָס זאָלן אָנפירן מיט דעם פויערטום אין דער אַרבעט פון אויפהויבן די אַגרי־קולטור צו דער ניווא פון סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע.

עס איז געווען אַ גוט־אויסגעאַרבעטער פּלאַן. געשטאַמט האָט ער פון לענינ׳ען. דורכגעפירט געוואָרן איז ער, סיסטעמאַטיש און טאַלאַנטפול, דורך דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אונטער סטאַלינ׳ען. דאָס איז געווען דער איינציקער וועג. אָבער אָט די רעוואָלוציע אָפן לאַנדווירטשאַפטלעכן געביט האָט געקענט דורכגעפירט ווערן מיט דער־פאָלג נאָר דעמאָלט, ווען עס איז באַשטאַנען דער בונד צווישן די אַרבעטער און די פויערים.

קעמפן קעגן קולאַק דורך אַרויפלייגן אַ שווערן שטייער אַף זיין איינקונפט און דורך באַפרייען די סאָוועטן פון זיין איינפלוס; העלפן דעם אָרעמען פויער מיט ערד, מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע געציייגן, מיט קרעדיט, מיט פרייהייט פון שטייערן; פאַרבינדן זיך מיט די מיטעלע פויערים כדי צו פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע און כדי צוצוציען זיי נעענטער צו די אויפגאַבן פון דעם פּראָלעטאַריאַט; „הויבן דעם קולטורעלן און מאַטעריעלן סטאַנדאַרד פון דעם פויערשן לעבן, שטעלן אַף די פיס די פויערשע מאַסן אַפן וועג, וואָס פירט צום סאָציאַליזם" (סטאַלין), — דאָס איז געווען דער פּראַקטישער און גוט־באַרעכנטער פּלאַן פון די באָלשעוויקעס. קעגן אָט דעם פּלאַן האָט מען אַרויסגע־שטעלט צוויי טעאָריעס: אַ רעכטע און אַ „לינקע". די רעכטע האָט אונטערגעשאַצט דעם קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער פון דעם קולאַק; זי האָט געזען אינעם קולאַק אַ מיטל־פויער. די „לינקע" (טראָצקי) האָט איבערגעשאַצט דעם קליינבירגערלעכן כאַראַקטער פון דעם מיטל־פויער; זי האָט געזען אין דעם מיטל־פויער אַ קולאַק.

טראָצקי האָט פּלוצלונג אַנטדעקט אַ פויערטום, וואָס באַשטייט אין אַ גרויסער מאָס פון „קולאַקעס". די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געקעמפט קעגן ביידע טענדענצן — ווייל זי האָט געוואוסט וואוהין זיי פירן.

„אונזער הויפּט-אויפגאַבע איז צו שאַפן אַן ענגן פאַרבאַנד צווישן אונז און די ברייטע מאַסן פון דעם פויערטום (האָט געזאָגט סטאַלין דעם 9טן מאַי 1925 אין אַ באַריכט צו די פּאַרטיי-פונקציאָנערן פון

מאָסקווע), צו הויבן דעם קולטורעלן און מאַטעריעלן סטאַנדאַרד פון דעם פויערשן לעבן און צו שטעלן די פיס פון די דאָזיקע פויערשע מאַסן אַפן וועג, וואָס פירט צום סאָציאַליזם. אונזער הויפּט-אויפגאַבע איז צו בויען סאָציאַליזם אַקסל צו אַקסל מיט דעם פויערטום אונטער דער פירערשאַפט פון דעם אַרבעטער-קלאַס; ווארים נאָר אונטער אַזאַ פירערשאַפט קענען מיר גאַראַנטירן, אַז די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע פון דעם לאַנד וועט געפירט ווערן אַף סאָציאַליסטישע וועגן.״ (י. סטאַלין, „לעניניזם״, ענגלישע אויסגאַבע, באַנד 1, ז. 247-248.)

אין וואָס דאַרף באַשטיין דער סאָציאַליסטישער וועג אין דאָרף? סטאַלין ענטפערט דערויף אַזוי:

„ווי אַזוי קען דאָס פויערטום אַריינגעצויגן ווערן אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון סאָוועטישער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג? דורך די קאָאָפּעראַציע. דורך קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט, לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַציע, פאַרטייל-קאָאָפּעראַטיוון און פּראָדוקציע-קאָאָפּעראַטיוון. דאָס זיינען די וועגן און מיטלען, דורך וועלכע דאָס פויערטום וועט לאַנגזאַם, אָבער זיכער אַריינגעצויגן ווערן אין דעם שטראָם פון דער אַלגעמיינער סיסטעם פון סאָציאַליסטישן אויפבוי.״ (דאָרטן, ז. 249.)

פּראָדוקציע-קאָאָפּעראַטיוון איז אַן אַנדער נאָמען פאַר קאָלעקטיווע פאַרמס.

פאַרוואָס האָט דאָס געדאַרפט פאַרקומען לאַנגזאַם? ווייל די סאָציאַליסטישע פאַבריקן און זאַוואָדן האָבן געדאַרפט פּראָדוצירן גענוג מאַשינעריע און געציינגן, וואָס זאָל דינען ווי אַ מיטל צוצוציען די פויערים, צו באַוועגן זיי צו אָרגאַניזירן זיך אין קאָאָפּעראַטיוון; ווארים די סאָוועטישע מינען האָבן געדאַרפט פּראָדוצירן גענוג קוילן און אייזן-אַרץ פאַר דער פּראָדוקציע פון שטאָל און אייזן, וואָס זיינען נויטיק געווען פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען; ווייל די אַרבעטער האָבן זיך געדאַרפט אויסלערנען פּראָדוצירן — און דאָס אַלץ האָט געדויערט עטלעכע יאָר. ארום און ארום האָט דאָס געדויערט ניט מער ווי זיבן יאָר — פון 1922 ביז 1929, פון דעם אָנהויב נעפּ ביז דער ברייטער קאָלעקטיוויזאַציע. אָבער וואָס פאַר אַ טומל די טראָצקיסטן האָבן אויפגעהויבן אין אָט די יאָרן! וואָס פאַר אַ שאָדן זיי האָבן אָנגעטאָן! וואָס פאַר אַ שטרויכלונגען זיי האָבן געשטעלט אין דעם וועג פון דעם אַפּאַראַט פון דער סאָוועטישער עקאָנאָמיק! ווי זיי האָבן דאָס געאַרבעט אַף אונטערצוגראָבן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי-אייניקייט, וועל-

בע איז געווען די ערשטע באַדינגונג פון דורכפירן די פּראָגראַם פון בויען אַ סאָציאַליסטישע עקאָנאָמיק!

אין משך פון דריי יאָר, צווישן 1924 און 1927, ווען זיי זיינען נאָך געווען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, האָבן זיי ניט אויפגעהערט מאַכן גוואַלדן וועגן דעם וואוקס פון דעם קולאַק און דעם וואוקס פון דעם נעפּמאַן. זייערע פּראַקטישע פאָרשלאַגן זיינען דיקטירט געוואָרן ניט דורך אַ פאַרשטענדעניש פון דער סאָוועטישער עקאָנאָמיק, נאָר דורך פּאַניק. זיי האָבן געזאָגט: „קאָלעקטיוויזירן די פּויערים טאַקע באַלד; אויב נויטיק — מיט גוואַלד", וואָס אויב מען וואָלט דאָס געפּרואווט, וואָלט דאָס אַוועקגעשטעלט די פּויערים קעגן די אַרבעטער און וואָלט אונטערגעגראָבן די רעוואָלוציע. זיי האָבן געפאָדערט אַ פאַרשנעלערונג אין דעם טעמפּאָ פון אינדוסטריאַליזאַציע און זיי האָבן צוליב דעם פאָרגעשלאָגן אינוועסטירן נאָך אַ ביליאָן רובל אין דער אינדוסטריע. דעם ביליאָן, האָבן זיי געזאָגט, קען מען קריגן דורך העכערן די פּרייזן אויף סחורות — אַ טריט וואָס וואָלט ניט פאַרקלענערט, נאָר פאַרגרעסערט די שווערקייטן, וואָרים העכערע פּרייזן אויף סחורות וואָלטן זיך געלייגט מיט דער גרעסטער משא אויף די אָרעמע און מיטעלע פּויערים, די פאַרברויכער פון דער גרעסטער מאַסע אינדוסטריעלע סחורות, און דאָס וואָלט נידעריקער געמאַכט זייער לעבנס-סטאַנדאַרד, וואָס צוליב דעם וואָלט פאַרשטאַרקט געוואָרן די פּאָזיציע פון די קולאַקעס. די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע האָט געטאָן אַלץ מעגלעכעס צו פאַרווירקלעכן אַ ריס צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און די מיטעלע פּויערים, וואָס דאָס וואָלט געשאַדט דער רעוואָלוציע, געשטערט דעם אויפבוי פון סאָציאַליזם.

זיי זיינען נאָך געווען אין דער פּאַרטיי, אָבער זיי האָבן געקעמפּט ווי שונאים, וועמעס אויפגאַבע איז ניט קריטיק, נאָר צעשטערונג. קיין שום איבערטרייבונג איז פאַר זיי ניט געווען צו ווילד, קיין שום אינ־סינואַציע צו געמיין, קיין שום פאַרקריפּלונג צו נידערטרעכטיק. זיי האָבן פאַרשפּרייט ליטעראַטור, וואָס איז פול געווען מיט די העס־לעכסטע פאַרלוימדונגען אויף אַלצדינג, וואָס די פּאַרטיי האָט געטאָן. זיי האָבן באַגריסט דעם צען־יאָריקן יובילי פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע מיט אַ דעקלאַראַציע, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַ פּאַרטיי פון ביוראָקראַטן, קולאַקעס און נעפּלייט. די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע איז באַ־גלייט געוואָרן מיט דער בילדונג פון אַן אונטערערדישער פראַקציע,

וועלכע האָט געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס און זיי פּאַרטיילט אין דער שטיל. די פּאַרטיי האָט דאָס געמוזט אָפּשטעלן. די אָפּאָזיציע איז אויס־געשלאָסן געוואָרן. אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעשטעלט די אַגיטאַציע.

מיר האָבן געמוזט דערציילן אָט דאָס קאַפּיטל פון דער אָפּאָזיציע־טעטיקייט אַ ביסל גענויער, ווייל דאָס גיט אַ שליסל צו פאַרשטיין דאָס, וואָס ס'איז נאָכדעם געשען. יעדער פאַרשטענדלעכער מענטש, ווען ער זעט, אַז זיינע שרעקן און פאַרדאַכטן זיינען ניט פאַרווירקלכט געוואָרן, וועט צוגעבן, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות. אָבער ניט טראָצקי. די שנעלע אינדוסטריאַליזאַציע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאָס כמעט פולשטענדיקע פאַרשווינדן פונעם נעפּמאַן, די קאָלעקטיוויזאַציע פון אַגריקולטור, די ליקווידאַציע פון דעם קולאַק אַלס קלאַס וואָלט, דאַכט זיך, געדאַרפט צופרידנשטעלן די טראָצקיסטן, אויב זיי האָבן טאַקע אויף אַן אמת געמיינט דאָס, וואָס זיי האָבן געשריגן פון אַלע דעכער. אָבער טראָצקי'ס אָפּאָזיציע ווערט אַלץ גיפטיקער, וואָס מער דער באָדן גליטשט זיך אַרויס פון אונטער זיינע פיס. דאָס איז דער גיפט פון די יעניקע עלעמענטן פון דער קליין־בורזשואַזיע, וועלכע זעען דעם זיג פון סאָציאַליזם, אָבער זיי ווילן ניט ווערן קיין אַרבעטער, וואָס פאַרדינען ערלעך אַפן לעבן אונטער דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

טראָצקי פירט זיך אַזוי, אַקוראַט ווי די דערגרייכונגען פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען ספּעציעל געמאַכט געוואָרן אים אויף צו להכעיס.

:: :: ::

אויב עס איז דאָ איין דערגרייכונג אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס אפילו שונאים זיינען געצוואונגען זי אָנצודערקענען, איז דאָס דער מערקווירדיקער עקאָנאָמישער דערפאָלג, סיי אין אינדוסטריע, סיי אין אַגריקולטור. די פאַקטן זיינען אַזוי ברייט פאַרשפּרייט, אַז עס איז כמעט ניט נויטיק זיי נאָכאַמאָל צו דערמאָנען. פון אַ צוריקגעשטאַנען לאַנד איז דער פ.ס.ס.ר. געוואָרן איינס פון די פאָרטגעשריטענע אינ־דוסטריעלע לענדער. פון אַ לאַנד מיט אריבער 20 מיליאָן אינדיווידועלע פויערשע באַלעבאַטישקייטן איז דאָס געוואָרן אַ לאַנד פון גרויסער מאָדערנער אַגריקולטור. פון אַ לאַנד, וואָס האָט זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף אַנדערע לענדער אין פּרט פון אינדוסטריעלער אויסשטאַטונג, איז דאָס געוואָרן אַ לאַנד, וואָס קען פּראָדוצירן פאַר זיך די קאָמפּליצירטסטע

און די פֿאָרטגעשריטנסטע אינדוסטריעלע אויסשטאַטונג. פֿון אַ לאַנד, וואו די גרעסטע מערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג איז געווען אַנאַלפֿאַבעטיש, איז דאָס געוואָרן אַ לאַנד, וואו כמעט יעדער איינער, דערהויפּט דער אינגערער דור, באַקומט בילדונג. די סאָוועטישע פֿאַבריקן זיינען צווישן די בעסטע אין דער וועלט. די סאָוועטישע אינזשענערן און אַרבעטער באַהערשן די פֿאָרטגעשריטנסטע טעכניק. די סאָוועטישע אינדוסטריעלע פּראָדוקציע האָט זיך פֿאַרגרעסערט אויף אַכט מאָל אַזוי פֿיל אין 1936 אין פֿאַרגלייך מיט 1913. די סאָוועטישע אַגריקולטור האָט נובער געווען די אורשפּרינגלעכע שווערקייטן און האָט געמאַכט אַ באַדייטנדיקן טריט אָפּן וועג פֿון באַזאָרגן דאָס לאַנד מיט אַ רייכטום פֿון שפּייז-פּראָדוקטן און רוי-מאַטעריאַל. די אַגריקולטורעלע פּראָדוקציע פֿון סוף 1936 האָט זיך פֿאַרגרעסערט אויף 50 פּראָצענט אין פֿאַרגלייך מיט די יאָרן פֿון פֿאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע. די סאָוועטישע זאַוואָדן גיבן אַרויס טראַקטאָרס און טראַקס און אַנדערע אַגריקולטורעלע מאַשינעריע אין די הונדערטער טויזנטער.

די דערפֿאָלגן פֿון דעם סאָוועטן-פֿאַרבאַנד, די פֿאַרבעסערונג אין דעם לעבנס-סטאַנדאַרד פֿון די מאַסן, דאָס קולטורעלע לעבן — דאָס אַלץ דערוועקט די באַוואונדערונג פֿון מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס איבער דער גאַנצער וועלט און אין דער זעלביקער מאָס פֿאַרגרעסערט עס דעם צאָרן פֿון די עקספּלואַטאַטאָרס.

וואו איז טראָצקי? ער איז ניט מיט די האָרעפּאַשניקעס. ער שפּייט גיפֿט אין הסכם מיט די עקספּלואַטאַטאָרס. ער העלפֿט זיי. נאָך מער, ער איז דער איניציאַטאָר פֿון קאַמפּאַניעס קעגן דעם סאָוועטן-פֿאַרבאַנד. ער דערקלערט, אַז די אַלע דערפֿאָלגן זיינען ניטאָ אויף דער וועלט.

וואָס, זאָגט ער, איז שלעכט? וואָס פֿעלט? גאָר פּשוט: „מען קען ניט בויען סאָציאַליזם אין איין לאַנד.“ פֿאַרוואָס ניט? ווייל

„. . . דער אַלגעמיינער וואוקס פֿון דער עקאָנאָמיק פֿון איין זייט און דאָס אַרויסשפּראָצן פֿון נייע פֿאָדערונגען און נייע דיספּראָפּאָרציעס פֿון דער אַנדערער זייט, פֿאַרגרעסערן אומפֿאַרמיידלעך די נויטווענדיקייט פֿון פֿאַרבינדן זיך מיט דער וועלט-עקאָנאָמיק. די פּראָגראַם פֿון „אומאָפּהענגיקייט“, דאָס הייסט פֿון דעם זעלבסט-באַפֿרידיקנדיקן כאַראַקטער פֿון דער סאָוועטישער עקאָנאָמיק, אַנטפּלעקט מער און מער איר רעאַקציאָנערן און אוטאָפּישן כאַראַקטער. אויטאַרקיע איז דער אידעאַל פֿון היטלער'ן, ניט פֿון מאַרקס'ן און לענינ'ען.“ (ל.

טראָצקי, „סאָוועטישע עקאָנאָמיק אין געפאַר", ענגלישע אויסגאַבע, ז. 17, 1933.)

דער גאַנצער אויסגוס פאַרמאָגט ניט קיין איינציקן זאַץ, וואָס זאָל האָבן אַ זין. דער הער טראָצקי „פאַרגעסט" צוליב זיין באַקוועמלעכקייט דעם אונטערשייד צווישן קאַפּיטאַליסטישער און סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק. אין דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיק זיינען ווידערשפּרוכן אומפאַרמיידלעך און קענען ניט ביינעקומען ווערן. צום ביישפּיל: דער וואוקס פון מאַסן־פּראָדוקציע, באַגלייט מיט נידעריקערע שכירות, באַשאַפט אין דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיק אַזאַ „דיספּראָפּאָרציע", וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט ניט קיין מעגלעכקייט זי גובר צו זיין. אין דער סאָוועטישער עקאָנאָמיק איז די זאַך אַנדערש. יענע „דיס־פּראָפּאָרציעס", וואָס טראָצקי דערמאָנט, אַשטייגער: דאָס וואָס עס שטייט אָפּ די פּראָדוקציע פון קוילן אָדער גומי, זיינען ווייט ניט קאַטאַסטראָפאַל. זיי באַשאַפן שוועריקייטן, וועלכע קענען לייכט באַזייטיקט ווערן. מיט דעם וואוקס פון דער סאָוועטישער עקאָנאָמיק האָבן זיי די טענדענץ צו ווערן קלענער, ניט גרעסער. ווען עס איז דאָ אַ סך שטאָל, מאַכט שוין ניט אַזוי אויס, אויב די אָדער יענע פאַבריק איז הינטערשטעליק. ווען די אייזנבאַן־סיסטעם איז פאַרבעסערט, אַז שוין ניט וויכטיק, אויב די אָדער יענע באַן איז ניט הונדערט־פּראָצענטיק. ווען אַגריקולטור איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן באַזיס, מאַכט שוין אפילו ניט אויס, צי די קלימאַטישע באַדינגונגען זיינען גינסטיק. די גערעטעניש פון 1934 איז געווען אַ רייכע, ניט געקוקט אויף אַ שרעקלעכער טריקעניש. דיספּראָפּאָרציעס און שוועריקייטן, וואָס באַגלייטן זיי, האָבן אַ טענדענץ צו ווערן קלענער און ניט גרעסער אין דער סאָוועטישער עקאָנאָמיק.

וואָס איז שייך די פּראָגראַם פון אומאָפּהענגיקייט — פאַרוואָס איז זי רעאַקציאָנער און פאַרוואָס איז זי אוטאָפּיש? איז דאָס דען ניט אַ פאַקט, אַז די סאָוועטישע עקאָנאָמיק איז איצט ווייניקער אָפּהענגיק פון אַנדערע לענדער, ווי זי איז געווען צוריק מיט פינף יאָר? זיינען דען ניט די סאָוועטישע אינדוסטריעלע גיגאַנטן אין דער לאַגע צו באַזאָרגן דאָס לאַנד מיט דער נויטיקער אויסשטאַטונג, בשעת צוריק מיט פינף יאָר האָט דאָס לאַנד גענייטיקט זיך פאַרלאָזן אויפן אימפּאָרט? גאַראַנטירן דען ניט די ריזיקע און פאַרשיידנאַרטיקע נאַטירלעכע אוצרות דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ פרייע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג

אומאָפּהענגיק פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער? וואָס איז אוטאָפּיש אין אַ פאַקט, וואָס עקזיסטירט?

און פאַרוואָס איז דאָס רעאַקציאָנער? ווען די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג וואָלט פאַרלאַנגזאַמט געוואָרן צוליב אַ געוויסער פּאָליטיק, וואָלט מען דאָס געקענט אָנרופן „רעאַקציאָנער" פון דעם עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט — אויב עס וואָלט זיך נאָר געווענדעט אָן די סאָוועטישע פירער אַליין צו ענדערן אָט די פּאָליטיק. אויב אָבער די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג איז קאָלאָסאַל פאַרשנעלערט געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון דער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק, אויב זי איז אַוועק אַ סך ווייטער, ווי וועלכע ניט איז קאַפּיטאַליסטיש לאַנד האָט געקענט טרוימען אַפילו אין די צייטן פון איר העכסטן עקאָנאָמישן אויפשוואונג, טאַ וואו־זשע איז די רעאַקציע?

אַז דער אידעאַל פון סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק איז ניט אויטאַרקיע (זעלבסטזעניגזאַמקייט), נאָר אינטערנאַציאָנאַלער אויסטויש און אַז נאָר אונטער אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָוועטישער סיסטעם וועט אַזאַ אויסטויש קענען אַוועקגעשטעלט ווערן אַף אַ וויסנשאַפטלעכן באָדן, דאַרפן מיר זיך ניט גיין לערנען בא טראָצקי'ן. דאָס איז איינער פון די פונדאַמענטאַלע טעזיסן פונעם מאַרקסיזם. אויטאַרקיע איז ניט דער אידעאַל פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וויל ניט קיין אויטאַרקיע און אַרבעט ניט פאַר אויטאַרקיע. אָבער עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן וועלט־מאַרק איז אַ נויטווענדיקייט, וואָס שטאַמט פון דעם פאַקט, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַרומגערינגלט מיט אַ פיינטלעכער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אַ צושטאַנד פון באַלאַגערונג איז ניט דער אידעאַל פון אַ גוטן שטאָטישן לעבן. אָבער ווען אַ שטאָט איז באַלאַגערט, איז גוט פאַר די איינוואוינער, אויב זי קען זיך האַלטן מיט אירע אייגענע מיטלען, אויב אין איר איז דאָ אַ געוויסע מאָס פון „אויטאַרקיע".

די אידייע, אַז די אַנטוויקלונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פאָדערט אַ פאַרגרעסערונג אין דעם „פאַרבינדן זיך מיט דער וועלט־עקאָנאָמיק", איז גרונט פאַלש. שוין לאַנגע יאָרן, אַז טראָצקי טראָגט זיך אַרום מיט דער אידייע, אַז די סאָוועטישע עקאָנאָמיק איז אַ טייל פון דער וועלט־עקאָנאָמיק, אַז זי שטייט און פאַלט מיט דער לעצטער. אָבער וואָס דערציילן די פאַקטן? די סאָוועטישע עקאָנאָמיע איז געגאַנגען פון איין זיג צום צווייטן; בשעת די קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיע האָט

געפוילט און איז געגאַנגען צו גרונט. די סאָוועטישע עקאָנאָמיק מאַר־שירט שטורעמדיק פאָרויס צו נייע אומפאַרגלייכלעכע דערגרייכונגען אונטער אַ סיסטעם, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד ווערט מער און מער פאַר־אייניקט הינטער דער סאָוועטישער מאַכט, בשעת די קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיק איז ניט פּייאיק בייצוקומען איר קריזיס, און די קאַפּיטאַליס־טישע לענדער גייען שנעל צו דעם אומוואַרף פון דער גאַנצער עקזיס־טירנדיקער סיסטעם. אַפילו אַ בלינדער קען אָנטאַפּן אָט די פאַקטן.

פון דער צייט, ווען טראָצקי׳ס בראָשור „סאָוועטישע עקאָנאָמיק אין געפאַר״ איז דערשינען, איז אַוועק אַריבער פיר יאָר. טראָצקי האָט דעמאָלט געזאָגט, אַז די „קאָנענטסטע צוקונפט״ וועט ברענגען אַ באַ־שטעטיקונג פון זיין ריכטיקייט. אין משך פון אָט די יאָרן האָט די סאָוועטישע עקאָנאָמיק דורכגעמאַכט אַ נייעם קאָלאָסאַלן אויפשוואונג. עס איז געקומען פונקט דער היפוך פון אַ באַשטעטיקונג פון זיין ריכטיקייט. אָבער טראָצקי בילט אַלץ העכער קעגן דעם זיגרייכן סאָ־ציאַליסטישן אויפבוי. דאָס געבוי פון סאָציאַליזם איז שוין פאַר־ענדיקט — און ער האַלט נאָך אַלץ אין איין ווידערהאָלן, אַז „סאָציאַ־ליזם אין איין לאַנד איז אוממעגלעך״. דאָס איז שוין מער ניט קיין „טעות״: דאָס איז בייזער ווילן. דאָס ווערט געטאָן מיט אַ כיון, כדי ארונטערצורייסן אין די אויגן פון די מאַסן די דערגרייכונגען פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק.

צו די אומצייטיקע „ווידערשפּרוכן״, וואָס טראָצקי אַנטדעקט אין דעם בוי פון סאָציאַליזם אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז צוגעקומען אַ שפּאָגל נייער: דער ווידערשפּרוך צווישן פּראָדוקציע און פאַרברויך. אַפילו אַ טראָצקיסט קען שוין מער ניט לייקענען דעם קאָלאָסאַלן עקאָ־נאָמישן וואוקס פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַפילו דער ביטערסטער שונא מוז, צו זיין באַדויערן, צוגעבן, אַז די קאָלעקטיוויזאַציע פון אַגריקולטור איז אַ פאַקט. אָבער פאַקטן פירן ניט אַראָפּ טראָצקי׳ן פון זיין וועג. פאַקטן קענען אויסגעטייטשט ווערן קאַפּויר. און די לעצטע קאַפּוירע אויסטייטשונג האָט טראָצקי געגעבן דעם פאַקט, וואָס ניט געקוקט אויף דעם ריזיקן וואוקס אין דער פּראָדוקציע פון געברויך־אַרטיקלען און ניט געקוקט אויף דעם ריזיין וואוקס פון פאַרברויך פון דעם איינצעלנעם אַרבעטער און פּויער, ווערן פּראָדוקטן אַלץ נאָך שטאַרק געשעצט צווישן די מאַסן און וואָס יעדער איינער שטרעבט צו האָבן וואָס מער צו פאַרברויכן. טראָצקי רופט דאָס: „דער סטימול

צו אינדיווידועלער אָנהויפּונג", און אַזוי ווי ער האָט געהערט אַז מאַרקס האָט „אויך" גערעדט וועגן אָנהויפּונג (פּרימיטיווע אָנהויפּונג פֿון קאַפּיטאַל !), קומט ער צו דעם זייער טיפֿזיניקן שלוס, אַז אָט דער „סטימול צו אינדיווידועלער אָנהויפּונג" קען פֿירן צו אַ ווידעראויפלעבונג פֿון קאַפּיטאַליזם.

„אַזוי לאַנג ווי די ריזיקע מערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג איז נאָך ניט אַרויס פֿון פֿאַקטישער נויט, באַהאַלט דער פֿאַרלאַנג פֿאַר אינדיווידועלער אָנאייגענונג און פֿאַר דער אָנהויפּונג פֿון גיטער אַ מאַסן-כאַראַקטער און קומט אין אַ שטענדיקן צוזאַמענשטויס מיט די קאָלעקטיווע טענדענצן פֿון דעם עקאָנאָמישן לעבן. . . . אויב דער אָנהויפּונג איז דערלויבט אַריבערצושטייגן געוויסע גרענעצן, וועט זי זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ פּרימיטיווער קאַפּיטאַליסטישער אָנהויפּונג און קען רעזולטירן אין אומוואַרפֿן די קאָלכאָזן און נאָך זיי די טראָסטס (קאָמבינאַציעס פֿון מלוכה-פֿאַבריקן.—מ. אַ.). די „אָפּשאַפֿונג פֿון קלאַסן" אין אַ סאָציאַליסטישן זין הייסט גאַראַנטירן אַלע מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט אַזוינע לעבנס-באַדינגונגען, וואָס וועלן אָפּטויטן דעם סטימול פֿאַר אינדיווידועלער אָנהויפּונג. מיר זיינען נאָך זייער ווייט דערפֿון. . . . די איצטיקע איבערגאַנגס-געזעלשאַפֿט איז פֿול מיט ווידערשפּרוכן, וועלכע טראָגן, אין דער ספֿערע פֿון פֿאַרברויך, די אומ-מיטלבאַרסטע און לעבנס-וויכטיקסטע ספֿערע פֿאַר יעדן איינעם, דעם כאַראַקטער פֿון עקסטרעמער אָנגעשטרענגטקייט און דראָען שטענדיק צו פֿאַראורזאַכן אַן אויפֿרייס אין דער ספֿערע פֿון פּראָדוקציע. . . . פּאָטענציעל, אָף וויפֿיל עס האַנדלט זיך וועגן די מעגלעכקייטן און געפֿאַרן, וואָס זיינען דערין באַהאַלטן, איז דאָס אַ קלאַסן-קאַמף . . ., וועלכער שטייגט אַרויס פֿון דער שאַרפֿער קאָנקורענץ צווישן די אינטערעסן, וואָס זיינען פֿאַרוויקלט אין דער ספֿערע פֿון פֿאַרברויך אָפֿן באַזיס פֿון אַ נאָך ניט גענוגנדיקער און ניט-האַרמאָנישער עקאָנאָמיק." (לעאָן טראָצקי, „דער קיראָוו-מאָרד", פֿעברואַר 1935, זז. 10-11.)

טראָצקי פֿאַרקלײדט זיך נאָך אַלץ אין אַ מאַנטל פֿון אַ טשעמפּיאָן פֿון סאָציאַליזם. אַזוי ווי דער סאָציאַליזם אינעם פּ.ס.ס.ר. האָט נאָך ניט געבראַכט אַזאַ סיטואַציע, וואו עס איז ניטאָ קיין סטימול פֿאַר דער אָנאייגענונג פֿון פֿאַרברויך־גיטער, זעט ער פֿאַר זיך אַ מעגלעכקייט צו אַטאַקירן. דער פֿאַקט, וואָס די מאַסן פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זיינען נאָך הונגעריק נאָך גיטער — וואָס דאָס איז אַ טרייב־קראַפֿט צו פּראָדוצירן מער און בעסערע גיטער — ווערט בײַ טראָצקי'ן פֿאַרוואַנדלט אין אַ קלאַסן־קאַמף. דער פֿאַרלאַנג פֿון אָנאייגענונג ווערט — דורך אַ פֿאָקוס — פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאַרלאַנג פֿון אָנהויפּונג. דער

קאָלכאָזניק, װעלכער װיל באַקומען מער מעטערס סיטץ אָדער װאָלנס פאַר זיך און זײַן פאַמיליע, װעט, לױט טראָצקי'ן, „אָנהױבן" אױפיל סיטץ און װאָלנס, אַז סוף כּל סוף װעט ער װערן אַ קאַפּיטאַליסט און, װער װײסט, ער קען נאָך עפּענען אַ טעקסטיל־פאַבריק אַפּן באַזיס פון פּריװאַט־אײגנטום. דער טעקסטיל־אַרבעטער, װעלכער האָט אַ גרױסן חשק צו באַקומען מער װײַצן־מעל און קרױט, קען נאָך אָנזאַמלען אַט די פּראָדוקטן, זײ „אָנהױבן" — דערװײל זיך צוריקהאַלטנדיק פון פאַר־ברױכן זײ — און אַ, „עקסטרעמע אָנשטרענגונג אין דער ספערע פון פאַרברױך"! ער קען זיך נאָך פאַרװאַנדלען אין אַן אײגנטימער פון אַ תּבואה־עלעװײטאָר, װעלכער קאָנקורירט מיט די מלוכה־עלעװײטאָרס און פאַראורזאַכט „אַן אױפרײס אין דער ספערע פון פּראָדוקציע". אַניט קען זיך נאָך מאַכן, אַז דער קאָלכאָזניק, װעלכער האָט מיט אַזאַ אומ־געדולד דערװאַרט צו באַקומען זײַן ראַדיאָ פון דער שטאָט, זאָל דאָס ניט געברױכן פאַר זיך, נאָר עס פאַרקױפן דעם שכן און מיט דעם געלט, װאָס ער װעט אַזױ „אָנהױבן", זאָל ער גײן אין ביזנעס און ביסלעכװײז אַנטװיקלען דעם „קלאַסן־קאַמף" און װערן אַ געפאַר פאַר די קאָלכאָזן און די טראַסטס.

דאָס איז אַן אומזין, עס איז אָבער דאָ אַ סיסטעם אין אַלע טראָצקי'ס אומזיניקײטן. ער האָפט, אַז אַזױ װי עס איז נאָך ניטאָ אינעם סאָװעטן־פאַרבאַנד גענוג פאַרברױך־גיטער צו גאַראַנטירן יעדן אײנעם ניט נאָר קאָמפאָרט, נאָר אױך לוקסוס, קען מען נאָך פאַרנאַרן אײניקע קאָלכאָזניקעס צו לײגן זײערע האָפענונגען אױף די קולאַקעס, — װעלכע מען קען נאָך געפינען דאָ און דאָרט אין די קאָלכאָזן פאַר־שטעלט פאַר לאָיאַלע מיטגלידער — און מיט דער הילף פון די טראָצ־קיסטן קענען זײ נאָך אַרונטעררײַסן די קאָלכאָזן.

טראָצקי האָט דאָ געבעדך אַ טעות! די מאַסן פון די קאָלכאָזן האָבן געהאַט זײער לעקציע אין 1932, װען צוליב אומדערפאַרנדקײט האָבן אײניקע נאָכגעגעבן דעם דרוק פון די קולאַקעס אין צפון־קאַװקאַז און אוקראַינע. זײ װײסן איצט, אַז זײער האָפענונג איז — מער און בעסערע קאָלעקטיװע פּראָדוקציע. דער אינדיװידועלער קאָלכאָזניק מעג פּרואװן אױעקלײגן אַ טײל פון זײַן חלק פון דער קאָלעקטיװער געװעטעניש „צו באַװאָרענען זיך קעגן אַ שלעכטער צײט", אָבער דאָס װעט פון אים ניט מאַכן קײן קולאַק, און מיט דעם װאוקס פון זיכערקײט און שפע אין דאָרף װעט אַט די פּראַקטיק אױך באַלד פאַרשװינדן.

וואָס איז שייך די שטאַטישע אַרבעטער, האָבן זיי ניט די פּראַקטיק פון „אָנהויפּן". זיי לייגן גאָרניט אַוועק אָן אַ זייט, זיי גיבן אויס מיט פאַרגעניגן אַלצדינג וואָס זיי פאַרדינען, ווייל זיי האָבן ניט מורא צו פאַרלירן זייערע דזשאַבס, און זיי קריגן אַלעמאָל העכערע שכירות און אַ בעסערן לעבנס-סטאַנדאַרד. ניטאָ קיין געפאַר פון אַ באַנייטן „קלאַסן־קאַמף" „אין דער ספערע פון פאַרברויך" אינעם פ.ס.ס.ר. ניטאָ שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אין עטלעכע יאָר אַרום, מיטן וואוקס פון די פּראָדוקציע־קרעפטן, וואָס וואַקסן געוואַלטיק, וועט דער אונטערשייד צווישן די פאַרדינסטן פון איינצעלנע אַרבעטער, קאַלכאָזניקעס און האַרעפּאַשנע אינטעליגענטן ביסלעכוויַיז פאַרשווינדן. אין עטלעכע יאָר אַרום, אין אַ פולער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וועט הערשן דער כּלל: „פון יעדן לויט זיינע פיאיקייטן — יעדן לויט זיינע באַדערפעענישן."

פאַראַן יאָ אַ ווידערשפּרוך אין אָט דער ספערע: דער ווידערשפּרוך צווישן די פאַקטן פון איין זייט און טראָצקי'ס וואונטשן פון דער צווייטער זייט; דער ווידערשפּרוך צווישן דער לאַגע פון אַן אַמאָליקן אָפּאָזיציאָנער און אַן איצטיקן קאָנטר־רעוואָלוציאָנער. אָבער דאָס איז ניט דער ווידערשפּרוך פון דער סאָוועטישער עקאָנאָמיק. דאָ, ווי אומעטום, איז דער וואונטש פון טראָצקי'ן דער פאָטער פון זיין געדאַנק. ער וואָלט אַ בעלן געווען זען אָן אָנהויפּונג פון קאַפּיטאַל דאָרט וואו עס איז דאָ אַ פאַרלאַנג צו פּראָדוצירן און פאַרברויכן און וואו די מאַסן ווייסן פון זייער אייגענער דערפאַרונג, אַז וואָס מער זיי וועלן פּראָדוצירן, אַלץ מער וועלן זיי פאַרברויכן. ער ווייסט, אַז די מאַסן האָבן געהערט וועגן די ווידערשפּרודן צווישן מאַסן־פּראָדוקציע און אַ פאַרשמעלערטן מאַרק אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איילט ער זיך צו געברויכן די זעלביקע אויסדרוקן אין באַצוג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָפנדיק איינצורעדן די אומוויסנדיקע, אַז דער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם — אָרעמקייט אינמיטן רייכטום — און דער רעלאַטיווער מאַנגל אין גיטער אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — וואו מען האָט פריער נעדאַרפט אויסבויען דעם פּראָדוקציע־אַפּאַראַט און וואו דער מאַנגל פאַרשווינדט מיט דער וואַקסנדיקער פּראָדוקציע — זיינען איין און די זעלביקע זאַך.

וואָס מער ציַיט עס גייט אַוועק, אַלץ ווילדער ווערן די באַהויפּטונגען פון טראָצקי'ן וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַלץ ווייניקער

ענלעכקייט האָבן זיי מיט דער ווירקלעכער לאַגע. מיר ווילן נאָר דער־מאָנען טראָצקי׳ס אָן אָפּהאַנדלונג וועגן דער נייער סאָוועטישער קאָנ־סטיטוציע, וואָס איז דערשינען אינעם „ניו מיליטאַנט" פונעם 9טן מאַי 1936. אין אָט דער אָפּהאַנדלונג דערקלערט טראָצקי נאָכאַמאָל, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ניט נאָר נישטאָ קיין סאָציאַליזם, נאָר אַז עס וואַקסן די קלאַסן־קעגנזאַצן. פון איין זייט, זאָגט ער, איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן דעם נאַציאָנאַליזירטן אייגנטום (פאַבריקן, אייזנבאַנען א. אַז. וו.) און דעם קאָלעקטיוון אייגנטום אין דאָרף (קאָל־כאָזן), פון דער אַנדערער זייט איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן די „קלאַסן" אין פּרט פון פאַרברויך. „געוויס איז די ספערע פון פאַר־טיילונג (שרייבט ער) נאָר אַן „איבערגעבויי" אין באַצוג צו דער פּראָ־דוקציע. אָבער גראָד די ספערע פון פאַרטיילונג איז פון אַנטשיידנ־דיקער וויכטיקייט אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן פונעם פאָלק."

די דאָזיקע „טעאָריע" שטעלט אַוועק די גאַנצע מאַרקסיסטישע לערע מיטן קאָפּ אַראָפּ. „פון אַנטשיידנדער וויכטיקייט" איז, אין וועמעס הענט עס געפינען זיך די פּראָדוקציע־מיטלען. אין דער קאַפּי־טאַליסטישער וועלט זיינען זיי אין די הענט פון פּריוואַטע באַזיצער אָדער פאַראייניקונגען פון פּריוואַטע באַזיצער (קאָרפּאָריישאַנס, טראָסטס). אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען זיי אין די הענט פון די פּראָדוצירער — אַלס קאָלכאָזן אָדער אַלס אייגנטום פון דער מלוכה, וועלכע איז אַ מלוכה פון אַרבעטער און פּויערים. אין דער קאַפּיטאַ־ליסטישער וועלט ווערן די פּראָדוקציע־מיטלען געברויכט צו עקספּלואַ־טירן די פּראָדוצירער. אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נישטאָ קיין עקס־פּלואַטאַציע. דער אַרבעטער, וואָס אַרבעט אויס מער פּראָדוקטן, באַ־קומט מער — אָבער דאָס הייסט ניט, אַז ער עקספּלואַטירט דעם אַר־בעטער, וואָס פּראָדוצירט ווייניקער און באַקומט ווייניקער, און דאָס הייסט ניט, אַז דאָס וועט אַזוי בלייבן — ווייל מיט יעדן יאָר ווערט די לאַגע פון די קנאַפּער־באַצאָלטע — בעסער.

די ספערע פון פאַרטיילונג איז אַ קאַפּיטאַליסטישע אין דער קאַפּי־טאַליסטישער סיסטעם, ווייל די קאַפּיטאַליסטן קריגן דאָרט אַריין אין זייער רשות אַ ריזיקן טייל פון די געשאַפענע פּראָדוקטן. די ספערע פון פאַרטיילונג אין דעם סאָציאַליסטישן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ סאָציאַ־ליסטישע — זי באַפּרידיקט די באַדערפעענישן פון אויפבויען די סאָ־ציאַליסטישע אינדוסטריע און אַגריקולטור און זי באַלוינט די אַרבעטנ־

דיקע לויט דער קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פון זייער אַרבעט. קיין קאָנפליקט צווישן שטאָט און דאָרף (אינדוסטריע און אַגריקולטור) איז ניטאָ, ווייל דאָס דאָרף איז פאַראינטערעסירט אין וואָס מער פאַבריק־פּראָדוקטן און די שטאָט איז פאַראינטערעסירט אין וואָס מער שפּייז־פּראָדוקטן און רוי־מאַטעריאַלן — און יעדער איינער איז פאַראינטערע־סירט צו העלפן דעם צווייטן. טראָצקי'ס „ווידערשפּרוכן" און „גע־פאַרן" זיינען צוגעטראַכטע. זיי האָבן ניט קיין שום באָדן אין לעבן.

:: :: ::

וואָס וויל טראָצקי? האָט ער אַ פּלאַן? האָט ער אַ פּראָגראַם? צוריק מיט אַ שטיקל צייט האָט ער געהאַט אַרויסגערוקט דעם העכסט טיפּזיניקן פּלאַן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל פאַרלאַנגזאַמען דעם טעמפּ פון אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע. אַלץ אינעם נאָמען פון „לינקן" קאָמוניזם, „אמת'ן" קאָמוניזם. ס'איז געווען טראָצקי: רעוואָלוציאָנערע פראַזן און רעאַקציאָנערע פאָרשלאָגן. איצט, ווען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַן אייזער־נעם פונדאַמענט, ווען די אַרבעטער און פּויערים ווערן באַזאָרגט מיט מער און מער פאַרברויך־גיטער, ווען זייערע קענטעניש און דער־פאַרונג זיינען פאַרגרעסערט געוואָרן טויזנט מאָל אַזויפיל, ווען זיי קענען לייכט און ברייט פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון פאַבריק און פון פעלד — וואָס קען ער פאָרשלאָגן איצט? האָט ער אַ פּראָגראַם פאַרן היינטיקן טאָג?

אומזיסט וועט איר זוכן אַן ענטפער צווישן די צאָלרייכע שריפטן פון טראָצקי'ן מיט זיינע מענטשן.

דער אמת איז, אַז זיי זיינען גאָרניט אויסן פאָרצושלאָגן אַ פּראָ־גראַם. זיי זיינען אויסן צו פאַרטומלען די קעפּ פון די אַרבעטער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו די מאַסן זיינען ניט גענוג באַקאַנט מיט דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי באַ־צוועקן צו אַנטמוטיקן די אַרבעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איינגעשלאָסן די אַרבעטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, כדי זיי זאָלן ניט זוכן דעם באָלשעוויסטישן אויסוועג פונעם קריזיס. זיי שטרעבן צו זייען פּעסימיזם אין באַצוג צו דער גרעסטער דערגרייכונג פון דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט — דעם איינציקן גרויסן און דויערנדיקן זיג

פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין דער היינטיקער ערא. זייער וועג איז — צוגרייטן די מאסן אידעאָלאָגיש פאַר אַ מלחמה קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי דינען גוט די קאַפּיטאַליסטן.

:: :: ::

פון טראָצקי׳ס אייגנטימלעכער אויסטייטשונג פון „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע״ —׳ביז דער טעאָריע וועגן דער אוממעגלעכקייט צו בויען סאָציאַליזם אין איין לאַנד — ביז קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אטאַקעס אַף אַלצדינג, וואָס ס׳ווערט געטאָן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד; פון ווער־טערלעכע אטאַקעס אַף די פעסטונגען פון קאָמוניזם — ביז פּראַקטישער הילף און שטיצע פאַרן קלאַסן־פיינט. דאַרף מען זיך דען וואונדערן, וואָס טראָצקיסטן האָבן, אַף אַן אויפטראַג פון טראָצקי׳ן, גענומען מאָרד און ברעכן?

זיבעטער קאַפּיטל

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי

„מיר גייען, אַן ענג-געשלאָסן הייפל, איבער אַ שמאָלער סטעזשקע אַף דער זייט פון אַן אָפּגרונט, האַלטנדיק זיך פעסט פאַר די הענט. מיר זיינען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים, און אונז קומט אויס כמעט שטענדיק צו גיין אונטער זייער פייער. מיר האָבן זיך פאַראייניקט, לויט אַ פריי-אָנגענומענעם באַשלוס, ספּעציעל פאַר דעם צוועק צו קעמפן קעגן די שונאים און ניט אַראָפּטרעטן אין דעם נאָענטן זומפּ, וועמעס איינוואוינער האָבן פון אָנפאַנג אָן אונז פאַרגעוואָרפן, אַז מיר האָבן זיך אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערער גרופּע און האָבן אויסגעקליבן דעם וועג פון קאַמף אַנשטאָט דעם וועג פון פשרות. און אָט הייבן אָן אייניקע פון אונז צו שרייען: לאָמיר גיין אין אָט-דעם זומפּ! — און אַז מען הייבט זיי אָן פאַרשעמען, ענטפערן זיי: וואָס פאַר אַ אָפּגעשטאַנענע מענטשן איר זייט! און ווי שעמט איר זיך ניט צו פאַרלייקענען פאַר אונז די פרייהייט אייך צו רופן אַף אַ בעסערן וועג! — אָ יאָ, מיינע הערן! איר זייט פריי ניט נאָר אונז צו רופן, נאָר אַליין אויך צו גיין וואוהין איר ווילט, אַפילו אין זומפּ; מיר געפינען אַפילו, אַז אייער ריכטיקער פּלאַץ איז גראָד אין זומפּ, און מיר זיינען גרייט צו געבן אייך יעדע הילף זיך אַריבערצוקלייבן אַהינצו. אָבער לאָזט דעמאָלט אָפּ אונזערע הענט, טשעפּעט זיך ניט אָן אונז, און באַשמוצט ניט דאָס גרויסע וואָרט פרייהייט, ווייל אויך מיר זיינען דאָך „פריי” צו גיין, וואוהין מיר ווילן, פריי ניט נאָר צו קעמפן קעגן דעם זומפּ, נאָר אויך קעגן די, וואָס ווענדן זיך צום זומפּ.” (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 4, זז. 368-369.)

מיט אָט די פּראָכטפולע ווערטער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין 1902, האָט לענין געשילדערט די באַדייטונג פון רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער דיסציפּלין פאַר דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. די פּאַרטיי איז אַ פרייוויליקע פאַראייניקונג פון מענטשן, וועלכע זיינען מסכים צו פאַרפאָלגן דעם זעלביקן צוועק און צו באַקעמפן דעם זעלביקן שונא. כדי זיי זאָלן זיין דערפאָלגרייך, מוזן זיי האָבן אָרדענונג אין זייערע רייען. זיי מעגן דולדן מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, אָבער זיי באַשטייען אַף איינהייט פון האַנדלונג. דער איינצעלנער מיטגליד, וואָס איז ניט מסכים מיט אַ באַשלוס, איז פריי צו פאַרלאָזן די פּאַרטיי, אָבער

כל זמן ער איז אַ מיטגליד, טאָר ער ניט גיין זיין אייגענעם וועג אין ווידערשפּרוך צו דעם וועג פון דער פּאַרטיי. פרייהייט פון מיינונג עקזיסטירט אַזוי לאַנג, ווי די פּאַרטיי האָט ניט אויסגעבילדעט איר אייגענע קאָלעקטיווע מיינונג. ווען דאָס איז געשען, טאָר אַ מיטגליד ניט פאַרשפּרייטן קיין מיינונגען, וואָס זיינען קעגן דער מיינונג פון דער פּאַרטיי, ווייל דאָס וואָלט געווען ברעכבריש. וואָס מער אייניקייט און צוזאַמענגעשלאָסנקייט צווישן די פּאַרטיי־מיטגלידער, אַלץ גרעסער די אויסזיכט אויף דערפאָלג.

דאָס איז איצט אַזוי אויגנשיינלעך, אַז מען דאַרף עס קוים דער־קלערן בפרטות. אָבער אַנדערש איז דאָס מיט טראָצקי'ן. פון די ערשטע יאָרן פון זיין קאַריערע האָט טראָצקי אַנטוויקלט אַ מאָדנע האַס פאַר דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, פאַר באָלשעוויסטישער דיסציפּלין, פאַר באָלשעוויסטישער אייניקייט פון געדאַנק און האַנדלונג. אויף דעם באַדן האָט ער באַקעמפט לענינ'ען פערצן יאָר נאָכאַנאַנד, אויף דעם באָדן באַקעמפט ער סטאַלינ'ען שוין צוועלף יאָר, און אויף דעם באָדן באַקעמפט ער דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

עס איז געווען נאָך דעם צווייטן קאָנגרעס פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכער בילדעט די גרויסע גרענעץ־ליניע צווישן באָלשעוויזם און מענשעוויזם. די באָלשע־וויקעס אונטער לענינ'ס פירערשאַפט האָבן געפּריידיקט און דורכגע־פירט דעם באַשלוס צו בילדן אַן אמת'ע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, וואו יעדער מיטגליד זאָל זיך געפינען אונטער דעם קאָנטראָל פון דער אָרגאַניזאַציע און זאָל טאָן אַרבעט לויט אַ צענטראַלן פּלאַן. די מענשע־וויקעס, געטריי צו זייער רעפאָרמיזם, האָבן געפּריידיקט אַ לויזע אָר־גאַניזאַציע, וואו יעדער מיטגליד זאָל פּאַקטיש זיין פריי צו טאָן וואָס אים ווילט זיך. טראָצקי איז אַוועק מיט די מענשעוויקעס. אין אַ בראָשור, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן צום סוף 1903, האָט ער געזאָגט וועגן דעם קאָנגרעס:

„די טויטע האָבן דיקטירט זייער ווילן צו די לעבעדיקע. מען האָט אונז דערלאַנגט אַ וואָוכערער'ס חשבון פאַר די חובות פון דער ניט־לאַנגער פאַרגאַנגענהייט, — און די געשיכטע, מיט דער אומדערבאַרעמ־דיקייט פון אַ שיילאָק, האָט געפאָדערט פליש פון דעם לעבעדיקן פּאַרטיי־אָרגאַניזם. פלוך! מיר האָבן געמוזט צאָלן . . . מיר ווילן דערביי, פאַרשטייט זיך, ניט לייקענען די פערזענלעכע פאַראַנטוואָרט־

לעכקייט פון חבר לענינ׳ען בײַם צווייטן קאָנגרעס פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. אַט דער מאַן, מיט דער ענערגיע און דעם טאַלאַנט, וואָס זיינען פאַר אים נאַטירלעך, האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ פּאַרטיי-דעזאָרגאַניזאַטאָר.״ (ל. טראָצקי, „דער צווייטער קאָנגרעס פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי, באַריכט פון דער סיבירישער דעלעגאַציע״, ז. 11.)

אָט דאָ האָבן מיר עס — ווי אַף אַ טעלער. טראָצקי פלוכט דעם באַשלוס צו בילדן אַן אמת׳ע גוט־אָרגאַניזירטע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי. לענין איז בײַ אים דער מענטש וואָס דעזאָרגאַניזירט די פּאַרטיי, ווייל לענין איז באַשטאַנען אַף אַ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זאָל ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר קליינבירגערלעכן אָפּפאַל, פאַר אינדיווידואַליסטישע אינטעלעקטואַלן מיט זייערע אייגענע פאַנטאַסטישע פּראָגראַמען און קאַפּריזנע טאַקטיקן. טראָצקי שילט דעם צענטראַליזם. ער דענקט, אַז צענטראַליזם האָט נאָר אַ „פאָרמעלע באַדייטונג״. באַזונדער איז ער אויפגעבראַכט קעגן לענינ׳ס דערקלערונג, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז מער געניגט צו דיסציפּלין, ווי די אינטעליגענטן מיט זייער אַנאַרכיסטישן אינדיווידואַליזם.

אין אַן אַנדער בראָשור, וואָס ער האָט געשריבן אומגעפער אין דער זעלביקער צייט, זאָגט ער:

„וואָס פאַר אַן עמפּערונג כאַפּט אייך אַרום, ווען איר לייענט אָט די העסלעכע גראָב-דעמאַגאָגישע ליגנס (פון לענינ׳ען)! דער פּראָלעטאַריאַט, דער זעלביקער פּראָלעטאַריאַט, וועגן וועלכן מען האָט אונז ערשט נעכטן דערציילט, אַז ער ציט זיך נאַטירלעך צום טרייד-יוניאָניזם, ווערט איצט שוין גערופן צו געבן לערן פון פּאָליטישער דיסציפּלין! און וועמען? דער זעלביקער אינטעליגענץ, וועלכע, לויט דער סכעמע פון נעכטן, האָט געדאַרפט שפּילן די ראָלע פון אַריינטראָגן אינעם פּראָלעטאַריאַט דאָס קלאַסן-באַוואוסטזיין, דאָס פּאָליטישע באַוואוסט-זיין! נעכטן איז דער פּראָלעטאַריאַט נאָך געקראָכן אין שטויב, היינט איז ער דערהויבן געוואָרן צו אומדערוואַרטעטע הויכן! נעכטן איז די אינטעליגענץ געווען די טרעגערין פון סאָציאַליסטישן באַוואוסט-זיין, איצט רופט מען קעגן איר אַרויס די שפּיץ-רוטן פון פּאַרטיי-דיסציפּלין! און דאָס איז מאַרקסיזם! און דאָס איז סאָציאַל-דעמאָקראַטיש דענקען! מען קען באמת ניט באַהאַנדלען די בעסטע אידעאָלאָגישע ירושה פון דעם פּראָלעטאַריאַט מיט גרעסערן ציניזם, ווי דאָס האָט געטאָן לענין!״ (ל. טראָצקי, „אונזערע פּאָליטישע אויפגאַבן״, רוסישע אויסגאַבע, 1904, ז. 75.)

טראָצקי פאַרשטייט ניט די גרונט־פּרינציפּן פון דעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דעם פּראָלעטאַריאַט און דער אינטעליגענץ. עס איז איינע פון די פונדאַמענטאַלע אידייען פונעם מאַרקסיזם, אַז אַן אַ קאָמוניס־טישער פּאַרטיי וועט דער פּראָלעטאַריאַט זיך נאַטירלעך ציען צו פּשוט׳ן טרייד־יוניאָניזם. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַרטרעט דעם אַוואַנגאַרד פון דעם אַרבעטער־קלאַס, זיינע בעסטע עלעמענטן, זיין מוטיקסטן און אינטעליגענטסטן טייל. די קענטענישן פון דעם טייל פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דעם אַרבעטער־קלאַס, זיינען דאָ פון גרויסער וויכטיקייט. אָט דער סאָרט אינטעליגענץ העלפט אויספורעמען די אידעאָלאָגיע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. עס איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך אין דער אידייע, אַז דאָרט וואו דער אַוואַנגאַרד פון דעם אַרבעטער־קלאַס איז דער טרעגער פון דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע און דער רעוואָלוציאָנער־פּראַקטיק, שפּילן די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענטן אין דעם דאָזיקן אַוואַנגאַרד אויך אַ וויכטיקע ראָלע. און עס איז כמעט אַן אלף־בית אמת, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז מער געניינט צו דיסציפּלין, אַז ער פאַרשטייט בעסער די באַדייטונג פון דיסציפּלין, ווי די קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ, וועלכע מעג סימ־פּאַטיזירן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער זי האָט זיך ניט אידענ־טיפיצירט מיט דעם אַרבעטער־קלאַס.

עס איז כדאי צו באַמערקן, מיט וואָס פאַר אַ פאַראַכטונג טראָצקי רעדט וועגן דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל געבן דער אינטעליגענץ לערן פון פּאָליטישער דיסציפּלין. דאָס איז ניט קיין צופאַל. טראָצקי נעמט אונטער זיין שוץ די קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ. נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל באַטאָנט ער דעם געדאַנק, אַז די סטודענטן און די אַנדערע אינטעליגענטן קענען זיין פון גרעסערער באַדייטונג פאַר דער רעוואָלוציע, ווי די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן — די וואָס גיבן זיך אָפּ אינגאַנצן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, לויט לענינ׳ס פּלאַן. עס איז אויך כדאי צו באַמערקן זיין האַס צו לענינ׳ען.

„עס איז ניט קיין צופאַל, נאָר אַ טיפער „צייכן", וואָס דער פירער פון דעם רעאַקציאָנערן פליגל פון אונזער פּאַרטיי (אונטערגע־שטראָכן פון אונז.—מ. אָ.), חבר לענין, וועלכער פאַרטיידיקט די טאַקטישע מעטאָדן פון אַ קאַריקאַטורישן יאַקאָבּיניזם, איז געווען פּסיכאָלאָגיש געצוואונגען צו געבן אַזאַ דעפיניציע פון סאָציאַל-דעמאָ-קראַטיע, וועלכע שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין אַנדער זאַך, ווי אַ טעאָרעטישע פּראָבע צו צעשטערן דעם קלאַסן-כאַראַקטער פון אונזער

> פּאַרטיי. יאָ, אַ טעאָרעטישע פּראָבע ניט ווייניקער געפערלעך, ווי די פּאָליטישע אידייען פון אַ בערנשטיין (פירער פון דעם עקסטרעם רעכטן רעוויזיאָניסטישן פליגל פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.—מ. אָ.)." (דאָרטן, ז. 98.)

לענין — דער פירער פון דעם רעאַקציאָנערן פליגל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי! די דאָזיקע ווערטער וואָלט מען געדאַרפט אויסברענען מיט גליענדיקן אייזן אַף טראָצקי'ס שטערן.

פון דעמאָלט אָן, אין אַ משך פון העכער דרייסיק יאָר, האָלט ער אין איין רופן די באָלשעוויקעס דער רעאַקציאָנערער פליגל, די ביוראָ־קראַטן, די דיקטאַטאָרס איבערן פּראָלעטאַריאַט, די שפּאַלטער. אין 1904 האָט ער דערקלערט, אַז לענין איז גרייט צו אַ „פילאָזאָפישער באַרעכטיקונג פאַר דער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי, וועלכע ער האָט געפּלאַנעוועט דורכצופירן, כדי איינצוהאַלטן און קאָנסאָלידירן די רעשטן פון זיין אַרמיי".

אָט איז טראָצקי'ס קלאַסישע פאָרמולע פון באָלשעוויזם, פאַר וועל־כער ער האַלט זיך ביזן היינטיקן טאָג.

> „דער קאַזאַרמע-רעזשים קען ניט זיין דער רעזשים פון אונזער פּאַרטיי, פּונקט אַזוי ווי די פאַבריק קען ניט זיין איר מוסטער. אָט די מעטאָדן וועלן ברענגען צו אַ סיטואַציע, וואו די פּאַרטיי-אָרגאַני-זאַציע וועט פאַרבייטן די פּאַרטיי, דער צענטראַל-קאָמיטעט וועט פאַר-בייטן די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע, און, ענדלעך, דער „דיקטאַטאָר" וועט פאַרבייטן דעם צענטראַל-קאָמיטעט. . . . די קאָמיטעטן וועלן טאָן די גאַנצע „ליטונג", בשעת „דאָס פאָלק שוויגט"."

אָט אַזוי פאַרשטייט טראָצקי די אָרגאַניזאַציע פון אַ באָלשעוויס־טישער פּאַרטיי.

יאָרן זיינען פאַרגאַנגען. טראָצקי איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָט גע־אַרבעט אונטער לענינ'ס ליטונג. ער איז דערהויבן געוואָרן צו הויכע פּאָסטנס. ער האָט געזען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי בא דער אַרבעט, ווי אַ פירערין פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין אַ זיגרייכער רעוואָלוציע אַף איין זעקסטל פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד. ער האָט געזען, ווי אַזוי די זעלביקע פּאַרטיי האָט געקעמפט די גלאָררייכסטע היסטאָרישע שלאַכטן אין דעם בירגער־קריג אין אַ משך פון קנאַפּע דריי יאָר. ער האָט געזען, ווי אַזוי די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געאַרבעט האַנט

אין האַנט מיט די מאַסן פון דעם פּויערטום און האָט מיט זיי אָנגעפירט און אַף אַזאַ אופן געזיכערט דעם זיג פון דער רעוואָלוציע. ער האָט געזען דעם אָנהויב פונעם פּעריאָד פון ווידעראויפבוי, ווען, אין אַ כמעט פּאַרוויסטן לאַנד, האָט דער פּראָלעטאַריאַט אָנגעהויבן צו בויען אַ נייע אינדוסטריעלע סיסטעם, וועלכע האָט אָוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר סאָציאַליזם. ער האָט געזען דאָס, וואָס ס'האָט געמאַכט דעם זיג מעגלעך: איניציאַטיווע פון אונטן, שטראָמען פון ענערגיע, וואָס זיינען אויפגעעפנט געוואָרן דורך דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און וואָס זיינען געלייטעט געוואָרן לויט אַ באַשטימטן פּלאַן דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דורך דער גאַנצער צייט איז די פּאַרטיי געפירט געוואָרן דורך דעם גרויסן מייסטער לענין, וועלכער האָט געווידמעט אַ זייער גרויסן טייל פון זיינע גיגאַנטישע קרעפטן די פּראָבלעמען פון בויען די פּאַרטיי. די פּאַרטיי אין 1923-1924 האָט זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן רעאָריענטירן לויט דער ליניע פון עקאָנאָמישן ווידעראויפבוי. זי האָט זיך געווענדעט צו נייע אויפגאַבן. זי האָט געענדערט איר פּסיכאָלאָגיע פון קריגס־צייט צו פּאַרהעלטניסמעסיקער פרידלעכער צייט. די אויפגאַבן פון דער פרידלעכער צייט זיינען נאָך געווען שווערער, ווי די אויפגאַבן פון קריג. צופּאַסונגען צו נייע באַדינגונגען, פּערזענלעכע און אָרגאַניזאַציאָנעלע, זיינען דורכגעגאַנגען ניט אָן רייבונגען. די פּאַרוואַלטונג פון די אינדוסטריעלע געשעפטן איז ניט אַלעמאָל געווען די פּיאַיקסטע, וואָס מען האָט זיך געקענט ווינטשן. די אינעווייניק־פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע האָט ניט אַלעמאָל געאַרבעט גלאַט — ניט געקענט אַלעמאָל אַרבעטן גלאַט. די פּאַרטיי איז אויסגעוואַקסן. זי איז געווען אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער ערשטער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער וועלט. אומפּאָלקאָמענהייטן אין איר אָרגאַניזאַציע, אומגלייכמעסיקייט אין איר פונקציאָנירונג זיינען געווען אומפאַרמיידלעך.

האָט די פּאַרטיי פאַרמאָגט גענוג אינעווייניקסטע דעמאָקראַטיע, גענוג זעלבסט־קריטיק, גענוג בויגעוודיקייט און מוט צו אָנערקענען אָט די דעפעקטן און צו נעמען מיטלען זיי צו פאַרריכטן?

מיר קענען דאָ ניט געבן די געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. גענוג צו דערמאָנען די דרייצענטע קאָנפערענץ פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשע־

וויקעס), וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יאַנואַר 1924. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט גרינטלעך באַטראַכט די אינעווייניק-פּאַרטייאישע סיטואַציע. זי האָט געקריטיקירט פעלערן. שאַרף און מוטיק האָט זי אָנגעוויזן אויף אַזעלכע זאַכן, ווי אונטערשיידן אין דער מאַטעריעלער לאַגע פון די פּאַרטיי-מיטגלידער; פאַרבינדונגען צווישן פּאַרטיי-מיטגלידער מיט בורזשואַזע עלעמענטן און איינפלוס פון אָט די עלעמענטן; דעפּאַרטמענטאַליזם, וועלכער דאַרף אונטערשיידט ווערן פון דער נויטווענדיקער ספּעציאַליזאַציע און וועלכער האָט אַ טענדענץ אָפּצושוואַכן די פאַרבינדונג צווישן קאָמוניסטן, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין פאַרשיידענע צווייגן פון אַרבעט; געפאַר פון אָנווערן די פּערספּעקטיווע פון סאָציאַליסטישן אויפבוי אַלס גאַנצער און פון דער וועלט-רעוואָלוציע; געפאַר פון אַ נעפּ-דעגענעראַציע פון אַ טייל אַרבעטער, וועלכע זיינען געקומען אין דעם נאָענטסטן קאָנטאַקט מיט דער בורזשואַזער סביבה; ביוראָקראַטיזאַציע פון דעם פּאַרטיי-אַפּאַראַט דאָ און דאָרטן און די געפאַר פון אָפּרייסן זיך פון די מאַסן, וועלכע איז אַנטהאַלטן אין אַזאַ ביוראָקראַטיזאַציע.

די קאָנפערענץ האָט גענוי אונטערזוכט די לאַגע. האָבן די באָלשעוויקעס זיך דערשראָקן? עס איז ניט געווען קיין סיבה, פאַרוואָס זיי זאָלן זיך שרעקן. די דאָזיקע פעלערן האָבן ניט געשטעלט אין געפאַר די עקזיסטענץ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער קערפּער פון דער פּאַרטיי איז געווען געזונט. איר אידעאָלאָגיע איז געווען ריכטיק. די קוואַלן פון איר לעבנס-קראַפט זיינען געווען אומדערשעפּלעך. די דאָזיקע קוואַלן זיינען געווען — די פּראָלעטאַרישע מאַסן פונעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. צו אָט די מאַסן, האָט די קאָנפערענץ געזאָגט, דאַרף די פּאַרטיי זיך ווענדן. די קאָנפערענץ האָט דערקלערט, אַז „דער צוטרוי פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן צו דער פּאַרטיי איז געוואַקסן". זי האָט דערקלערט אַלס די „פונדאַמענטאַלע אויפגאַבע" פון דער פּאַרטיי — „רעקרוטירן נייע מיטגלידער פון די אַרבעטער באַם סטאַנאָק".

„עס איז די אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע — ווידמען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט ספּעציעל צו אָט דער קאַטעגאָריע אַרבעטער, צו טאָן אַלץ מעגלעכעס כדי ניט אָפּצורייסן זיי פון פּראָדוקציע-אַרבעט, צו העלפן הייבן זייער קולטורעלן ניוואָ און אויף יעדן אופן צו מאַכן גרינגער פאַר זיי די מעגלעכקייט פון ווירקלעכן אָנטייל אין אַלע אָנגעלעגנהייטן פון דער פּאַרטיי. די אַרבעט פון פאַרגרעסערן דעם פּראָלעטאַרישן קערן פון דער פּאַרטיי דאַרף אין די קומענדיקע

עטלעכע מאַנאַטן בילדן איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון אַלע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס.״ (רעזאָלוציעס פון דער דרייצענטער קאָנ-פערענץ פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער (באָלשעוויסטישער) פּאַרטיי.)

טראָצקי איז געווען אַף דער קאָנפערענץ. ער האָט געהאַט אַ פולע מעגלעכקייט צו ברענגען זיין קריטיק און צו פאָרשלאָגן בעסערע מיטלען. ער האָט נישט אויסגעזעצט גאָרנישט קעגן דער רעזאָלוציע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. אָבער ווען אַלצדינג איז אַריבער, האָט ער ערשט אָפּגעדרוקט אַ בראָשור מיטן נאָמען: „דער נייער קורס״, וואָס דאָס איז איין שאַרפע אַטאַקע אַף דער באָלשעוויס־טישער פּאַרטיי און אַף אירע אַלטע אויסגעפּרוּווטע פירער. זיין קאַמפּס־רוף איז געווען — „דעגענעראַציע״. אין דער בראָשור פּרע־טענדירט ער צו זיין דער טשעמפּיאָן פון די אינגערע מיטגלידער אין קעגנזאַץ צו די, וואָס זיינען געווען אין דער אונטערערדישער פּאַרטיי פאַר דער רעוואָלוציע. ער מאַכט די משיקאַווע דערקלערונג, אַז גראָד די סטודענטן זיינען דער „באַראָמעטער״ פון דער רעוואָלוציע (נישט די אַרבעטער און נישט די אַרבעטער־קאָמוניסטן)! לויט זיין גוטן אַלטן מוסטער דערקלערט ער, אַז „די פּאַרטיי לעבט אין צוויי שטאָקן: אין דעם אויבערשטן באַשליסט מען, אין דעם אונטערשטן ווערט מען נאָר געוואויר וועגן דעם דאָזיקן באַשלוס״ (ז. 9). ער רעדט וועגן „ביוראָ־קראַטישער זעלבסטצופרידנקייט און איגנאָרירונג פון די שטימונגען, געדאַנקען און באַדערפענישן פון דער פּאַרטיי״ (ז. 9). ער גייט אַזוי ווייט, אַז ער רעדט וועגן אַן „אָפּאָרטוניסטישער דעגענעראַציע״ פון די אַלטע פּאַרטיי־מיטגלידער (ז. 11). און ווידער האָט ער מורא, ווי ער האָט מורא געהאַט צוריק מיט צוואַנציק יאָר, אַז דער „אַפּאַראַט״, דער צענטראַל־קאָמיטעט, פאַרבייט די פּאַרטיי.

האָט טראָצקי אַרויסגערוקט אַ פּראָגראַם, וואָס זאָל זיין אַנדערש ווי די פּראָגראַם פון דער קאָנפערענץ? האָט ער געקענט אַרויסרוקן אַזאַ פּראָגראַם? ער האָט נישט געהאַט קיין אייגענע פּראָגראַם אַחוץ איין פּונקט, וועלכער וועט דיסקוטירט ווערן אַ ביסל שפּעטער. ער האָט געפאָדערט „פרייהייט פון גרופּירונגען״ אין דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי. אין אמת'ן האָט ער דערמיט געפאָדערט פרייהייט צו צעשפּאַלטן די פּאַרטיי אַף אַ צאָל אונטער־פּאַרטייען, וועלכע באַקעמפן איינע די אַנדערע און וועלכע האַלטן אָן דיסציפּלין איבער זייערע מיטגלידער.

ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון דעם בילד פון אַ פּאַרלאַמענט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אַז אַ פּאַרטיי, וואָס איז אַזוי צעשפּאָלטן, קען ניט פירן קיין רעוואָ־לוציע, איז איבעריק צו דערמאָנען.

לענין האָט נאָך געלעבט, ווען טראָצקי האָט אָנגעהויבן זיין אָפּאָ־זיציע. אָבער שוין דעמאָלט האָט ער געמאַכט זיין אַטאַקן אויף לעניניזם. ער האָט גערעדט וועגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז זי „פּאַרוואַנדלט דעם לעניניזם פון אַ מעטאָדע, וועמעס אָנווענדונג פאָדערט איניציאַ־טיווע, קריטישן געדאַנק, אידעאָלאָגישן מוט, אין אַ דאָגמע, וועלכע פאָדערט נאָר איינמאָל פאַר אַלע צייטן אויסגעקליבענע אויסטייטשער".

ניט די לאַגע אין דער פּאַרטיי האָט דיקטירט טראָצקי'ן דעם „נייעם קורס". ניט די דעפעקטן פון דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט. דער איינפלוס פון דער קליין־בורזשואַזיע אויסער דער פּאַרטיי, איר פיינטשאַפט צום באָלשעוויזם האָט געפונען אַן אויסדרוק אין טראָצקי'ס אַטאַקע. דאָס איז געווען קאָנטער־רעוואָלוציע. ווען טראָצקי וואָלט זיך באמת געזאָרגט וועגן דער רעוואָלוציע, וואָלט ער אָפּגעשטעלט זיין קריטיק באַלד נאָך לענינ'ס טויט, ווען אין עטלעכע וואָכן האָט זיך איין פערטל מיליאָן אַרבעטער פון די פאַבריקן און זאַוואָדן אַריינגעגאָסן אין דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, כדי צו פאַרבייטן, ווי זיי האָבן געזאָגט, לענינ'ס פירער־שאַפט דורך דער קאָלעקטיווער פירערשאַפט פון די אַרבעטער. טראָצקי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט פאַרשאַרפט זיינע אַטאַקעס. ער האָט געבילדעט אַ פראַקציע אין דער פּאַרטיי. דורך דער אַגיטאַציע פון אָט דער פראַקציע האָט ער געפּרוּווט אונטערגראָבן די אייניקייט און שלאָג־קראַפט פון דער פּאַרטיי.

די דרייצענטע קאָנפערענץ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם ס.ס.ס.ר. האָט כאַראַקטעריזירט זיין אָפּאָזיציע ווי „ניט נאָר אַ דירעקטע רעוויזיע פונעם לעניניזם, נאָר אַ קלאָר־אויסגעדריקטע קליינ־בירגערלעכע אָפּאָרטוניסטישע באַוועגונג".

יאָרן פאַרגייען. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַר־באַנד גייט פון זיג צו זיג. אירע אויפגאַבן וואַקסן. איר אַרבעט נעמט אָן גיגאַנטישע מאַסשטאַבן. איר טעאָרעטישע באַוואָפנונג ווערט טיפער און ברייטער. איר אייניקייט ווערט פעסטער. זי איז אַ מאָנאָליט. די „קאַטאַסטראָפע", וועלכע טראָצקי האָט פאָראויסגעזאָגט אין 1924, איז ניט געקומען. די באַשולדיקונג, אַז דאָס איז אַ פּאַרטיי פון געפּ־

ליט און קולאַפּסעס, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין 1927, איז אָפּגעווישט געוואָרן דורך די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען. די באַשולדיקונג זעט איצט אויס ווי אַ חוזק. און דאָך איז טראָצקי׳ס שטעלונג צו דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי היינט די זעלביקע, ווי עס איז געווען זיין שטעלונג אין 1904, אין 1914 און אין 1924. מיט דעם אונטערשייד, וואָס אָפּן אָרט פון לענינ׳ען האָט ער פאַר אַ ציל־ברעט — סטאַלינ׳ען. מיינען מיינט ער די גאַנצע צייט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי.

ער טראָגט איבער זיין אַטאַקע אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן געביט. צענטראַליזם איז, איצט ווי אַלעמאָל, אַזוי דערווידער זיינע מענשעוויסטישע באַגריפן, אַז ער זעט אין אים אַ צעשטערונג פון דער פּאַרטיי. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל און די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וואָס בילדן זיינע נאַציאָנאַלע סעקציעס, דערוועקן זיין ווידערווילן צוליב זייער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע, ווי די רוסלענדישע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט דערוועקט זיין ווידערווילן אין לענינ׳ס צייטן. ער געברויכט די זעלביקע זידל־ווערטער קעגן דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, צו וועלכע ער האָט זיך צוגעוואוינט אין זיינע אַטאַקעס אויף דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי פון פאַר־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. און אַלעמאָל טוט ער דאָס כלומרשט אינעם נאָמען פון „אינעווייניק־פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע” און „פרייהייט פון קריטיק”, וועלכע קיינער לייקנט ניט אין דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין איינעם פון זיינע ביכער ציטירט מאַרקס דעם דייטשישן פילאָזאָף העגעל, וועלכער האָט געזאָגט, אַז אַלע גרויסע וועלט־היסטאָרישע געשעענישן און פּערזאָנען ווידערהאָלן זיך, אַזוי צו זאָגן, צוויי מאָל. מאַרקס זאָגט, אַז העגעל האָט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז זיי טרעפן זיך, איינמאָל ווי אַ טראַגעדיע, דאָס צווייטע מאָל ווי אַ פאַרס. טראָצקי׳ס געשרייען קעגן די באָלשעוויסטישע מעטאָדן פון אָרגאַניזאַציע זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין וועלט־היסטאָרישע פּאַסירונג. אָבער אויב עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז אין זיין ערשטער אַטאַקע זיינען דאָ סימנים פון טראַגעדיע, און אויב אין זיין צווייטער אַטאַקע זיינען געווען סימנים פון פאַרס, טאָ וואָס זאָל מען זאָגן וועגן דער דריטער און דער פערטער און דער הונדערטסטער? מען וואָלט געקענט זאָגן, אַז זיי זיינען גראָטעסק, ווען ניט זייער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער וועזן. דאָס פאָלגנדיקע איז טראָצקי׳ס פּראָבע צו דערקלערן אַזוי ערנסט,

ווי נאָר מעגלעך, פאַרוואָס די באָלשעוויסטישע מעטאָדע פון אָרגאַני־זאַציע איז שלעכט.

„באָלשעוויזם (זאָגט ער) האָט זיך אַלעמאָל אויסגעצייכנט דורך אַ היסטאָרישער קאָנקרעטיזאַציע אין אויסאַרבעטן אָרגאַניזאַציע־פאָרמען, און ניט דורך נאַקעטע סכעמעס. די באָלשעוויקעס האָבן ראַדי־קאַל געענדערט זייער אָרגאַניזאַציאָנעל סטרוקטור בײַ יעדן איבער־גאַנג פון איין שטופע צו דער אַנדערער. איצט, פאַרקערט, ווערט דער זעלביקער פּרינציפּ פון „רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע" אָנגע־ווענדט צו דער מעכטיקער פּאַרטיי פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור פונקט אַזוי ווי צו דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַן ערנסטן פּאָליטישן פאַקטאָר, צו דער יונגער כינעזישער פּאַרטיי, וועלכע איז אוממיטלבאַר אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעםווירבל־שטראָם פון רעוואָלוציאָנערע קאַמפן, פונקט, ענדלעך, ווי צו דער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע איז אין אמת'ן ניט מער ווי אַ קליינער פּראָפּאַגאַנדע־קרייז." (ל. טראָצקי, „סטראַטעגיע פון דער וועלט־רעוואָלוציע", ענגלישע אויסגאַבע, 1930, זז. 74-75.)

אין דער גאַנצער „טעאָריע" איז ניטאָ קיין איינציקער טראָפּן אמת. טראָצקי וויל מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער קעמפט פאַר די פּאַסיקע אָר־גאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, בשעת אין אמת'ן קעמפט ער קעגן די פונדאַ־מענטאַלע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן. ער איז קעגן דעם סאַמע עצם פון דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַ־שטייט אין דעם, אַז ס'מוז זיין איין אומגעטיילטע פּאַרטיי, איין פּאַרטיי־ליניע, איין פּאָליטיק, איין פירערשאַפט, בשעת די פאָרמען פון אָרגאַני־זאַציע און די מעטאָדן פון אַרבעט ענדערן זיך אין הסכם מיט די גע־ענדערטע באַדינגונגען. צוליב זיין אייגענער באַקוועמלעכקייט פאַר־געסט ער, אַז ער איז אַלעמאָל געווען קעגן דער באָלשעוויסטישער אָר־גאַניזאַציע, וועלכע ער לויבט איצט כלומרשט. ער איז אַלעמאָל געווען דער קליינבירגערלעכער אינדיווידואַליסט, דער יורש פון דעם „פּריצישן" (ווי לענין האָט דאָס גערופן) האָס קעגן פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע.

וואָס איז דער פּרינציפּ פון באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע? דאָס איז דעמאָקראַטישער צענטראַליזם.

„דער דעמאָקראַטישער צענטראַליזם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע דאַרף זיין אַן אמת'ער סינטעז, אַ פאַרשמעלצונג פון צענטראַליזם און פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע. אָט די פאַר־שמעלצונג קען דערגרייכט ווערן נאָר אויף דעם באַזיס פון אומאויפהער־לעכער געמיינזאַמער אַקציע, אומאויפהערלעכן געמיינזאַמען קאַמף פון

> דער גאַנצער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע אַלס אַ גאַנצע. צענטראַליזאַציע אין אַ קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיינט ניט פאָרמעלע מעכאַנישע צענטראַליזאַציע, נאָר צענטראַליזאַציע פון קאָמוניסטישער אַקציע, ד. ה. די אויסבילדונג פון אַ פירערשאַפט, וועלכע איז קרעפטיק, שלאָג-פיאיק און בויגעוודיק. . . . נאָר די פיינט פון קאָמוניזם קענען באַהויפּטן, אַז אַזוי ווי די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פירט דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן-קאַמף און צענטראַליזירט אָט די קאָמוניסטישע פירערשאַפט, שטרעבט זי צו הערשאַפט איבער דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז אַ ליגן.״ (טעזיסן פון דעם דריטן קאָנגרעס פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, 1921.)

דעמאָקראַטישער צענטראַליזם דערלויבט אַ מאַקסימום בויגעוודיקייט, אַ מאַקסימום אייניקייט, אַ מאַקסימום שלאָג-קראַפט. די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פונעם באָלשעוויזם זיינען ניט קיין טויטע דאָגמע, נאָר אַ לעבעדיקע און באַלעבנדיקע קראַפט.

> „די פּאַרטיי פונעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם לייקנט אין פּרינציפּ דאָס זוכן אַן אַבסאָלוט קאָרעקטע פאָרם פון פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פּאַסן צו אַלע שטופן פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס, אָדער אַזוינע אַבסאָלוט ריכטיקע מעטאָדן פון איר אַרבעט. פאַרקערט, די פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע און די מעטאָדן פון אַרבעט זיינען אינגאַנצן באַשטימט דורך די אייגנטימלעכקייטן פון אַ געגעבענער קאָנקרעטער היסטאָרישער סיטואַציע און דורך די אויפגאַבן, וואָס וואַקסן אַרויס דירעקט פון אָט דער סיטואַציע.״ (רעזאָלוציעס פון דעם צענטן קאָנגרעס פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, 1921.)

אָט דאָס זיינען די פירנדיקע פּרינציפּן פון באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד און אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די פּאַרטייען אונטערשיידן זיך אין קראַפט, אין דערפאַרונג, אין די קאָנקרעטע אויפגאַבן, וואָס שטייען קעגן יעדער איינער פון זיי, אָבער זיי זיינען פאַראייניקט אין זייער צוועק און אין די פּרינציפּן פון זייער אָרגאַניזאַציע. אומעטום באַשטייען די באָלשעוויקעס אַף פולשטענדיקער אידעאָלאָגישער אייניקייט, וואָס דאָס מיינט איינשטימיקייט פון אַלע פּאַרטיי-מיטגלידער וועגן פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן און טאַקטיק. אַף אַלע שטופן פון אַנטוויקלונג האַלטן אָן די באָלשעוויסטישע פּאַרטייען שטרענגע דיסציפּלין, וועלכע איז ניט מעכאַניש, נאָר איז געבויט אַף דער פאַרשטענדעניש פון יעדן מיטגליד, וואָס ער דאַרף טאָן און פאַרוואָס. באָלעשוויסטישע פּרינציפּן האָבן זיך אַרויס-

געוויזן פאַר געזונט און פרוכטבאַר אין דער אָרגאַניזאַציע פון דעם פראָלעטאַריאַט אין די פאָרטגעשריטנסטע ווי אין די פאַרהעלטניסמעסיק צוריקגעשטאַנענע לענדער. דאָס זיינען אייגנטלעך די פרינציפּן פון אַ שלאַכט־פאָרמאַציע, וואָרים דאָס לעבן פון אַ קאָמוניסטישער פאַרטיי איז קיינמאָל ניט פרידלעך, ווייל אַפילו אין די צייטן פון פאַרהעלטניס־מעסיקער רו פירט זי אָן דעם קלאַסן־קאַמף, וועלכער פאַרמאָגט אַלעמאָל, אין דער אָדער יענער פאָרמע, די עלעמענטן פון בירגער־קריג.

דאָס פאַבריק־קעמערל און די פאַרטיי־פראַקציע — אָט די פונדאַ־מענטן פון באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע — זיינען אינסטרומענטן פון פראָלעטאַרישן מאַרש פאָרויס סיי פאַר דער רעוואָלוציע, סיי אין משך פון דער רעוואָלוציע, סיי נאָך דער רעוואָלוציע. זיי מאַכן מעגלעך די גרעסטע צופאַסונג צו באַדינגונגען און די גרעסטע אייניקייט פון האַנדלונג. אויב טראָצקי פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס אָט די פונדאַ־מענטן פון רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע פאַסן סיי צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, סיי צו דייטשלאַנד און סיי צו דער כינעזישער פאַרטיי, איז דאָס זיין ביטערער מזל. אָבער דאָס ענדערט ניט דעם פאַקט, אַז זיי זיינען געווען דערפאָלגרייך אונטער די פאַרשיידנסטע באַדינגונגען, אונטער אַלע באַדינגונגען. אויב טראָצקי באַציט זיך אַף דער קאָמו־ניסטישער פאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן, שלאָגט ער נאָר זיך אַליין. טאַקע דערפאַר וואָס דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט ניט געוואָלט דערלויבן, אַז די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן זאָל בלייבן אַ „קליינער פראָפאַגאַנדע־קרייז", איז ער באַשטאַנען, אַז די פאַרטיי זאָל זיך באַזירן אַף שאַפ־קעמערלעך און זאָל אַנטוויקלען פאַרטיי־פראַקציעס אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. אַ פראָפאַגאַנדע־קרייז דאַרף ניט האָבן קיין באָלשעוויסטישן אַפּאַראַט. אָבער אַ פאַרטיי פון אַקציע, אַ באָלשעוויסטישע פאַרטיי, וואָס פירט די מאַסן אין קלאַסן־קאַמף, דאַרף האָבן אַן אַפּאַראַט, וואָס זאָל זיין איינגעוואָרצלט אין די מאַסן און וואָס זאָל זיי קענען באַוועגן אַ דאַנק דעם נאָענטסטן קאָנטאַקט מיט זיי אין דעם קאַמף פאַר זייערע טאָג־טעגלעכע נויטן. דאָס פאַבריק־קעמערל און די פאַרטיי־פראַקציע זיינען ניט קיין פאַרמאַרינירטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען איינגעשלאָסן אין די פיר איילן פון זייער אייגענעם קרייז און זיינען אָפגעטיילט פון אַנדערע אַרבעטער. זיי מוזן זיין דער לעבנס־נערוו אין יעדער פאַבריק, מינע אָדער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, זיי דאַרפן פאַרטיידיקן די פונדאַ־

מענטאַלע רעכטן פון די אַרבעטער, פאַרנעמען די ערשטע רייען פון יעדן קאַמף און אַזוי אַרום ווערן דער פירער פון די מאַסן.

עס איז קלאָר, אַז אויב אַזאַ אָרגאַניזאַציע וועט ניט זיין גוט־אָרגאַניזירט און גוט־דיסציפּלינירט, וועט זי ניט קענען דורכפירן אירע אויפגאַבן.

„לענין האָט געוואָרנט אומדערמידלעך קעגן די עקסצעסן אין פּרט פון צענטראַליזם", זאָגט טראָצקי. אודאי האָט לענין געוואָרנט קעגן פאָרמעלן צענטראַליזם, וועלכער איז ניט אַ סינטעז פון צענטראַליזם און פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע. אודאי האָט ער געוואָרנט קעגן מעכאַנישן צענטראַליזם און האָט געפּריידיקט אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג צווישן דער פּאַרטיי־פירערשאַפט און די רענק און פייל פּאַרטיי־מיטגלידער פון איין זייט, צווישן דער פּאַרטיי און די ברייטע פּראָלעטאַרישע מאַסן אויסער דער פּאַרטיי פון דער אַנדערער זייט. אָבער וואָס איז שייך דיסציפּלין, האָט ער אָט־וואָס געשריבן אין די „באַדינגונגען פון צולאָזן צום קאָמינטערן":

„אין דער איצטיקער עפּאָכע פון דעם פאַרשאַרפטן בירגער-קריג וועט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי קענען דערפילן איר פליכט נאָר דעמאָלט, ווען זי וועט זיין אָרגאַניזירט אויף אַ העכסט צענטראַליזירטן אופן, נאָר דעמאָלט, ווען עס וועט הערשן אין איר אַן אייזערנע דיסציפּלין, וואָס גרענעצט זיך אָן מיליטערישער דיסציפּלין, און ווען איר פּאַרטיי-צענטער וועט זיין אַ מעכטיקער אויטאָריטאַטיווער אָרגאַן מיט ברייטער יוריסדיקציע, וועלכער האָט דעם אַלגעמיינעם צוטרוי פון די מיט-גלידער פון דער פּאַרטיי." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 25, ז. 282-283.)

דאָ רעדט זיך וועגן פּאַרטיי־דיסציפּלין דאָרט, וואו דער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך ניט דעראָבערט די מאַכט. וואָס איז שייך אַזאַ פּאַרטיי, וואָס גייט אָן דעם שפּיץ פון דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי דאָס איז דער פאַל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט לענין געזאָגט:

„דער וואָס שוואַכט אָפּ כאָטש וויפיל ניט איז די אייזערנע דיס-ציפּלין פון דער פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט (דערהויפּט אין דער צייט פון זיין דיקטאַטור) דער העלפט פאַקטיש דער בורזשואַזיע קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויס-גאַבע, באַנד 25, ז. 190.)

טראָצקי העלפט דער בורזשואַזיע קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט.

:: :: ::

וועגן פראַקציעס איז אָט־וואָס. ווען טראָצקי אַגיטירט פאַר דער „פרייהייט פון גרופּירונגען" אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פאַרטיידיקט ער אין אמת'ן די אינטערעסן פון פיינטלעכע קרעפטן קעגן די אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף. ער איז דער מייסטער־פראַקציאָנער. ער האָט קיינמאָל ניט געאַרבעט אין קיין מאַסן־אָרגאַניזאַציע אַלס לאָיאַלער מיטגליד. ער האָט אַלעמאָל אָרגאַניזירט אַרום זיך אַ קליינע גרופּקע, אַ קליקע, אַ קרייזל חסידים. ער האָט געקעמפט קעגן לענינ'ען, ער קעמפט קעגן סטאַלינ'ען, ער קעמפט קעגן קאָמינטערן. ער האָט אָרגאַניזירט אַ פראַקציע אין 1920 — און האָט געליטן אַ מפּלה. ער האָט אָרגאַניזירט אַ פראַקציע, ווען לענין האָט געלעבט, אין 1922. ער האָט אָנגעהאַלטן אָט די פראַקציע אין אַ משך פון יאָרן, הגם ער האָט עטלעכע מאָל זיך אָפּגעזאָגט פון איר עפנטלעך (וואָס איז בא טראָצקי'ן אַ וואָרט, ווען ער האַנדלט מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי!). ער האָט זיך עפנטלעך אונטערגעשריבן אונטער די באַשלוסן פון דער פופצנטער קאָנפערענץ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם פּ.ס.ס.ר. (אָקטאָבער 1926), וועלכע האָט פאַרבאָטן פראַקציעס — און טאַקע באַלד האָט ער געבראָכן זיין צוזאָג.

„אָן ציײַטווײַליקע אידעאָלאָגישע גרופּירונגען איז דאָס אידעאָלאָגישע לעבן פון דער פּאַרטיי ניט דענקבאַר," שרייבט ער אין זיין „סטראַטעגיע פון דער וועלט־רעוואָלוציע". „אָן אַן אמת'ער פרייהייט פון דעם פּאַרטיי־לעבן, פרייהייט פון דיסקוטירן און פרייהייט פון קאָלעקטיוו — און דאָס הייסט אויך אין אַ גרופּע — אויסאַרבעטן זייערע וועגן, וועלן אָט די פּאַרטייען (פונעם קאָמינטערן) קיינמאָל ניט ווערן אַ רעוואָלוציאָנערע מאַכט." (ז. 75.)

פאַרוואָס זיינען גרופּירונגען נויטיק? לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז די פּאַרטיי דיסקוטירט די פראַגע וועגן די בעסטע מעטאָדן פון דער אַרבעט אין די יוניאָנס. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז די מערהייט איז מסכים, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דאַרף אַרבעטן אין די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס, אַז זי דאַרף זיי בויען אַזוי, אַז זיי זאָלן ווערן מיליטאַנטע אָרגאַניזאַציעס. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אַ מינדערהייט זאָגט, אַז די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער דאַרפן פאַרלאָזן די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס און בילדן באַזונדערע אייגענע רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס. אַזוי לאַנג ווי די פראַגע איז נאָך ניט אַנטשיידעט, האָט יעדער מיטגליד פון דער פּאַרטיי דאָס רעכט און די פליכט צו ברענגען זיין מיינונג אין

דער צייט, ווען די פּראָבלעם ווערט דיסקוטירט. דאָס איז פרייהייט פון דיסקוסיע. פאַר אָט דעם צוועק זיינען גרופּירונגען ניט נויטיק. לאָמיר זיך אָבער פאָרשטעלן, אַז די מערהייט פון דער פּאַרטיי האָט שוין באַשלאָסן צו אַרבעטן אין די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס. אונטער אַזוינע באַדינגונגען, דאַרף די מינדערהייט אויפהערן אַגיטירן פאַר איר אייגענער מיינונג. וואָס טראָצקי שלאָגט פאָר איז, אַז די מינאָריטעט זאָל האָבן דאָס רעכט צו פונקציאָנירן ווי אַ גרופּע, אַז זי זאָל האָבן די פרייהייט פון „אויסאַרבעטן אין אַ גרופּע" איר אייגענעם „וועג". וואָס איז דאָס פאַר אַ „וועג"? עס איז קלאָר, אַז דאָס איז אַ קאַמף קעגן דער מערהייט פון דער פּאַרטיי.

אָדער „פרייהייט פון גרופּירונגען" מיינט גאָרניט, דעמאָלט איז דאָס פּשוט'ער אומזין, אָדער עס מיינט פרייהייט צו בילדן אַ פּאַרטיי אין אַ פּאַרטיי, — די פרייהייט, וואָס טראָצקי האָט זיך גענומען זיין גאַנץ לעבן.

אַזאַ „פרייהייט" שוואַכט אָפּ די פּאַרטיי, גראָבט זי אונטער, באַשאַפט אין דער פּאַרטיי אַ באַלאַגערונגס־צושטאַנד און דעמאָראַליזירט די קרעפטן פון דער רעוואָלוציע. ווען דאָס פּאַסירט, זאָגט סטאַלין, שטייט די פּאַרטיי פּנים אל פּנים „מיט דער געפאַר צו פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שפּילכל אין די הענט פון די אַגענטן פון דער בורזשואַזיע".

:: :: ::

טראָצקי רופט זיך דער „אמת'ער באָלשעוויק־לעניניסט". אָבער וואָס מער ער טענה'ט, אַלץ מער ווייזט ער זיך אַרויס ווי אַ שונא פון יעדן פּרינציפּ, וועלכן לענין האָט געפּריידיקט און פאַר וועלכן לענין האָט געקעמפט. זיין אַרטיקל אין דעם רעאַקציאָנערן זשורנאַל „ליבערטי" פונעם 23טן מערץ 1935, אונטערן נאָמען „ווען אַמעריקע זאָל ווערן קאָמוניסטיש", איז אין דעם פּרט העדסט באַלערנדיק. טראָצקי רעדט צו דער בורזשואַזיע פון אַמעריקע, אָבער ער האָט — פאַרשטייט זיך — אין זינען אויך די אַרבעטער. ער וויל איבערצייגן זיינע לייענער, אַז אַ רעוואָלוציע אין אַמעריקע וועט זיין אַ קינדער־שפּיל. „די אַמעריקאַנישע קאָמוניסטישע רעוואָלוציע וועט זיין אומבאַדייטנדיק אין פאַרגלייך מיט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד," דערקלערט ער, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז די אַמעריקאַנישע בורזשואַזיע איז ניט אין אַן ערך בעסער אָרגאַניזירט, אויפגעקלערט און אויסגעשטאַטעט, ווי עס איז געווען די רוסישע בורזשואַזיע. די לעקציע, וואָס די אַר־

בעטער דאַרפֿן זיך אָפּלערנען פֿון טראָצקי'ס טעזיס, איז, אַז מען דאַרף גאָרניט אָרגאַניזירן אַ שטאַרקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון גרויסע מאַסן. „דער בירגער־קריג . . . ווערט ניט געקעמפּט דורך אַ הייפֿל מענטשן פֿון אויבן — די פֿינף אָדער צען פּראָצענט, וואָס פֿאַרמאָגן ניין־צענטל פֿון דעם אַמעריקאַנישן רייכטום," דערקלערט טראָצקי, פֿאַר־געסנדיק דערביי דעם גרויסן איינפֿלוס פֿון אָט די „פֿינף אָדער צען פּראָצענט" אויף דעם מיטל־קלאַס אין די שטעט און אויף די רייכע פּאַרמערס. (עס איז העכסט כאַראַקטעריסטיש, אַז דער מאַן, וואָס זאָגט, אַז סאָציאַליזם אין איין לאַנד איז אוממעגלעך, ווייל אַלע עקספּלואַ־טירטע קלאַסן וועלן זיך אויסקירעווען קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט ווי באַלד יענער וועט פֿאַרכאַפּן די מאַכט, קירעוועט איצט אויס די האַלבאַליעס און דערקלערט, אַז יעדער איינער, אַחוץ די פֿינף אָדער צען פּראָצענט, וועט זיין פֿאַרן סאָציאַליזם אין אַמעריקע אַזוי באַלד ווי די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג איז באַזיגט.) „יעדער איינער נידע־ריקער פֿון אָט דער גרופּע (פֿון פֿינף אָדער צען פּראָצענט) איז שוין עקאָנאָמיש צוגעגרייט פֿאַרן קאָמוניזם," זאָגט טראָצקי. קלאָר, אַז אויב עס איז דאָ אַזאַ גרויסע צאָל פּאַרטיקע קאָמוניסטן, דאַרף מען גאָרניט שמידן די רייען פֿון אַן אמת'ער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי אין אונזערע פֿאַראייניקטע שטאַטן.

„אָן צוואַנג!" — דאָס איז דער לאָזונג, וואָס טראָצקי שטעלט אַרויס פֿאַר אַמעריקע, פֿאַר די אַמעריקאַנישע סאָוועטן. אין אַ לאַנד, וואו געוואַלד־טאַטן און בלוט־פֿאַרגיסונג צייכענען יעדן טריט פֿון דעם הערשנדיקן קלאַס אין באַצוג צו די אַרבעטער, וויל טראָצקי איינרעדן די אַרבעטער — אויף אַן עכט נאַרמאַן טאָמאַס־גלח'ישן אופֿן — אַז „די אַמעריקאַנישע סאָוועטן וועלן זיך ניט דאַרפֿן נעמען פֿאַר די דראַסטישע מאָס־מיטלען, וועלכע אומשטענדן האָבן אָפּט אַרויפֿגעצוואונגען אויף די רוסן". טראָצקי פּרואווט דאָ טויטן צוויי האָזן מיט איין שאָס: פֿון איין זייט באַצוועקט ער צו ווייזן, אַז די רוסישע אַרבעטער זיינען געווען אומגערעכט, ווען זיי האָבן געברויכט „צופֿיל" געוואַלד קעגן דער קאָנטר־רעוואָלוציע פֿון דער בורזשואַזיע און די פּריצים, פֿון דער אַנדערער זייט פּרואווט ער „לערנען" די אַמעריקאַנישע אַרבעטער, אַז זייער רעוואָלוציע וועט זיין אַ פּיקניק פֿון אמת'ער קאָאָפּעראַציע מיט די איינגנטום־באַזיצנדיקע קלאַסן און אַז דער לעניניסטישער צוגאַנג צו רעוואָלוציע און די לעניניסטישע מעטאָדע פֿון אָרגאַניזאַציע און קאַמף

טויגן ניט אַף דער זייט אָקעאַן. ניט אומזיסט איז טראָצקי דער פאָטער פון דער לאָוופּסטאָניסטישער טעאָריע פון אַמעריקאַנישן „עקסעפּשאָ־נאַליזם".

מען דאַרף פונדעסטוועגן באַמערקן, אַז טראָצקי זעט ניט קיין שום סיבה, פאַרוואָס די אייגנטום־באַזיצנדיקע קלאַסן, מיט דער אויס־נאַם פון די קעפּ פון די גרעסטע טראַסטס, זאָלן זיין באַאומרואיקט דורך אַ סאָוועטישער רעוואָלוציע. ער שלאָגט פאָר, אַז זיי זאָלן פאַרט־זעצן זייערע ביזנעס אַפן באַזיס פון פּריוואַט־אייגנטום און פּריוואַטער פאַרוואַלטונג אויך נאָך דער רעוואָלוציע. די רעגירונג, זאָגט ער, דאַרף זיי געבן פּרעציעס רוי־מאַטעריאַלן, קרעדיטן און קוואָטאַס פון באַ־שטעלונגען, ביז די דאָזיקע ביזנעס „וועלן לאַנגזאַם און אָן צוואַנג אריינגעצויגן ווערן אין דער סאָציאַליזירטער ביזנעס־סיסטעם". דער מאַן, וואָס האָט אַמאָל געשאָטן שוועבל און פעך אַף דער נייער עקאָ־נאָמישער פּאָליטיק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו דאָס איז געווען אַן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע נויטווענדיקייט, פּריידיקט איצט אַ ברייטע האַלב־קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם אין אַמעריקע פאַר אַ צייט נאָך דער רעוואָלוציע — דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין נויטווענדיקייט פאַר דעם, ווייל דאָס לאַנד איז עקאָנאָמיש פאַרטיק פאַרן סאָציאַליזם. אַלצדינג אבי צו פאַרדאַרבן די מוחות פון די אַרבעטער — ביז דעם רעפאָרמיזם פון די פירער פון דער „אַלטער גוואַרדיע" פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע (פאַרוואָס ניט אָפּקויפן די ביזנעס פון זייערע באַזיצער פאַרן פּרייז פון רעגירונגס־באָנדס, ווי דאָס האָבן פאָרגעשלאָגן אייניקע סאָציאַליסטן? דאָס וואָלט געווען נאָך מער „אָן צוואַנג").

באַזונדערס באַריידעוודיק ווערט אָבער טראָצקי, ווען ער אַגיטירט פאַר אַ בורזשואַזער דעמאָקראַטיע אין דעם אַמעריקאַנישן סאָוועט. דאָ שטעלט ער אויסגאַנצן אַרויס זיין נאַקעטן איך — אַ מענטש וואָס שטייט געצויגן אין ערפורכט פאַר דער פּאָליטישער סיסטעם פון קאַפּיטאַליזם.

דעם אַמעריקאַנישן סאָוועט שטעלט ער זיך פאָר ניט ווי די דיק־טאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר ווי אַ געמיש פון פּאַרטייען און גרופּן, וואָס באַקעמפן איינע די צווייטע. „בא אונז (ער מיינט דערמיט רוסלאַנד)", זאָגט ער, „זיינען די סאָוועטן ביוראָקראַטיזירט געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון דער פּאָליטישער מאָנאָפּאָל פון אַן איין־איינציקער פּאַרטיי". אַזאַ זאַך טאָר קיינמאָל ניט פּאַסירן אין אַמעריקע. ניט נאָר דאַרפן זיין גרופּן און גרופּקעס אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי —

מער ווי דאָס: די פּאַרטיי גופא טאָר ניט האָבן קיין „פּאָליטישע מאָנאָפּאָל". עס דאַרף זיין עטלעכע פּאַרטייען מיט גלייכע רעכט, ד. ה. מיט קיין ספּעציעלע פּריווילעגיעס פאַר קיינער. ווּעמען זאָלן די דאָזיקע פּאַרטייען פאַרטרעטן? אויב די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַרטרעט די ארבעטער, מוזן, פאַרשטייט זיך, די אַנדערע פּאַרטייען פאַרטרעטן די רייכע פּאַרמערס, די אָרעמע פּאַרמערס, די מיטעל בורזשואזי, די קליין־בורזשואזיע, אפשר די אינטעליגענץ. ווי אזוי וועלן די דאָזיקע פּאַר־טייען פונקציאָנירן? פאַרשטייט זיך, דורך קאַמף. „א ברייטער קאַמף צווישן אינטערעסן, גרופּן און אידייען איז ניט נאָר דענקבאַר — ער איז אומפאַרמיידלעך", זאָגט טראָצקי. פּראַכטפול. א סאָוועט, וואָס איז זייער ענלעך צו א בורזשואזן פּאַרלאַמענט. עטלעכע פּאַרטייען זיינען אין אים פאַרטראָטן מיט גלייכע רעכט. יעדע פּאַרטיי באַקעמפּט די אַנדערע פּאַרטייען. עטלעכע פּאַרטייען קענען מאַכן א קאָאַליציע צו באַזיגן א געפערלעכן געמיינזאַמען קאָנקורענט. פאַרוואָס ניט א קאָאַליציע פון אַלע אַנדערע פּאַרטייען קעגן דער פּאַרטיי פון די אַר־בעטער? די קאָמוניסטיש פּאַרטיי, לויט טראָצקי'ס באַגריפן, דאַרף זיין צעשפּאָלטן אף א צאָל לעגאַליזירטע גרופּן און פראַקציעס מיט זייערע אייגענע באַזונדערע פּלאַטפאָרמען. די באַפעלקערונג וועט זיך קענען אויסקלייבן פּאַרטייען, גרופּן, פּראָגראַמען. ספּעציעלע דיסציפּלין איז ניט נויטיק אין קיין איינציקער פון די פּאַרטייען: די קאָמוניס־טישע פּאַרטיי דאַרף ניט האָבן קיין מאָנאָליטישע איינהייט (עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז אין טראָצקי'ס „ליבערטי"־פּלאַן ווערט די קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי גאָר אינגאַנצן ניט דערמאָנט). א מערהייט שטימען אין דער געזעצגעבנדיקער קאַמער וועט אַנטשיידן, וועלכע פּאָליטיק מען זאָל פירן. צווישן די הויפּט־פראַגן, וואָס וועלן אזוי אויסגעקעמפּט ווערן, געפינט זיך בא טראָצקי'ן אויך די „טראַנספאָרמאַציע פון די פאַרמס", ד. ה. דער איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליסטישער צו סאָציאַליס־טישער אַגריקולטור. אויב א מערהייט שטימען וועט זיין קעגן קאָלעק־טיוויזאַציע, וועט דאָס באַצייכענען דעם „ווילן פונעם פאָלק". יעדע פּאַרטיי און גרופּע וועט האָבן איר אייגענע פּרעסע, „וואָרים סאָוועט־אַמעריקע וועט ניט נאָכמאַכן די מאָנאָפּאָל פון דער פּרעסע אין די הענט פון די פירער פון דער סאָוועט־רוסישער ביוראָקראַטיע". יעדע גרופּע און פּאַרטיי וועט באַקומען איר חלק פון דער פּרעסע „אף דעם באַזיס פון פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט פאַר די שטימען אין

יעדער סאָוועטישער וואַל". „דער זעלביקער פּרינציפּ וועט אָנגעווענדעט ווערן אויך צו דעם געברויך פון מיטינג־האַלס, איינטיילונג פון צייט אויף דער ראַדיאָ און אַזוי ווייטער."

הינטער אָט דעם אידילישן בילד איז פאַראַן דער באַגריף פון אַזאַ סיסטעם, וואָס איז אינגאַנצן אַנדערש, ווי די סיסטעם, וואָס עקזיס־טירט אין פ.ס.ס.ר. און וואָס איז אויסגעדריקט אין דער נייער סאָוועטי־שער קאָנסטיטוציע. די סיסטעם, וואָס טראָצקי מאָלט זיך, האָט ניט אָפּגעשאַפט די קלאַסן. פאַרקערט, די אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן עקזיסטירן. פּריוואַטע געשעפטן בליען. די מלוכה־אָרגאַניזאַציע איז אַ קאָפּיע פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרלאַמענטן. ניט געקוקט אויף דער עקזיסטענץ פון פּריוואַטע ביזנעסלייט, איז ניטאָ קיין קאָנטער־רעוואָ־לוציע, ניטאָ קיין פּראָבעס מצד דער בורזשואַזיע אומצואוואַרפן די נייע סיסטעם, ניטאָ קיין נויטווענדיקייט פאַר די אַרבעטער צו פאַר־טיידיקן די רעוואָלוציע קעגן אָנפאַלן פון אינעווייניק און פון דרויסן, ניטאָ דעריבער די נויטווענדיקייט צו זיין אָרגאַניזירט אין אַ מעכטיקער קעמפנדיקער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע מיט אַ דיסציפּלין פון כמעט מיליטערישער שטרענגקייט און מיט איינהייט פון ווילן און האַנדלונג, וועלכע פאַרזיכערן שנעלע און ווירקזאַמע שלאַג־מעגלעכקייטן. דאָס וואָס טראָצקי מאָלט, איז ניט אַ פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט אין שלאַכט־פאָרמאַציע, וועלכער ציט צו זיך צו פאַרבינדעטע פון די אַנדערע גע־וועזענע אונטערדריקטע קלאַסן, אין דער זעלביקער צייט אונטערדריקנ־דיק די קאָנטער־רעוואָלוציע און אָפּשאַפנדיק קלאַסן, נאָר אַ פאַרשיידנ־אַרטיקע מאַסע מענטשן, וואָס איז צעטיילט אויף אַלערליי אופנים, וואָס געהערט צו פאַרשיידענע פּאַרטייען און פּאַרטיי־שפּליטער און וואָס פאַרטיידיקט די פאַרשיידענע „אינטערעסן, גרופּן און אידייען". ווי אַזוי איינקייט קען דערגרייכט ווערן אונטער אַזוינע באַדינגונגען, איז איינער פון טראָצקי'ס סודות. צוריקגערעדט, זאָרגט ער זיך גאָר ניט אַזוי שטאַרק וועגן איינקייט. ער זאָרגט זיך וועגן פאַרזעצן דעם קאַפּיטאַליזם אונטער אַ נייעם נאָמען.

דער קליינבירגער, וואָס האָט מורא פאַר דער פולער סאָציאַליזירונג פון אַלע פּראָדוקציע־מיטלען, וואָס איז אומצופרידן מיט דער שטאַרקער פּראָלעטאַרישער מלוכה, וואָס האָט פיינט די שטאַרקע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, וואָס וויל ניט זען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אויסנוצן זיין

רעוואָלוציאָנערע מאַכט — ווייזט דאָ זיין קלאַסן־נאַטור קלאָרער ווי וואו ניט איז.

דאָס, וואָס ער מאָלט ווי דעם אַמעריקאַנישן סאָוועט, האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט ווי געלערנט און פּראַקטיקירט דורך לעניניען. עס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דער רעוואָלוציאָנערער אויפגאַבע פון איינפירן סאָציאַליזם. עס איז רעפאָרמיזם אונטער אַן אַנדער מאַסקע. רעפאָרמיזם וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר „קאָמוניזם". עס איז טראָצקיזם — דער קעגנזאַץ פון לעניניזם.

„די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז דער איינגשפּאַרטסטער און אומדערבאַרעמדיקסטער קאַמף פון דעם נייעם קלאַס קעגן אַ מעכטיקערן שונא, דער בורזשואַזיע, וועמעס ווידערשטאַנד איז אויסגעוואקסן צען מאָל אַזויפיל נאָכדעם ווי זי איז אומגעשטירצט געוואָרי (כאָטשבי אין איין לאַנד). . . . די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז אַן עקשנות'דיקער קאַמף, בלוטיק און בלוטלאָז, געוואַלדזאַם און פרידלעך, מיליטעריש און עקאָנאָמיש, פּעדאַגאָגיש און אַדמיניסטראַטיוו קעגן די קרעפטן און טראַדיציעס פון דער אַלטער געזעלשאַפט."
(וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 25, זז. 173-190.)

מיר קענען איצט פאַרשטיין, פון וואַנען עס שטאַמען טראָצקי'ס „קריטיק" און „וואָרענונגען". דאָס, וואָס ס'פּאַסט זיך ניט אַריין אין זיינע בורזשואַז־פּאַרלאַמענטאַרישע אידייען, פאַרשרייט ער ווי „ביוראָקראַטיזם". דאָס, וואָס ס'שטעלט מיט זיך פאָר אמת'ע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, אמת'ע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערע אייניקייט, פאַרשרייט דער קליינבירגער טראָצקי ווי עפּעס אַזוינס, וואָס „פּאַראַליזירט די רעוואָלוציע". אַן אמת'ע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי געפורעמט לויט לענינ'ס געבאָט ווערט „אַ סטאַליניסטישע פראַקציע", אַ „סטאַליניסטישע קליקע".

:: :: ::

עס איז נימאָ קיין סוף צו זיינע רכילות'ן און גראָטעסקע שילדערונגען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער מאָלט זי ווי עפּעס אַ מין נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (נאַצים) פון היטלער־דייטשלאַנד. ער מאָלט די פירער פון דער פּאַרטיי ווי דיקטאַטאָרס, וואָס פאָרן רייטנדיק אויפן רוקן פון די מאַסן. ער וויל פאַרשטעלן אַ בילד — אין עכט־פאַשיסטישן סטיל — אַז די קאָמוניסטישע פירער, וועמען ער רופט „ביוראָקראַטיע", עקספּלואַטירן די מאַסן פונעם פאָלק.

אין דעם זעלביקן זין שטעלט ער פֿאַר אויך די נייע קאָנסטיטוציע פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

צו וואָס דאַרף מען די קאָנסטיטוציע? ניט כּדי צו אויסברייטערן און פֿאַרפֿעסטיקן די פֿרייהייטן פֿונעם פֿאָלק. אויך ניט כּדי אויסצוגלייכן דאָס פּויערטום אין פּרט פֿון וואַל־רעכט מיט די אינדוסטריעלע אַרבעטער. דער צוועק, זאָגט טראָצקי, איז אַ גאַנץ אַנדערער: די „ביוראָקראַטיע" וויל אויסנוצן דאָס אָפּגעשטאַנענע דאָרף קעגן דער פֿאָרטגעשריטענער שטאָט.

„ניט געקוקט אַף דער קאָלעקטיוויזאַציע (שרייבט טראָצקי), איז דער מאַטעריעלער און קולטורעלער ווידערשפּרוך צווישן דער שטאָט און דעם דאָרף קוים אָנגערירט געוואָרן. דאָס פּויערטום איז נאָך זייער צוריקגעשטאַנען און אַטאָמיזירט. סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען עקזיסטירן אויך אין די קאָלכאָזן און צווישן די קאָלכאָזן. די ביוראָקראַטיע געפֿינט עס פֿיל גרינגער בײַצוקומען די אומצופֿרידנקייט אינעם דאָרף. זי איז פֿיאיק צו נוצן די קאָלכאָזן, ניט אָן דערפֿאָלג, קעגן די שטאָטישע אַרבעטער. צו דערשטיקן דעם פּראָטעסט פֿון די אַרבעטער קעגן דער וואַקסנדיקער סאָציאַלער אומגלײַכקייט דורך דעם געוויכט פֿון די מער צוריקגעשטאַנענע מאַסן פֿונעם דאָרף — דאָס איז דער הויפּט-צוועק פֿון דער נייער קאָנסטיטוציע, וועגן וועלכן ניט סטאַלין, ניט מאָלאָטאָוו האָבן, גאַטירלעך, קיין זאַך ניט געלאָזט וויסן דער וועלט. באָנאַפּאַרטיזם, אגב, שפּאַרט זיך אַלעמאָל אָן אַפּן דאָרף קעגן דער שטאָט. אויך דאָ בלייבט סטאַלין געטריי דער טראַדיציע." („ניו מיליטאַנט", 9טן מאַי, 1936.)

די דעקלאַראַציע איז איין גרויסע פֿאַנטאַסמאַגאָריע. ערשטנס, איז דער מאַטעריעלער אונטערשייד צווישן דאָרף און שטאָט שטאַרק פֿאַרקלענערט: מיליאָנען קאָלכאָזניקעס לעבן ניט ערגער, ווי די שטאָטישע אַרבעטער, אויב ניט בעסער. צווייטנס, איז דער קולטורעלער אונטערשייד צווישן דאָרף און שטאָט אויך פֿאַרקלענערט געוואָרן: דאָס דאָרף לעבט איצט אַף אַ העכערן קולטורעלן ניוואָ. דריטנס, איז בכלל ניטאָ קיין „ווידערשפּרוך" צווישן די מאַטעריעלע און קולטורעלע אינטערעסן פֿון דער שטאָט פֿון איין זייט, פֿונעם דאָרף — פֿון דער צווייטער: די שטאָט און דאָס דאָרף קאָאָפּערירן צו פּראָדוצירן וואָס מער און צו פֿאַרבעסערן יעדערער דעם אַנדערנס עקאָנאָמישן און קולטורעלן סטאַטוס. פֿערטנס, איז דאָס פּויערטום, די גרויסע קאָלכאָז־מאַסע שוין מער ניט צוריקגעשטאַנען: פֿאַרקערט, עס האָט דורכ־

געמאַכט אַ ריזיקע שטרעקע אַפן וועג פון פּראָגרעס, און היינט־צו־טאָג, באַוואָפנט מיט מאָדערנער טעכניק און מיט קולטור, גייט עס אַלץ נענטער און נענטער צו דער אַנטוויקלונג־שטופע פון די שטאָטישע אַרבעטער. פינפטנס, איז ניטאָ קיין אומצופרידנקייט אין דאָרף צווישן דער ברייטער מאַסן קאָלכאָזניקעס, אחוץ אפשר די פּאַרטאַיעטע אומ־צופרידנקייט פון די געוועזענע קולאַקעס, וועלכע בילדן איצט אַ נישטיקן טייל פון דער פּויערים־מאַסע און וועלכע די קאָלכאָזן און די מלוכה האַלטן אין צוים (אַף אַט־די געוועזענע ליגט איצט טראָצקי אַ גרויסע האָפענונג, אַז זיי וועלן אים העלפן שאַפן אומרוען אינעם פ.ס.ס.ר.). זעקסטנס, זיינען ניט געבליבן קיין סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען אינעווייניק אין די קאָלכאָזן, ווייל מען קען דאָך ניט רעכענען פאַר אַ סאָציאַלן אַנטאַגאָניזם דעם אונטערשייד צווישן אַ פּויער, וואָס האָט אויסגע־אַרבעט אין יאָר 200 אַרבעטס־טעג, און אַ פּויער, וואָס האָט אויס־געאַרבעט 300 אַרבעטס־טעג, ווייל עס בלייבט דאָך אינעם רשות פונעם ערשטן פּויער צו פאַרבעסערן זיין קוואַליפיקאַציע און אויך אויס־צואַרבעטן 300 טעג און אַפילו מער. זיבעטנס, איז קיין אַנטאַגאָניזם צווישן איין קאָלכאָז און דעם צווייטן אודאי ניטאָ, ווייל איינער קען בשום אופן ניט עקספּלואַטירן אָדער ווי־ניט־איז שאַדן אַ צווייטן. אַכטנס, איז דאָס פּויערטום ניט אַטאָמיזירט (צעשטויבט), נאָר אָר־גאַניזירט און פאַראייניקט דורך דעם מעכאַניזם פון די קאָלכאָזן, וועלכע זיינען אַ געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג מיט אַ ברייטער צע־טיילונג פון אַרבעט. ניינטנס, איז דער מלוכה און דער פּאַרטיי (אַף טראָצקי'ס מענה־לשון: „ביוראָקראַטיע") ניט נויטיק „בייצוקומען" אַז אומצופרידנקייט, וועלכע עקזיסטירט נאָר אין טראָצקי'ס מח (אחוץ, ווידער, דעם הייפל געוועזענע קולאַקעס, וועלכע האָבן לאַנג שוין אָנ־געוואָרן זייער מאַכט). צענטנס, איז ניטאָ קיין „וואַקסנדיקע סאָציאַלע אומגלייכהייט" אין שטאָט: פאַרקערט, דער אונטערשייד צווישן די פאַרדינסטן פון די הויך־באַצאָלטע און נידעריק־באַצאָלטע אַרבעטער ווערט קלענער, ווייל די לעצטע קריגן בדרך כלל אַ גרעסערע העכערונג אין שכירות, ווי די ערשטע. עלפטנס, אויב עס זיינען דאָ געצײלטע קינסטלער און שרייבער, וואָס פאַרדינען אַ סך מער, ווי אַ גוט־קוואַלי־פיצירטער אַרבעטער, איז דאָס דער אויסדרוק פון דער ברייט־האַרציקייט פון די אַרבעטער גופא, וועלכע ווילן באַלוינען זייערע קולטור־טוער געטנוג הויך — און דאָס קען בשום אופן ניט פירן צו דער אויסבילדונג

פון אַ באַזונדערן קלאַס אָדער קלאַסן; פאַרקערט: מיטן וואוקס פון אַלגעמיינעם וואוילזיין וועט דער אונטערשייד צווישן אַלע פאַרדינסטן ווערן קלענער און ענדלעך פאַרשווינדן אין קאָמוניזם, וואו מען וועט אויפהערן מעסטן דעם מענטשנ׳ס לוין מיט דער מאָס פון זיין אַרבעט. צוועלפטנס, איז ניטאָ קיין פּראָטעסט פון די אַרבעטער קעגן דעם, וואָס טראָצקי און די הוירסט־זשורנאַליסטן רופן „סאָציאַלע אומגלייכקייט", ווייל די אַרבעטער אַליין פאָדערן, אַז יעדערער זאָל קריגן באַצאָלט לויט דר קוואַליטעט און קוואַנטיטעט פון זיין אַרבעט. דרייצנטנס, דאַרף די פּאַרטיי און די מלוכה ניט „דערשטיקן" אַן אומצופרידנקייט, וועלכע עקזיסטירט ניט. פערצנטנס, האָט די פּאַרטיי און די מלוכה קיינמאָל ניט „אויסגענוצט" די קאַלכאָזן קעגן די שטאָטישע אַרבעטער — און טראָצקי האָט אַפילו ניט געקענט ברענגען קיין איינציקן ביישפּיל, אין וואָס אַזאַ „אויסנוצן" דריקט זיך אויס. ביז אַהער, ווייסן מיר, איז די מלוכה געווען מערסטנס אַ פּראָלעטאַרישע מלוכה און די פּאַרטיי, אין איר ריזיקער מערהייט, אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי. די קאָנסטיטוציע שאַפט נאָר אָפּ די אומגלייכקייט פון דאָרף און שטאָט אין פּרט פון וואַל־רעכט. פופצנטנס, איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניטאָ קיין באָנאַפּאַרטיזם, ד. ה. קיין מאַכט פון איין פּערזאָן, וואָס הערשט מיט דער הילף פון מיליטער: די מאַכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געפינט זיך אין די הענט פון דער מלוכה, וועמעס טעטיקייט ווערט אָנגעפירט פון דער קאָמפּאַרטיי — און בײדע זיינען איינגעוואָרצלט צווישן די ברייטסטע האָרעפּאַשנע זעלבסט־טעטיקע און פרייע מאַסן, וועמען זיי פאַרטרעטן. זעכצנטנס, שפּאַרט זיך אָן די דיקטאַטאָרישע מאַכט פון די היינטיקע אַליינהערשער, ווי היטלער און מוסאָליני, אין דער ערשטער ליניע אַף דעם שטאָטישן קליינבירגערטום און דעקלאַסירטער שטאָטישער יוגנט (פאַרטרעטן פאַרטרעטן זיי די אינטערעסן פון גרויס־קאַפּיטאַל) — און ערשט אין דער צווייטער ליניע אַף די אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן פונעם דאָרף.

טראָצקי׳ס „טעאָריע" וועגן דער קאָנסטיטוציע איז געפעלשט פון אָנהויב ביזן סוף. זי האָט דעם צוועק, ערשטנס, צו פאַרטושן דעם פרייהייטלעכן ברייט־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון דער נייער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, צווייטנס, צו ווידערהאָלן טראָצקי׳ס אַלטע „טעאָריע", אַז דאָס פויערטום איז אַ רעאַקציאָנערע קראַפט. טראָצקי בלייבט געטריי זיך אַליין.

אכטער קאַפּיטל

די אַנגלאָ־רוסישע קאָמיטע

די טראָצקיסטישע באַציאונג צו די פּראָבלעמען פון דער וועלט־רעוואָלוציע איז אַ פּועל־יוצא פון טראָצקי'ס פונדאַמענטאַלן טעות וועגן דער אוממעגלעכקייט פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד.

פון די אומצייליקע פראַגן נעמען מיר ארויס די פאָלגנדיקע אלס טיפּישע:

די אַנגלאָ־רוסישע אייניקייט־קאָמיטע;

די כינעזישע רעוואָלוציע;

די פראַגע וועגן דעם דריטן פּעריאָד;

די פראַגע וועגן סאָציאַל־פאַשיזם;

די דייטשישע סיטואַציע;

די קרוין פון אָט די אַלע טראָצקיסטישע „לייזונגען" פון וועלט־פּראָבלעמען דערשיינט פאַר אונז אין דער געשטאַלט פון אָט דעם וואונדערבארן נייעם געביי — דעם פערטן אינטערנאַציאָנאַל.

:: :: ::

די אַנגלאָ־רוסישע אייניקייט־קאָמיטע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1926 מיט דעם צוועק צו פאַרווירקלעכן געמיינזאַמע ארויסטרעטונ־גען פון די אַרבעטער קעגן אימפּעריאַליזם, קעגן דער מלחמה און פאַר אינטערנאַציאָנאַלער יוניאָן־אייניקייט. די קאָמיטע איז באַשטאַנען פון פאָרטרעטער פון די יוניאָנס פונעם פ.ס.ס.ר. און פון די בריטשע טרייד־יוניאָנס. דער צוועק איז געווען — ברענגען צו די בריטישע אַר־בעטער און צו די אַרבעטער פון דער וועלט אַ בעסערע פאַרשטענדעניש וועגן דער לאַגע און די צוועקן פון די סאָוועטישע אַרבעטער, צו העלפן רעוואָלוציאָניזירן די בריטישע אַרבעטער אין זייערע קאַמפן קעגן דעם בריטישן אימפּעריאַליזם און צו פאַרגרעסערן דעם איינפלוס פון די סאָוועטן צווישן די אַרבעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

פאַרוואָס האָבן די פירער פון די בריטישע טרייד־יוניאָנס צוגע־שטימט צו דער בילדונג פון אַזאַ קאָמיטע? ווייל די אַרבעטער אין גרויס־בריטאַניע און אין אַנדערע לענדער האָבן אָנגעהויבן ווערן ראַדי־

קאַליזירט; ווייל דער איינפלוס פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע צווישן די ארבעטער פון אלע לענדער איז געוואקסן; ווייל די יוניאָנס פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אלס אַנטיילנעמער אין דער מלוכה־מאַכט פון דער ארבעטער־רעפּובליק, האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אַף די אַנדערע פון אַנדערע לענדער, און ווייל די קאָמוניסטן האָבן אומעטום געפּריידיקט די נויטווענדיקייט פון אייניקייט פון די אַרבעטער־מאַסן אַפן עקאָנאָמישן געביט.

פאַרוואָס האָבן די פירער פון די סאָוועטישע יוניאָנס צוגעשטימט זיך אַנצושליסן אין אַזאַ קאָמיטעט? זיי האָבן זייער גוט געקענט די בריטישע טרייד־יוניאָן־פירער, אַפילו די „לינקע" צווישן זיי, ווי פּוירסעל, קוק און אַנדערע. אָבער זיי האָבן געזען אַ מעגלעכקייט, וואָס עפנט זיך פאַר אַ קאָנטאַקט מיט די ברייטסטע מאַסן פון אייראָפּע. די קאָמיטעט איז געווען אַ מעגאַפאָן, דורך וועלכן די שטימען פון באָלשעוויזם האָט זיך געקענט הערן אַף אַ ברייטערער שטרעקע צווישן די ארבעטער פון ענגלאַנד און פון אַנדערע לענדער. קודם כל האָבן די סאָוועטישע יוניאָן־פירער געזען אין דער קאָמיטעט אַ געווער פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אַזאַ צייט, ווען די אימפּעריאַליסטן האָבן פאַרפולקומט זייערע פּלענער פון אָנפאַל אַף די סאָוועטן. די טראַדיציע פון די פּראָלעטאַרישע אַקציע־קאָמיטעטן פון 1920 קעגן בריטישער אינטערווענציע אין דער סאָוועטישער רעפּובליק איז נאָך געווען פריש.

דורך דער אַנגלאָ־רוסישער אייניקייט־קאָמיטעט איז די פראַגע פון אַ פאַראייניקטן פראָנט פון קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם און קעגן מלחמה פאַרגעבראַכט געוואָרן פאַר גרויסע מאַסן האַרעפּאַשניקעס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דעלעגאַציעס פון אומפּאַרטייאישע אַרבעטער צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען אַ געוויינלעכע דערשיינונג. פּוירסעל און זיינע חברים האָבן באַקומען די דערלויבעניש צו קומען קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָבן געקראָגן אַ פריינטלעכע אויפנאַמע. דערפאַר האָבן פאַרטרעטער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד באַקומען אַ מעגלעכקייט אויפצוטרעטן פאַר ברייטע מאַסן פון בריטישע ארבעטער, כדי פאַרצוברענגען זייערע רעוואָלוציאָנערע אידייען.

די טראָצקי־אָפּאָזיציע איז געווען „געגן".

אין אַ בראָשור, וואָס טראָצקי'ס אַגענט אין די פאַראייניקטע

שטאַט, מאַקס שאַכטמאַן, האָט פאַרעפנטלעכט, ווערט געמאַכט די באַהויפּטונג, אַז די אַנגלאָ־רוסישע אייניקייט־קאָמיטע איז געווען „אַ פּאָליטישער בלאָק צווישן די רעפאָרמיסטן פון ענגלאַנד און דער רוסישער פּאַרטיי־ביוראָקראַטיע" (בראַשור אונטערן נאָמען „צען יאָר", ז. 39). דער פאַקט איז, אַז דאָס איז ניט געווען קיין בלאָק; עס איז אפילו ניט געווען קיין בונד; עס איז געווען אַ קאָמיטע פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון יוניאָן־אייניקייט. עס איז געווען אַ קאָמיטע, וועלכע האָט געעפנט פאַר די סאָוועטישע יוניאָנס די מעגלעכקייט צו דער־מאַסקירן די „לינקע" פירער, ווען די צייט איז געקומען. די צייט איז געקומען נאָך דעם צוזאַמענברוך פון דעם גענעראַל־סטרייק אין ענגלאַנד אין מאַי 1926. די בריטישע פירער פון דער אַנגלאָ־רוסישער קאָמיטע האָבן זיך דאַן אַ נויג געטאָן אויף רעכטס; זיי האָבן אָנגעהויבן באַהאַלטן פון די בריטישע אַרבעטער זייער צוגעהעריקייט צו דער אייניקייט־קאָמיטע; דער פאַקט איז, אַז זיי האָבן געפּרואווט זיך אַרויסדרייען פון די פאַרפליכטונגען, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען, ווען זיי זיינען אַריינגעטראָטן אין דער קאָמיטע. דאָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט פאַר די סאָוועטישע יוניאָנס צו קומען פאַר די בריטישע אַרבעטער און צו דערקלערן זיי די פאַררעטערישע ראָלע פון די „לינקע" יוניאָן־פירער. און גראָד דעמאָלט האָבן די טראָצקיסטן אויפגעהויבן דעם גרעסטן ליאַרעם, פאָדערנדיק, אַז די קאָמיטע זאָל אָפּגעבראָכן ווערן.

דער אויבנדערמאָנטער טראָצקי־שילער אין די פאַראייניקטע שטאַטן רוקט אַרויס אַן אָריגינעלע טעאָריע. ער באַטאָנט „די פאַלשקייט פון דער אידייע", אַז אַזוינע פירער, ווי פּוירסעל, קוק, היקס, סוועילז און סיטרין, קענען ווערן „די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַטאָרס פון דעם אַרבעטער־קלאַס פון דער וועלט קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה און פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער סאָוועטן־רעפּובליק". אַ, טיפער טעאָרעטיקער! אַ, שאַרפזיניקער טאַקטיקער! די קאָמוניסטן האָבן געדאַרפט וואַרטן ביז 1933, כדי געוואָר צו ווערן אָט דעם גרויסן אמת וועגן דעם, אַז די רעפאָרמיסטישע פירער בלייבן רעפאָרמיסטישע פירער. מר. שאַכטמאַן מאַכט זיך כלומרשט ווי ער פאַרגעסט, אַז ווען עס ווערט געבויט דער פאַראייניקטער פראָנט, אין וועלכן אַ רעפאָרמיסטישער פירער איז געצוואונגען אָנטיילצונעמען, ווערט ניט דער פירער, נאָר די מאַסן, וואָס געפינען זיך אונטער זיין איינפלוס, אַריבער־

געוואונען פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַר אַנדערע רעוואָלוציאָנערע צוועקן.

מר. שאַכטמאַן קרוינט זיין טויטלעכע אַטאַקע מיט דער פאָלגנ־דיקער באַמבע: אין דער אַנגלאָ־רוסישער קאָמיטע אַנטדעקט ער די האַנט פון די „סטאַליניסטן", וועלכע וואַרפן זיך אויף אַלע זייטן צו געפינען „אַנטי־אינטערווענציאָניסטן" און וועלכע פּרוּוון „פאַרוואַנד־לען די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין סאָוועטישע גרענעץ־פּאַטרולן" (דאָרטן, ז. 39).

מר. שאַכטמאַן וויל ניט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטייען זאָלן זיין גרענעץ־פּאַטרולן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. פאַרוואָס זאָל ער דאָס וועלן, ווען די טראָצקיסטן העלפן פאַרשנעלערן די מיליטערישע אינטער־ווענציע אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד? ער זאָגט דאָס זייער איינפאַך: „דער סטאַליניסטישער באַגריף וועגן דער ראָלע און כאַראַקטער פון דער אַנגלאָ־רוסישער קאָמיטע האָט דירעקט געשטאַמט פון דער טעאָריע פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד. לויט אָט דער טעאָריע האָט רוסלאַנד געקענט אויסבויען איר אייגענע נאַציאָנאַל־איזאָלירטע סאָציאַליסטישע עקאָנאָמיק, „אויב" נאָר אויסלענדישע מיליטערישע אינטערווענציע וואָלט געקענט צוריקגעשטויסן ווערן". בא די טראָצקיסטן איז דאָס ניט אַזוי. צוריקשטויסן די אויסלענדישע מיליטערישע אינטערווענציע איז בא זיי דעריבער ניט די אויפגאַבע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. זיי ווילן גאָר עפענען די טויערן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר אַזאַ אינטערווענציע.

נאָך איין זאַך דאַרף מען געדענקען אין פאַרבינדונג מיט דער אַנגלאָ־רוסישער קאָמיטע. גראָד אין דער צייט, ווען די לאַגע איז געוואָרן שווערער, ווען דער פאַרראַט פון דעם בריטישן גענעראַל־סטרייק האָט אוועקגעלייגט גרעסערע שטרויכלונגען אין דעם וועג פון אַ דער־נעענטערונג פון די סאָוועטישע אַרבעטער צו די בריטישע אַרבעטער, ווען עס איז נויטיק געווען צו נוצן מער געדולד און אַ מער בויגעוודיקע טאַקטיק אין באַצוג צו אָט די אַרבעטער, האָט די אָפּאָזיציע צוריק־געטראָטן פאַר די שווערקייטן. לויט דער גוטער קליינבירגערלעכער מאָדע, איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק. דער אויסדרוק פון אָט דער פּאַניק איז געווען די פאָדערונג זיך צוריקצוציען פון דער קאָמיטע. די פאָדערונג האָט געקלונגען „אולטראַ־רעוואָלוציאָנער". זי איז געווען — דעפּיטיסטיש.

באַמערקט איינס וועגן די טראָצקיסטן — אַן איינגנשאַפט, וואָס מיר וועלן כסדר באַגעגענען אין אונזערע ווייטערדיקע באַטראַכטונגען: ווען די קאָמוניסטן אָרגאַניזירן ניט קיין פּאַראייניקטן פראָנט (צוליב די אָדער אַנדערע מניעות), שרייען די טראָצקיסטן: „אַ פּאַראייניקטער פראָנט איז אַ פראַגע פון לעבן און טויט”; ווען די קאָמוניסטן אָר־גאַניזירן יאָ אַ פּאַראייניקטן פראָנט, שרייען די טראָצקיסטן: „ברעכט אים אָפּ, ער איז טריף, ער איז קאָנטר־רעוואָלוציאָנער”.

אַזוי זיינען זיי געבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

ניינטער קאַפּיטל

די כינעזישע רעוואָלוציע

די כינעזישע רעוואָלוציע איז, אויסער דער רוסישער רעוואָלוציע, די גרעסטע דערגרייכונג פון די האָרעפּאַשנע מאַסן פון דער וועלט. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז דער וועלט־אימפּעריאַליזם דערשיטערט געוואָרן אין איינער פון זיינע פעסטונגען — אין אַ צוריקגעשטאַנען לאַנד, וואָס איז אומדערבאַרעמדיק גערויבט געוואָרן דורך דעם בריטישן, פראַנצויזישן, יאַפּאַנעזישן און אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַל. די כינעזישע רעוואָלוציע איז אַן אויסגעצייכנטער באַווייז פון דער ריכטיקייט פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם, וועלכער זעט צוויי פונדאַמענטאַלע קרעפטן פון דער וועלט־רעוואָלוציע: די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און די נאַציאָנאַל־באַפרייערישע באַוועגונג אין די קאָלאָניעס, און וועלכער באַשטייט דערויף, אַז אַט די צוויי הויפּט־קרעפטן זאָלן פאַראייניקט ווערן אין איין געמיינזאַמען פראָנט קעגן דעם געמיינזאַמען שונא — אימפּעריאַליזם.

די טעזיסן וועגן דער קאָלאָניאַלער און נאַציאָנאַלער פּראָבלעם, וואָס לענין האָט צוגעשטעלט צום צווייטן קאָנגרעס פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל (1920), זאָגן:

„דער אייראָפּייאישער קאַפּיטאַליזם שעפּט זיין קראַפט הויפּטזאַכלעך נישט פון די אינדוסטריעלע אייראָפּייאישע לענדער, נאָר פון זיינע קאָלאָניאַלע באַזיצונגען. פאַר זיין עקזיסטענץ זיינען נויטיק אַ קאָנטראָל איבער די ריזיקע קאָלאָניאַלע מערק און אַ ברייט פעלד פון עקספּלואַטאַציע. . . .

„די סופּער־פּראָפיטן, וועלכע קומען פון די קאָלאָניעס, זיינען דער הויפּט־קוואַל פון מיטלען פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. דעם אייראָפּייאישן אַרבעטער־קלאַס וועט געלינגען אומצוּוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם נאָר דעמאָלט, ווען אַט דער קוואַל וועט אויסגעטריקנט ווערן.

„די אָפּטיילונג פון די קאָלאָניעס (פון זייערע „מוטערלענדער") און די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין דער היים וועלן אומוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם אין אייראָפּע. פאָלגלעך, דאַרף דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל שטיין אין דער נאָענטסטער באַרירונג מיט די יעניקע רעוואָלוציאָנערע קרעפטן, וועלכע זיינען אין דער איצטיקער

ציים פאַרנומען מים דער אַרבעט פון אומוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם אין די פּאָליטיש- און עקאָנאָמיש-אונטערדריקטע לענדער. פאַר דעם פולשטענדיקן דערפאָלג פון דער וועלט-רעוואָלוציע איז נויטיק געמיינ-זאַמע האַנדלונג פון אַט די ביידע קרעפטן.״ (אונטערגעשטראָכן פון מיר.—מ. אַ.) (ציטירט פון דער ביילאַגע צו באַנד 25 פון לענינ׳ס ווערק, רוסישע אויסגאַבע, ז. 573.)

די כינעזישע רעוואָלוציע איז פאַר די לעצטע צען יאָר געווען די גרעסטע קראַפט, וואָס האָט דערשיטערט דעם קאַפּיטאַליזם אין זיין קאָלאָניאַלן אַספּעקט — דורך דעם וואָס זי האָט געפּרואווט און עס איז איר טיילווייז געלונגען צוצונעמען פון אים דעם קאָנטראָל איבער אַ קאָלאָסאַלן האַלב-קאָלאָניאַלן מאַרק און אַ ריזיקן פעלד פון עקס-פּלואַטאַציע.

טוט אַ קוק אויף די כינעזישע סאָוועטן. דער רויטער פלאַג מיטן האַמער און סערפּ פלאַטערט איבער אַ טעריטאָריע, וואָס נעמט אַרום אַ באַפעלקערונג פון צענדליקער מיליאָנען. צוריק מיט צוויי יאָר האָט די סאָוועטישע טעריטאָריע אַנטהאַלטן כמעט אַ פינפטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון כינע. עס איז געווען אַ צענטראַלע טעריטאָריע, אינ-גאַנצן אונטער סאָוועטישער הערשאַפט, און עס זיינען געווען אַנדערע ווייטערע טעריטאָריעס, וואו עס זיינען געווען פאַנאַנדערגעוואָרפן סאָ-וועטישע געביטן. די סאָוועטן האָבן אַ צענטראַלע רעגירונג און לאָקאַלע רעגירונגען, וועלכע באַשטייען פון אַרבעטער און פּויערים און ווערן געפירט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון כינע, וועלכע האָט צום אָנהויב פון 1934 געציילט 400 טויזנט מיטגלידער. היינט האָט זיך טיילווייז געענדערט די לאַגע פון די סאָוועטישע טעריטאָריעס, אָבער די סאָוועטן זיינען פאַרבליבן אַ מאַכט אין כינע, וואָס קיינער קען זי שוין ניט אָפּווישן.

אַ ניי לעבן ברויזט אין אָט דעם אינזל פון פּויערים- און אַרבעטער-הערשאַפט אינמיטן אַן אימפּעריאַליסטיש-פאַרשמידטן, אויסגעמאַ-טערטן און פאַראָרעמטן לאַנד! אַ פרייע פאָלק, הערשער איבער זיין אייגענעם גורל. פרייע האָרעפּאַשניקעס, וואָס מאַרשירן אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל צו אַ סאָציאַליסטישער סיסטעם. די סיסטעם, וואָס עקזיסטירט, איז נאָך ניט סאָציאַליזם. עס איז ניט מעגלעך צו נאַציאָ-נאַליזירן דאָס לאַנד אַזוי לאַנג ווי דער גרעסטער טייל פון כינע גע-פינט זיך נאָך ניט אין די הענט פון דער רעוואָלוציע און אַזוי לאַנג ווי

די סאָוועטישע טעריטאָריעס זיינען ניט קאָנסאָלידירט. עס איז ניט מעגלעך צו קאָנפיסקירן פאַבריקן און ווערקשטאַטן — וועלכע זיינען ניט גרויס אין דער סאָוועטישער טעריטאָריע — ביז וואַנען די סאָוועטן־מאַכט איז ניט אויסגעשפּרייט אַף די מער אינדוסטריאַליזירטע טיילן פונעם לאַנד. דאָס אָבער, וואָס ס'איז דערגרייכט געוואָרן אונטער די סאָוועטן, ליגט אוועק דעם פונדאַמענט פאַר דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער סיסטעם, וועלכע וועט זיין דער נעקסטער טריט פון דער רעוואָלוציע. מאַכט, אַלעגמיין־מלוכה'שע און לאָקאַלע, איז אין די הענט פון די האָרעפּאַשניקעס און ווערט קאָנטראָלירט דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די באַוואָפנטע קרעפטן פון דער מלוכה זיינען אין די הענט פון די האָרעפּאַשניקעס. די אַרבעטער פאַרנעמען אַ פירנדיקן פּלאַץ. זיי האָבן די שטאַרקסטע פּאַרטרעטערשאַפט אין די סאָוועטן. עס איז פאַראַן אמת'ע רעוואָלוציאָנערע אייניקייט צווישן די אַרבעטער און די פּויערים.

די רויטע אַרמיי פון די כינעזישע סאָוועטן האָט אַרויסגערופן די באַוואונדערונג פון דער וועלט. די סאָוועטישע באַוואָפנטע קרעפטן האָבן ערשט ניט לאַנג געציילט קרוב צו איין מיליאָן מאַן, פון וועלכע 400 טויזנט האָבן זיך געפונען אין דער רעגולערער רויטער אַרמיי, בשעת די איבעריקע האָבן געבילדעט ניט־רעגולערע אָטריאַדן. די רויטע אַרמיי איז די אמת'ע אַרמיי פונעם פאָלק. אין פאַל פון נויט שליסן זיך אָן מער און מער אַרבעטער און פּויערים סיי אָן די רעגולערע, סיי אָן די ניט־רעגולערע קרעפטן, ווי אויך אָן דער רויטער גוואַרדיע, וועלכע טראָגט מיליטערישע פליכטן אין לאַנד. די רויטע אַרמיי פון די כינעזישע סאָוועטן, ווי די רויטע אַרמיי פון דעם פ.ס.ס.ר., איז ניט נאָר אַ מיליטערישע, נאָר אויך אַ קולטורעלע קראַפט. פּאָליטישע דערציאונג ווערט געגעבן אין די רייען, און די זיגן פון די כינעזישע סאָוועטן ווערן דערקלערט ניט נאָר דורך דער העכערער אָרגאַניזאַציע פון די באַוואָפנטע קרעפטן, נאָר אויך הויפּטזאַכלעך דורך דעם, וואָס די קעמפער פאַרטיידיקן דאָס, וואָס ס'איז זיי ליב און טייער — זייער סאָוועטיש פאָטערלאַנד.

אַ בריוו פון אַ כינעזישער סאָוועטן־רעפּובליק, געשריבן אין פרילינג פון 1930, דערציילט, ווי אַזוי אַ סאָוועט ווערט אָרגאַניזירט.

„אין דער איצטיקער צייט איז דער סאָוועטיזירטער מערב'דיקער פוקיען אַ גאַנץ אַנדערע וועלט אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע פּראָווינצן,

וואו דער קואָמינטאַנג האַלט נאָך אָן דעם קאָנטראָל. נאָך אַ זיגרייכן רעוואָלט האָבן די פּויערים צעטיילט צווישן זיך די ערד, און די שכירות פון די אַרבעטער זיינען פאַרגרעסערט געוואָרן. דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון די האָרעפּאַשנע מאַסן איז דראַסטיש פאַרענדערט געוואָרן. קאָנטראַקטן אויף דער ערד, וועקסלען, מאָרטגעדזשעס און דאָס גלייכן זיינען אַלע פאַרברענט געוואָרן. דער לאָזונג: „קיין רענט די לענדלאָרדס, קיין שטייערן די קואָמינטאַנג־באַאַמטע, קיין צאָלונגען די פּראָצענטניקעס" איז איצט פאַרווירקלעכט געוואָרן. די אַלטע זאַמל־אַגענטורן זיינען פאַרשוואונדן, די שטייער־זאַמלער זיינען דערשאָסן געוואָרן. איצט טוען מיר וואָס מיר קענען צו העלפן אַנדערע געביטן צו באַפרייען זיך פון די רעאַקציאָנערן און צו אָנהויבן קאָנסטרוקטיווע אַרבעט: צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, צו פאַרבעסערן די באַוואַסערונג־סיסטעם פון די רייז־פעלדער, צו פאַרריכטן די וועגן, צו עפענען שולן און אַז. וו.

„אין יעדן ראַיאָן פון מערב־פוקיען זיינען דאָ סאָוועטן... יעדער איינער פון 16 יאָר און העכער, פון ביידע געשלעכטער, מעג שטימען און קען דערוויילט ווערן. נאָר די, וואָס געהערן צו דעם עקספּלואַטאָ־ריש[sic]ן קלאַס, האָבן ניט קיין וואַל־רעכט... אין דעם איצטיקן מאָמענט זיינען אַלע דעפּוטאַטן — פון אָרעמע פּויערים, אַרבעטער, סאָלדאַטן, רעוואָלוציאָנערע סטודענטן און הענדלער.

„די סאָוועטן־רעגירונג האָט אָנגעהויבן פאַרבעסערן די ערד. יעדער פּויער באַקומט איצט גענוג וואַסער צו באַוואַסערן זיין פעלד... מיר האָבן קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן... קרעדיט־אַסאָציאַציעס, וואו מיר, פּויערים, קענען באָרגן און ניט באַרויבט ווערן פון די געלט־לייער... נאַכט־קורסן פאַר דערוואַקסענע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן... צווישן די דעלעגאַטן, וואָס זיינען דערוויילט געוואָרן צו די סאָוועטן, געפינען זיך פרויען; פרויען זיינען געוואָרן גלייך מיט די מענער אין יעדער הינזיכט; זייער רעוואָלוציאָנערער פייער איז אויך ניט קלענער... מען קען זיי זען אַפילו אין דער רויטער אַרמיי.

„מיר האָבן ניט קיין גנבים, קיין בעטלער אין אונזער טערי־טאָריע. יעדער איינער קאָן אַרבעטן... די וואָס קענען ניט אַרבעטן, ווערן באַזאָרגט דורך די סאָוועטן... מיר האָבן געעפנט האָספּיטאַלס און אַפּטייקן, וועלכע נעמען ניט קיין געלט פאַר זייערע דינסטן; אויב פריער האָבן די פּויערים אין פאַל פון קראַנקהייט ניט געהאַט צו ווענדן זיך, אַחוץ צום פּוזאַן, דעם בודיסטישן גאָט, קומען זיי איצט צו די סאָוועטישע אינסטיטוציעס... יעדער געמיינדע האָט איר אייגענעם קלוב, וועלכער דינט ניט נאָר פאַר פאַרוויילונג, נאָר אויך פאַר אויפקלערונג." (וויקטאָר א. יאַכאָנטאָוו, „די כינעזישע סאָוועטן", ענגלישע אויסגאַבע, זז. 88-90.)

טוט נאָר אַ טראַכט וועגן דער סטראַטעגישער פּאָזיציע אין דעם שלאַכט־פראָנט צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם. אָט איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, די פעסטונג פון דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט און פון אַלע אונטערדריקטע. אָט איז דער יאַפּאַנעזישער אימפּעריאַליזם, וועלכער האָט איינגעשלונגען מאַנדזשוריע, האָט פאַרנומען די יעהאָל־פּראָווינץ, האָט פאַרנומען צפון־כינע, מאַכט אָנפאַלן אַף דער מאָנגאָלישער פּאָלקס־רעפּובליק — אַלץ אַלס אַ צוגרייטונג פאַר דער ענדגילטיקער אַטאַקע אַפן סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָט איז טשאַינג קאַי־שעק, דער קאָפּ פון דער נאַנקין־רעגירונג, וואָס האָט געדינט דעם יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם און אים דערלויבט צו פאַרשטאַרקן זיך אַפן חשבון פון כינע. אָט זיינען די אימפּעריאַליסטן פון ענגלאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע, וועלכע זיינען אייפערזיכטיק אַף דעם יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם און וועלכע וואָלטן אַליין געוואָלט האָבן אַ חלק אין דער באַרויבונג פון כינע, נאָר זיי דערלויבן יאַפּאַן פאָרטצוזעצן, ווייל יאַפּאַן איז דער שפּיץ פון דער שווערד פונעם וועלט־אימפּעריאַליזם קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַפן ווייטן מזרח. און אינמיטן דעם אַלעם, אַפן וועג פון דעם יאַפּאַנעזישן און וועלט־אימפּעריאַליזם, ליגט די סאָוועטן־טעריטאָריע פון כינע — אַ באַריקאַדע קעגן דעם וועלט־אימפּעריאַליזם. אויסער דעם פ.ס.ס.ר. האָט קיין לאַנד אין דער וועלט ניט געשפּילט אַ גרעסערע ראָלע אין דעם גרויסן היסטאָרישן קאָנפליקט צווישן דער דיקטאַטור פונעם קאַפּיטאַליזם און דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

אין אַ דאָקומענט, וואָס די יאַפּאַנעזישע רעגירונג האָט סוף 1932 צוגעשטעלט צו דער אונטערזוכונג־קאָמיסיע פון דער פעלקער־ליג, דער אַזוי־גערופענער ליטאָן־קאָמיסיע, לייענען מיר:

„די צוקונפט פון דער כינעזישער קאָמוניסטישער באַוועגונג איז אַ זאַך פון ערנסטער באַזאָרגונג און איז שווער צו באַהאַנדלען. אויבנאויף קען די באַוועגונג אויסזען ווי אַ צופעליקע דערשיינונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1920 מיט דער בילדונג פון דער כינעזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דורך קאָמינטערן־מאַכינאַציעס. דער אמת איז אָבער, אַז איר אורשפּרונג ליגט טיף אין די אייגנטימלעכע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען פון כינע; און אַזוי לאַנג ווי די לעצטע זיינען ניט באַזייטיקט, וועט די באַוועגונג זיך ניט ענדיקן און עס זעט אויס אַז זי וועט זיך נאָך אויסברייטערן. מען קען ניט דערוואַרטן, אַז די נאַנקין־רעגירונג, אין איר איצטיקן צו-

> שטאַנד פון מאַכטלאָזיקייט, זאָל קענען דורכפירן די אויפגאַבע פון אַפּרייניקן כינע פון רויטע אַרמייען און פון סאָוועטישע געגנטן. צום גליק זיינען די לעצטע נאָך געאָגראַפיש אָפּגעטיילט פון רוסלאַנד. אין פאַל אויב זיי שטעלן איין אַ דירעקטן געאָגראַפישן קאָנטאַקט בײַ די גרענעצן פון סיביר, אויסערן-מאָנגאָליע אָדער טורקעסטאַן, קען זיך באַשאַפן אַ סיטואַציע, וועלכע די כינעזישע רעגירונג זאָל קיינמאָל ניט קענען באַהערשן. (אונטערגעשטראָכן פון אונז.—מ. אַ.). די סאָוועטיזאַציע פון גאַנץ כינע איז ניט קיין אַבסאָלוטע אוממעגלעכקייט. און וואָס פאַר אַ קאָמבינאַציע פון אַ רויטער כינע מיט פיר הונדערט מיליאָן מענטשן און אומדערשעפּלעכע נאַטירלעכע אוצרות און סאָוועט-רוסלאַנד, וואָס באַזיצט אַ זעקסטל פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד, קען באַדייטן פאַר דער וועלט — שוין ניט רעדנדיק וועגן שכנ׳ישע מלוכות, ווי יאַפּאַן — איז אַ פראַגע, וועלכע מען דאַרף אינזינען האָבן, ווען מען פאָלגט נאָך די שטרעמונגען פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין כינע.”

אָנגענומען אפילו, אַז די יאַפּאַנעזישע רעגירונג האָט אַ ביסל איבערגעטריבן, מוז מען פונדעסטוועגן זאָגן, אַז דאָס בילד אינגאַנצן איז ריכטיק. דער גרעסטער פיינט פון קאָמוניזם אין ווייטן מזרח זעט קלאָר די געפאַר פון די כינעזישע סאָוועטן פאַר דעם יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם און פאַר דעם וועלט־אימפּעריאַליזם.

די כינעזישע סאָוועטן און די רויטע אַרמיי זיינען די גרעסטע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע מאַכט אין כינע, וועלכע ווייזט אַרויס אַ ווידערשטאַנד קעגן דער עקספּלואַטאַציע פון כינע דורך אויסלענדישן קאַפּיטאַל און וועלכע באַאיינפלוסט דאָס גאַנצע לאַנד. זיי זיינען אַ פייער־זייל פאַר די הערפּאַשנע מאַסן פון די אַנדערע כינעזישע טעריטאָריעס. זיי דערוועקן די סימפּאַטיעס פון יעדן כינעזישן פּאַטריאָט, וועלכער וויל ערנסט זען זיין לאַנד באַפרייט פון דעם אימפּעריאַליסטישן יאָך. דעריבער געפינען זיך איצט די כינעזישע סאָוועטן אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי קענען אַריבערגעווינען אויף זייער זייט ניט נאָר פּראָסטע סאָלדאַטן פון דער נאַנקין־אַרמיי, נאָר גאַנצע אַרמייען, איינגעשלאָסן דעם נידעריקערן קאָמאַנדע־באַשטאַנד. און דערפאַר זיינען די כינעזישע סאָוועטן אומבאַזיגבאַר.

אין אַן אינטערוויו, וואָס טשיאַנג קאַי־שעק האָט אין יוני 1933 געגעבן דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער יאַפּאַנעזישער מאַגאַצשריפט „טשון יאַן גון ליען“, האָט דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די יאַנקיז־

אַרמייען געגעבן אַ דערקלערונג, פאַרוואָס די רויטע אַרמיי האָט געקענט דערלאַנגען זיינע אַרמייען אַ טויט־קלאַפּ:

„עס איז זייער שווער צו געפינען, ווער פון דער לאָקאַלער באַפעלקערונג איז אַ גוטער עלעמענט און ווער עס איז אַ שלעכטער עלעמענט. אַחוץ די רעגולערע טיילן פון דער רויטער אַרמיי זיינען פאַראַן אויך פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, דאָס הייסט אַזוי-גערופענע פּויערים-פּאַרטיזאַנעס... אָט די פּאַרטיזאַנעס, צוזאַמען מיט די מאַסן, פירן אַ פּאַרטיזאַנישע מלחמה וועדליק די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאָדערן, צילנדיק אַרייננצוטראָגן צעמישעניש אין די הינטערשטע טיילן פון די עקספּעדיציע-קרעפטן אָדער צו מאַכן אומדערוואַרטעטע אַטאַקעס אַף אַפּטיילונגען, וועלכע באַזאָרגן מיט שפּייז-פּראָדוקטן די עקס-פּעדיציע-קרעפטן.

„זיי פירן אויך דורך אויספאָרשונגען, זיי וועקן אומצופרידנקייט צווישן אונזערע טרופּן און זיי קאָמופלאַזשן די ערטער, וואו עס גע-פינען זיך די טרופּן פון דער רעגולערער רויטער אַרמיי. קורץ, זיי טוען אַלצדינג, וואָס זיי קענען, צו שטערן אונזערע פּלענער... ווען זיי קעמפן ניט, אַרבעטן זיי אין די פעלדער, אָבער אַלעמאָל, ווען מען דאַרף זיי האָבן, באַוואָפענען זיי זיך אַלע און קומען צו הילף דער קאָמוניסטישער אַרמיי... טאַקע דערפאַר, ווייל עס איז אוממעגלעך צו ציען אַ ליניע צווישן אַ גוטן בירגער און אַ רויטן פּאַרטיזאַן, קענען אונזערע טרופּן אַנדערש ניט פילן ווי אַז „דער שונא לויערט אומעטום". אַפילו אין אַזוינע געגנטן, וואו די באַפעלקערונג איז נאָך ניט אָנ-געשטעקט געוואָרן דורך קאָמוניסטישע טעטיקייטן, פילן אויך די טרופּן, אַז זיי קענען ניט רוען ביז די גאַנצע באַפעלקערונג איז ניט אָפּגעווישט פון דער ערד.

„אָט די שווערקייט באַשאַפט די שטרויכלונגען, וועלכע די עקס-פּעדיציע-קרעפטן האָבן באַגעגנט אַף זייער וועג און וועלכע איך וועל סומירן אַזוי: (1) עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַבסאָלוט אוממעגלעך צו קריגן שפּייז-פּראָדוקטן אָדער פּערזענלעכע דינסטן פאַר די טרופּן; (2) די באַפעלקערונג פון די געגנטן, וואָס גרענעצן זיך אָדער וואָס זיינען גאָר נאָענט צו די באַנדיטישע געגנטן, ווערן אַלץ רויטער און רויטער, ווייל זיי האָבן מורא אַז זיי וועלן אַלע אָן אויסנאַם אויסגע-שלאַכטעט ווערן דורך די עקספּעדיציע-קרעפטן." (ציטירט דורך וואַן מינג, „רעוואָלוציאָנערע כינע היינט", ענגלישע אויסגאַבע, זז. 39-40.)

ווי פאַרהאַלט זיך טראָצקי צו אָט דעם גרויסן צענטער פון דער וועלט־רעוואָלוציע?

מיר וועלן ווי געהעריק אָפּשאַצן טראָצקי'ס שטעלונג, ווען מיר וועלן דערמאָנען, אַז אין 1929 און 1930, דעם פּעריאָד ווען עס זיינען

געבילדעט און אויסגעשפּרייט געוואָרן די כינעזישע סאָוועטן, האָט טראָצקי גערופן די רויטע ארמיי „באַנדיטן" און אַז נאָך דעם צייט־ווייליקן צוריקטריט פון דער רעוואָלוציע באַם סוף פון 1927 און אָנהויב 1928 האָט ער געהאַלטן אין איין שרייען: „דורכפאַל, דורכפאַל און דורכפאַל", „אַראָפּ־באַרג, אַראָפּ־באַרג און אַראָפּ־באַרג", דערקלערנדיק, אַז די פּראָבעם פון די ערשטע פירער פון דער רויטער ארמיי, האָ לונג און יעה טין, זיינען „אוואַנטורעס", פּראָקלאַמירנדיק די סאָוועטן ווי אַ בייזוויליקע דערפינדונג פון סטאַלינ׳ען און האַלטנדיק אין איין באַקלאָגן זיך איבער דער „דערוואָרגענער רעוואָלוציע", איבער דער „געשטאָרבענער" קאָמוניסטישער פּארטיי פון כינע און איבער דעם וואָס סטאַלין האָט כלומרשט „אַנטוואָפנט די כינעזישע רעוואָלוציע" און איר „אריינגעשטאָכן אַ מעסער אין רוקן". אין דער צייט, ווען קאָנגרעסן פון כינעזישע סאָוועטן זיינען שוין געווען אָרגאַניזירט אין צאָלרייכע דיסטריקט פון קיאַנגסי, הופּעה, פוקיען, הונאַן, קוואַנגטונג, קיאַנגסו, אַנהוועי, טשעקיאַנג, האָנאַן, און פלענער זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַר דעם ערשטן אַל־כינעזישן קאָנגרעס פון סאָוועטן, האָט טראָצקי געהאַלטן אין איין קלאָגן, אַז סטאַלין

„. . . האָט אונטערגעוואָרפן די כינעזישע אַרבעטער אונטער דער בורזשואַזיע, פּאַראַליזירט די אַגראַר־באַוועגונג, געשטיצט די רעאַקציאָנערע גענעראַלן, אַנטוואָפנט די אַרבעטער, געשטערט דער דערשיינונג פון סאָוועטן און ליקווידירט די וואָס זיינען דערשינען." (לעאָן טראָצקי, „סטאַלין און די כינעזישע רעוואָלוציע", געשריבן אין אויגוסט 1930. איינגעשלאָסן אין טראָצקי׳ס בוך, „פּראָבלעמען פון דער כינעזישער רעוואָלוציע", זז. 307-308.)

:: :: ::

ווי אַ סך אַנדערע פון טראָצקי׳ס „שטעלונגען", קען מען דאָס לייקענען פון דער כינעזישער רעוואָלוציע און אָט דאָס באַשולדיקן סטאַלינ׳ען פאַר אויסגעטראַכטע איבלען, וועלכע זיינען פונקט דער היפּוך פון די היסטאָרישע פאַקטן, אויסזען ווילד אין די אויגן פון אַן אומדערפאַרענעם. דער אמת איז, אַז דאָ איז דאָ אַ לאָגיק, אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע לאָגיק. די דאָזיקע לייקענונג און די דאָזיקע באַשולדיקונג שטאַמט פון טראָצקי׳ס פונדאַמענטאַלע מענשעוויסטישע באַגריפן. עס איז אין פולן איינקלאַנג מיט זיין קאָנטער־רעוואָלוציאָ־

נערער באַציאונג צו רעוואָלוציע, צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, צום קאָמו־ניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין זיין באַציאונג צו דער כינעזישער רעוואָלוציע, אין זיינע „עצות", „רעקאָמאַנדאַציעס", „טעזיסן" און „מעמאָראַנדומס", וואָס האָבן צו טאָן מיט דער פּאָליטיק פונעם קאָמינטערן אין כינע, איז זיין ליניע פון קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס איז אָלעמאָל באַפּוצט מיט „אולטראַ־רעוואָלוציאָנערע" פראַזן, נאָך קלאָרער ווי אין זיין באַציאונג צו דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָ זעען מיר טראָצקיזם אין אַ קאָנ־צענטרירטער פאָרמע, — אַזוי צו זאָגן: די קווינט־עסענץ פון טראָצקיזם.

פון אָנפאַנג אָן האָט ער גענומען אַ מענשעוויסטישע שטעלונג צו דעם סאַמע כאַראַקטער פון דער כינעזישער רעוואָלוציע. ער האָט ניט איינגעזען, אַז דאָס איז אַ רעוואָלוציע פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אין אַ האַלב־קאָלאָניאַלן לאַנד, וואו די הויפּט טרייב־קראַפט איז די אַגראַר־רעוואָלוציע קעגן די רעשטן פונעם פעאָדאַליזם. באַ אים איז ניט געווען קיין פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן כינע און אַן אַנדער אימפּעריאַליסטיש לאַנד.

עס איז ניט נויטיק קיין סך מאַטעריאַל צו באַווייזן, אַז כינע איז אַ האַלב־קאָלאָניאַל לאַנד פון איין זייט, אַ האַלב־פעאָדאַל לאַנד פון דער צווייטער. אין אָנהויב פון דער צווייטער כינעזישער רעוואָלוציע אין 1925 (די ערשטע איז פאָרגעקומען אין 1911 און האָט באַפרייט כינע פון דער מאָנאַרכיע) איז כינע געווען פאַרשקלאַפט דורך אויס־לענדישע אימפּעריאַליסטן סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש. אַרום 80 פּראָ־צענט פון די כינעזישע אייזנבאַנען און 78 פּראָצענט פון אָקעאַנישן און טייכן־טראַנספּאָרט זיינען געווען אין די הענט פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל. אַ נעץ פון אויסלענדיש־קאָנטראָלירטע באַנקען האָט אַרוים־געפּאָמפּעט דאָס בלוט פון דער כינעזישער באַפעלקערונג. דער אויס־לענדישער האַנדל און די גרענעץ־אַפּצאָלונגען זיינען געווען אין די הענט פון אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן מיט גרויס־בריטאַניע אין דעם שפּיץ. די אימפּעריאַליסטן האָבן איינגעשטעלט נידעריקע טאַריפן אַף די סחורות, וואָס זיינען אימפּאָרטירט געוואָרן פון זייערע לענדער, — צום שאָדן פון דער לאָקאַלער כינעזישער פאַבריקאַציע. די אויס־לענדישע קאַפּיטאַליסטן האָבן געהאַט אַ מאָנאָפּאָל אַף די שטייערן פון זאַלץ, וויין און טאַבאַק; אין 1931 האָבן אָט די שטייערן איינ־

נעבראַכט 245 מיליאָן כינעזישע דאָלאַרן. די בעסטע קוילן־גרובן, אויל־קוואַלן, דאָקס און מאַשין־פאַבריקן, עלעקטרישע סטאַנציעס, כעמישע זאַוואָדן, מעל־מילן, קאָטן־פאַבריקן, צוקער־, טאַבאַק־, פּאַפּיר־, שוועבלעך־פאַבריקן זיינען געווען אין די הענט פון אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן. דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל האָט געטאָן אַלעס מעג־לעכע צו פאַרהאַלטן די אומאָפּהענגיקע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון כינע.

כדי צו זיכערן אַבסאָלוטע פרייהייט פאַר דער עקאָנאָמישער עקס־פּלואַטאַציע, האָבן די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען גע־זיכערט פאַר זיך פּאָליטישע פּריווילעגיעס, וועלכע האָבן באַרויבט דאָס לאַנד פון סואווערעניטעט. זיי האָבן געהאַט אַזוי־גערופענע אָפּטאַך־פּאָרטן אין כינע, וואו זיי האָבן געהאַלטן זייערע אייגענע אַרמייר אָפּטיילונגען, פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע פאַר דעם שוץ פון זייערע אינדוסטריעלע און פינאַנציעלע איינריכטונגען. זיי האָבן פאַרזיכערט פאַר די אויסלענדער פרייהייט פון שטייערן און פרייהייט פון לאָקאַלע געזעצן. אויסלענדישע האַנדלס־שיפן זיינען פריי אַרומגעפאָרן איבער די כינעזישע טייכן אָן שום קאָנטראָל פון די לאָקאַלע באַאַמטע. פאַראַן אַרום 50 שטעט אין כינע, וואו די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן זיינען די אמת'ע הערשער. זיי פאַרמאָגן געדונגענע טעריטאָריעס, וואו זייערע פּריווילעגיעס זיינען נאָך גרעסער. זיי האָבן אַזוי־גערופענע קאָנצעסיעס און סעטלמענטס, וועלכע זיינען ווי אַ מלוכה אין אַ מלוכה אין כינע. דער אינטערנאַציאָנאַלער סעטלמענט אין שאַנכאַי ווערט פאַרוואַלטעט דורך אַן אויסלענדישער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אחוץ דעם האָבן אַלע אויסלענדער אין כינע די פּריווילעגיע פון עקסטראַ־טעריטאָריאַליטעט, וואָס דאָס הייסט, אַז אַן אויסלענדער אין כינע קען גע'משפט ווערן נאָר דורך אַן אויסלענדיש געריכט.

אָט ווי אַזוי אַ כינעזישער פּאַטריאָט האָט געמאָלן די סיטואַציע:

„צוערשט קומט אַ מענטש אין שוואַרצע קליידער (דער מיסיאָנער) און זאָגט: „ליב מיך ווי דיין ברודער, אַניט וועל איך דיך שיקן ברענען אין אַ גרויסן אייוון אויף יענער וועלט.״ נאָכדעם קומט אַ מענטש אין העלע קליידער מיט סחורות און זאָגט: „קויף אָט די שמאָכטעס פאַר אַ הויכן פּרייז, אַניט וועל איך זיך קלאָגן פאַר דעם מאַן אין ווייסע קליידער מיט דער גרויסער ביקס.״ ענדלעך קומט דער מאַן אין ווייסע קליידער און זאָגט: „דו ווילסט ניט ליבן דעם מאַן אין שוואַרצע קליידער ווי דיין ברודער, דו ווילסט ניט קויפן די

> סחורות פאַר אַ גוטן פּרייז פון דעם מאַן אין די העלע קליידער. אויב דאָס איז אַזוי, טאָ גיי-זשע אַרויס, לאָז איבער דיין הויז און דיין פעלד פאַר דעם מאַן אין די שוואַרצע קליידער און דעם מאַן אין די העלע קליידער, אַניט טויט איך דיך.״ און איידער איך באַוויז צו עפענען מיין מויל, טויט ער מיך סיי ווי, און אַלע דריי הערשן איבער מיר: איינער באַשפּריצט מיך מיט וואַסער, דער אַנדערער ליידיקט מיר אויס די קעשענעס, דער דריטער וואַרפט מיין קערפּער צו די הינט. נאָכ-דעם נעמען זיי צו מיין הויז, מיין ערד, מיין ווייב, מיינע קינדער און די הייליקע בילדער פון מיינע עלטערן.״ (ציטירט דורך פּ. מיף אין זיין בוך „די כינעזישע רעוואָלוציע״, ז. 21.)

אויסלענדישע באַהערשונג, וואָס האָט געזויגן דאָס בלוט פון כינע און פאַרקריפּלט איר וואוקס, איז געווען איינער פון די הויפּט־קוואַלן פון דער כינעזישער רעוואָלוציע.

אויסלענדישע באַהערשונג איז געווען אַפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט דער הערשאַפט פון קריגס־הערשער און פּריצים אין כינע. דער קריגס־הערשער („גענעראַל״) מיט זיין געדונגענער אַרמיי האָט דורכ־געפירט דעם ווילן פון די אימפּעריאַליסטן אין כינע — אַלס באַלוינונג פאַר דער הילף, וואָס זיי האָבן אים געגעבן כדי צו קענען האַלטן דאָס כינעזישע פאָלק אונטער זיין אייזערנעם קנאַפל. דער קריגס־הערשער — עטלעכע פון זיי האָבן געהערשט איבער כינע; דער מעכטיקסטער איז געווען טשאַנג טסאָ לין, דער דיקטאַטאָר פון דעם צפון — איז געווען עפּעס אַזוינס ווי אַ צאַר, ד. ה. אַ האַלב־פעאָדאַלער דעספּאָט. זיין מאַכט איז געווען געגרינדעט אַף דער מאַכט פון די לאָקאַלע פּריצים, וועלכע האָבן פאַראייניקט, לויט דעם באַוואוסטן מוסטער פון פעאָדאַ־ליזם, די אַדמיניסטראַטיווע און ריכטערלעכע מאַכט איבער די פּויערים. דער פּריץ האָט געלעבט פון דעם בלוט און שווייס פון די פּויערים.

אינעם אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן פון אונזער יאָרהונדערט איז, לויט אַ סטאַטיסטישער אויסרעכענונג, געווען צוויי מיליאָן מיט 800 טויזנט פּריצים, וואָס האָבן געהאַלטן העכער אַ העלפט פון דעם קולטווירבאַרן לאַנד אין אַ טיפּישן טייל פון כינע, בשעת 31 מיליאָן פּויערים (די נידעריקסטע צוויי גרופּן) האָבן צוזאַמען געהאַלטן ווייניקער ווי אַ העלפט ערד אין פאַרגלייך מיט די פּריצים אין דער זעלביקער טעריטאָריע. וואָס האָט זך באַקומען? די פּויערים האָבן ניט געקענט פירן קיין „באַלעבאַטישקייט״ אַף זייערע אייגענע ברעקלעך ערד און האָבן געדאַרפט דינגען ערד בא די פּריצים, ווען זיי האָבן געצאָלט

פון 60 ביז 90 פּראָצענט פון דער גערעטעניש. דער טענענט האָט נאָך געדאַרפט געבן דעם פּריץ אַ געוויסע צאָל הינער און קאַטשקעס און אַ געוויסן קוואַנטום וויין אומזיסט. אחוץ דעם האָט ער געדאַרפט אַרבעטן אַ געוויסע צאָל טעג אַפן פּריץ. פון יעדער הונדערט פּויערים אין צענטראַל- און דרום-כינע זיינען 40 געווען טענענטס, 28 האַלב-טענענטס און נאָר 32 זיינען געווען די אייגנטימער פון זייערע פאַרמס. אַלע פּויערים האָבן געצאָלט געוואַלטיק הויכע שטייערן. אחוץ דעם הויפּט-שטייער האָבן עקזיסטירט נאָך עטלעכע ספּעציעלע שטייערן: פּאַר דער אַרמיי, דער מיליץ, דעם גאַרניזאָן, דער גוואַרדיע און אַז. וו.— צוזאַמען אַרום 30 סאָרטן. אָפט זיינען די פּויערים געצוואונגען געווען צו צאָלן זייערע שטייערן אין פאָרויס. עס זיינען באַקאַנט פאַלן, וואו אַ שטייער איז געזאַמלט געוואָרן פון די פּויערים פאַר 90 יאָר פאָרויס. דאָס אַלעס האָבן באַקומען די קריגס-הערשער און פּריצים.

אַרבעטנדיק מיט אומגלויבלעכן פלייס, אומגלויבלעך לאַנגע שטונדן אַף אומגלויבלעך-קליינע פּיצעלעך ערד, האָבן די כינעזישע פּויערים ניט געקענט מאַכן קיין לעבן, וויפיל זיי האָבן זיך ניט געמיט. הונגער, עפּידעמיעס און פאַרפּלייצונגען זיינען געווען דער געוויינלעכער גורל פון מיליאָנען און מיליאָנען האַרעפּאַשניקעס פון דער ערד.

די פּויערים-מאַסן, הונדערטער מיליאָנען, זיינען געווען דער הויפּט-קוואַל פון דער כינעזישער רעוואָלוציע.

די אַרבעטער (צוויי מיליאָן אין דער שטאַטישער גרויס-אינדוס-טריע, אין גאַנץ כינע — אַן ערך פינף מיליאָן) האָבן געליטן פון אַזאַ סאָרט עקספּלואַטאַציע, וואָס איז נאָר באַקאַנט געווען אין אייראָפּע אינעם אָנהויבן פון דעם 19טן יאָרהונדערט. דער כּלל איז געווען אַ 12-שטונדיקער אַרבעטס-טאָג — און אייניקע אַרבעטער זיינען גע-צוואונגען געווען צו אַרבעטן אַזוי לאַנג ווי 16 און 18 שטונדן. קיין באַגרענעצונגען פאַר קינדער-אַרבעט איז ניט געווען; קינדער אין עלטער פון 7 אָדער 8 יאָר האָבן געאַרבעט 12 שטונדן אַ טאָג. די געוויינטלעכע שכירות פון אַ קוואַליפיצירטן אַרבעטער זיינען געווען אַן ערך 20 סענט אַ טאָג. די נידעריקערע שכירות האָבן אָפט באַטראָפן ניט מער ווי 4 סענט אַ טאָג. עס זיינען באַקאַנט פאַלן, וואו אינגלעך אינעם עלטער פון 9 ביז 15 יאָר האָבן געאַרבעט אין שוועבעלעך-פאַבריקן אין אַ פאַר'סמ'טער אַטמאָספערע פון 9 אינדערפרי ביז 8:30 אין אָוונט מיט נאָר איין איבעררייס אַף דינער און האָבן גע-

קראַנק דערפאַר פון 3 ביז 6 סענט א טאָג. אַט די באַרבאַרישע עקס־פּלואַטאַציע האָט מעגלעך געמאַכט פאַר די קאַפּיטאַליסטן אַריינצוקריגן הונדערט פּראָצענט און מער פּראָפיטן. דאָס לעבן פון די אַרבעטער איז געווען אַזוי, אַז 40 פּראָצענט האָבן געמוזט לעבן ערגער ווי די כינעזישע קולים. די אַרבעטער, האָבן געליטן פון די אימפּעריאַליסטן אי אַלס האַרעפּאַשניקעס פון אַן אונטערדריקטן לאַנד, אי אַלס אַרבעטער.

די אַרבעטער זיינען געווען איינע פון די גרעסטע קרעפטן פון דער כינעזישער רעוואָלוציע. אַזוי ווי זיי זיינען געווען ווייניקער צאָלרייך ווי די אַרבעטער פון רוסלאַנד אין פאַרגלייך מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג, האָבן זיי נים געקענט באַלד אָנהויבן שפּילן אין דער כינעזישער רעוואָלוציע די ראָלע, וואָס עס האָבן געשפּילט די רוסישע אַרבעטער ; זיי האָבן נים געקענט באַלד איינשטעלן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן אין רוסלאַנד אין נאָוועמבער 1917. זייער ראָלע אין דער רעוואָלוציע איז פונדעסטוועגן געווען די ראָלע פון אַ פירנדיקער קראַפט. דער אָנהויב פון דער גרויסער כינעזישער רעוואָלוציע רעכנט זיך דער גענעראַל־סטרייק פון מאַי־יוני 1925 אין שאַנכאַי. אַנדערע סטרייקס זיינען באַלד געקומען. אין אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען נאָך 1925 האָט דער אַרבעטער־קלאַס, מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער שפּיץ, פאַרנומען די ערשטע רייען. אין די כינעזישע סאָוועטן זיינען די אַרבעטער אָנערקענט ווי פירער. אין עצם אָבער איז די כינעזישע רעוואָלוציע אַן אַגראַרע און אַנטי־אימפּעריאַליסטישע רעוואָלוציע און נים קיין סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע.

דאָס האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אָנערקענט נאָך גאָר פרי. אין זיינע אינסטרוקציעס צו דעם דריטן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון כינע אין 1923 האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל געזאָגט :

> „די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע אין כינע און די שאַפונג פון אַן אַנטי-אימפּעריאַליסטישן פראָנט וועלן אומפאַרמיידלעך באַגלייט ווערן פון אַן אַגראַר-רעוואָלוציע פון דעם פּויערטום קעגן די רעשטן פון פעאָדאַליזם. נאָר דאַן וועט די רעוואָלוציע זיין זיגרייך, ווען עס וועט איר געלינגען אַריינצוציען די פונדאַמענטאַלע מאַסע פון דער כינעזישער באַפעלקערונג, די פּויערים וואָס לעבן אויף קליינע שטיקלעך ערד.

„אַזוי ווייזט זיך אַרויס, אַז די צענטראַלע פראַגע פון דער גאַנצער פּאָליטיק איז די פּויערים-פראַגע... אַט פאַרוואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אַלס די פּאַרטיי פונעם אַרבעטער-קלאַס, דאַרף שטרעבן צו אַ בונד פון די אַרבעטער און די פּויערים. דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך אומאויפהערלעכער פּראָפּאַגאַנדע און דער דורכפירונג אין דער פּראַקטיק די לאָזונגען פון דער אַגראַר-רעוואָלוציע, ווי קאָנפיסקאַציע פון דער פּריציש ער ערד, קאָנפיסקאַציע פון דער ערד פון די מאָנאַסטירן און קירכן, און איבערגעבן זיי צו דעם פּויערטום אָן באַלוינונג, אָפּשאַפן די הונגער-רענטס, אָפּשאַפן די איצטיקע שטייער-סיסטעם, אָפּשאַפן דאָס פּאַרדינגען שטייערן צו קאָנטראַקטאָרס, אָפּשאַפן די גרענעץ-אָפּצאָלונגען צווישן פּראָווינצן, אָפּשאַפן די סיסטעם פון מאַנדאַרינען, באַשאַפן אָרגאַנען פון פּויערשער זעלבסט-פאַרוואַלטונג, אין וועמעס הענט עס זאָל איבערגיין די קאָנפיסקירטע ערד.

„אַרויסגייענדיק פון אַט די פונדאַמענטאַלע פאָדערונגען, איז נויטיק צו ברענגען די גאַנצע מאַסע אָרעמע פּויערים צו דער פאַרשטענדעניש פון דער נויטווענדיקייט פון קאַמף קעגן אויסלענדישן אימפּעריאַליזם... נאָר דאַן, ווען דער אַגראַר-פונדאַמענט איז אַוועקגעשטעלט אונטער דעם לאָזונג פון דעם אַנטי-אימפּעריאַליסטישן פראָנט, קענען מיר האָפן אויף אַן אמת'ן דערפאָלג.

„עס איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז די פירערשאַפט דאַרף געהערן דער פּאַרטיי פונעם אַרבעטער-קלאַס. די לעצטע געשעענישן אָפן געביט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג (ריזיקע סטרייקס) האָבן קלאָר באַוויזן די גאַנצע באַדייטונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין כינע.

„די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז פאַרפליכטעט נאָכאַנאַנד צו שטויסן די פּאַרטיי פון דעם קואָמינטאַנג צו דער אַגראַר-רעוואָלוציע."

דער כאַראַקטער פון דער כינעזישער רעוואָלוציע, אַלס אַזעלכער וואָס קאָמבינירט די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע און די אַגראַר־רעוואָלוציע, און די ראָלע פון די אַרבעטער און זייער פּאַרטיי, דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָלט ניט געקענט געשילדערט ווערן קלאָרער, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן אין אָט דעם דאָקומענט נאָך פאַר דעם אָנהייב פון דער רעוואָלוציע אין 1925. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, דעמאָלט נאָך אונטער דער פירערשאַפט פון לענינ'ען, האָט קיינמאָל ניט אונטערגעשאַצט די ראָלע פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע. פונדעסטוועגן האָט ער געזען, אַז די רעוואָלוציע איז געווען אַ רעוואָלוציע פון אַן אונטערדריקטן לאַנד, וואָס שטייט אויף קעגן דעם יאָך פון אימפּעריאַליזם, און אַז איר וויכטיקסטע טרייב־קראַפט איז געווען די מאַסע פון דער באַפעלקערונג, וואָס באַשטייט פון פּויערים.

וואָס־זשע הערט זיך אָבער מיט טראָצקי'ן? געטריי צו זיין פאַר־

זען דאָס פויערטום, האָט ער פּשוט ניט באַמערקט די מיליאָנען פאַר־אָרעמטע און אונטערדריקטע פויערים, וועלכע האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן צו בילדן לאָקאַלע קאָמיטעטן צו קעמפן קעגן די פּריצים. פאַר אים האָבן די פויערים ניט עקזיסטירט. פאַר אים האָט דעריבער די הויפּט־קראַפט פון די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן אין אָט דעם האַלב־פעאָדאַלן לאַנד ניט עקזיסטירט.

שוין אין 1928, נאָך דריי יאָר פון העלדישע פויערשע קאַמפן, האָט ער אָט־וואָס געהאַט צו זאָגן וועגן דעם פויערטום און דער רעוואָלוציע:

„לויט דער צאָל בילדעט דאָס כינעזישע פויערטום נאָך אַ ריזי־קערע מאַסע, ווי די רוסישע פויערים; אָבער, צעריבן צווישן די מיל־שטיינער פון די וועלט־ווידערשפּרוכן, פון וועמעס לייזונג אין דער אָדער יענער ריכטונג עס הענגט אָפּ זיין גורל, איז דאָס כינעזישע פויערטום נאָך ווייניקער פויאיק צו שפּילן אַ פירנדיקע ראָלע, ווי דאָס רוסישע פויערטום. דאָס איז איצט מער ניט קיין טעאָרעטישע פאָרויס־זאָגונג; דאָס איז אַ פאַקט, וואָס איז אויסגעפּרואווט געוואָרן דורך און דורך און פון אַלע זייטן.“ (לעאָן טראָצקי, „פּראָבלעמען פון דער כינעזישער רעוואָלוציע“, ענגלישע אויסגאַבע, ז. 133.)

באַמערקט דעם אויסדרוק: „מילשטיינער פון די וועלט־ווידער־שפּרוכן“. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער ווידערשפּרוך צווישן די אינ־טערעסן פון מיליאָנען פויערים און די אינטערעסן פון די פּריצים און קריגס־הערשער אין כינע געהערט ניט צו די וועלט־ווידערשפּרוכן; עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער ווידערשפּרוך צווישן די אינטערעסן פון די פויערים און די אינטערעסן פון די אימפּעריאַליסטישע אונטער־דריקער און עקספּלואַטאַטאָרס געהערט אויך ניט צו די וועלט־ווידער־שפּרוכן. עס ווייזט זך אַרויס, אַז די פויערים דאַרפן געדולדיק וואַרטן אויף עפּעס אַנדערע קרעפטן, וואָס זאָלן לייזן זייערע פּראָבלעמען.

אויך האָט טראָצקי ניט פאַרשטאַנען דעם אַנטי־אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער פון דער כינעזישער רעוואָלוציע. אויב פאַרזען דאָס פויער־טום אַלס אַ רעוואָלוציאָנעער קראַפט איז געווען אַן אַלטער שטריך זיינער, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זיין שטעלונג צו דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט ער זיך דאָ באַוויזן פון אַ נייער זייט: ער האָט פּשוט ניט איינגעזען, אַז די באַפרייאונג פונעם יאָך פון אויסלענדישע מלוכות איז אַ פראַגע פון לעבן און טויט פאַר דער ריזיקער מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין כינע. דאָס וואָס ער האָט געזען אין דער

רעוואָלוציע, איז גאָרניט געווען קיין רעוואָלוציע: ער האָט פאַר־שטאַנען די גאַנצע באַוועגונג אַלס אַ פּראָבע פון די כינעזישע פאַברי־קאַנטן צו פּטר'ן דעם אויסלענדישן קאָנטראָל איבער די גרענעץ־אָפּצאָלונגען, צו עטאַבלירן „גרענעץ־אויטאָנאָמיע".

מיט אַזאַ צוגאַנג האָט ער נאָר געקענט מאַכן נאַרישע טעות'ן, איינער לעכערלעכער פון דעם אַנדערן, און אַרויסרוקן פאָרשלאָגן, וואָס, ווען מען פירט זיי דורך, וואָלטן זיי געווען אַן אומגליק פאַר דער רעוואָלוציע.

דער קואָמינטאַנג, וואָס ווערט דערמאָנט אין די אינסטרוקציעס פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, איז ביז אינמיטן 1927 געווען אַ פּאַרטיי פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע. געבילדעט אין 1912 דורך סון יאַט סען, האָט די פּאַרטיי אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן געוואונען גרויסן איינפלוס און מאַכט. אין 1925 האָט זי גע־האַלטן אין איר מאַכט די שטאָט קאַנטאָן אין דרום און די אַרומיקע טעריטאָריע, זי האָט געהאַט אַן אייגענע אַרמיי, און איר איינפלוס איז געוואַקסן. פון אָנפאַנג אַ פּאַרטיי פון אינטעליגענטן און קליינבירגער, האָט זי באַלד צוגעצויגן אַ גרויסע צאָל פּויערים און אַרבעטער. אינ־מיטן 1926 האָבן אירע אַרמייען, געפירט פון טשיאַנג קאַי־שעק'ן, וועלכער איז דעמאָלט נאָך געווען אַ רעוואָלוציאָנער, אָנגעהויבן דעם באַרימטן מאַרש נאָך צפון (די צפון'דיקע עקספּעדיציע).

דאָס איז געווען דער גרעסטער רעוואָלוציאָנערער שטורעם־מאַרש, וואָס די וועלט האָט ווען געזען אויסער רוסלאַנד. אין אַ קורצער צייט האָבן די אַרמייען פון דער רעוואָלוציע איינגענומען די וויכטיקסטע פּראָווינצן פון כינע: הונאַן, הופּעי, קיאַנגסי, האָנאַן, קיאַנגסו, טשע־קיאַנג, און אַז. וו. דער מאַרש איז געגאַנגען פון די ווייניקער אינ־דוסטריאַליזירטע צו די העכסט אינדוסטריאַליזירטע און העכסט אַנט־וויקלטע טיילן פון כינע. אומעטום, וואו די אַרמייען זיינען אָנגעקומען, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, די אויסלענדישע הערשאַפט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, פּריווילעגיעס פון אויסלענדער זיינען פאַרקלענערט געוואָרן. דער מאַרש נאָך צפון איז באַגלייט גע־וואָרן פון אַ ריזיקן אויפשוואונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אומעטום, וואו עס איז עטאַבלירט געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, איז דער אַרבעטער־קלאַס אַרויסגעגאַנגען פון דעם אונטערגרונט, אין וועלכן די קריגס־הערשער האָבן אים פאַרטריבן, און האָט אָנגעהויבן

פונקציאָנירן אָפן. ער האָט אָרגאַניזירט יוניאָנס; ער האָט גענוצט דאָס געווער פון סטרייק צו פאַרבעסערן זיינע באַדינגונגען; ער האָט ריזיק פאַרגרעסערט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי; ער האָט אָרגאַניזירט ריזיקע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס מיט צענדליקער טויזנטער אָנטייל־נעמער. ניט נאָר דאָס: די אַרבעטער האָבן דאָ און דאָרטן זיך באַוואָפנט אין די באַפרייטע פּראָווינצן. אין דער זעלביקער צייט איז פאָרגעקומען אַ ריזיקע אַנטוויקלונג פון דער פויערים־באַוועגונג. בוכשטעבלעך מיליאָנען פויערים האָבן זיך אויפגעהויבן קעגן זייערע פּריצים, אָרגאַניזירט אָרעמשאַפט־קאָמיטעטן, זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן רענט, עטאַבלירט זייערע אייגענע לאָקאַלע רעגירונגען אין די דערפער, אָפט באַפאַלן די פּריצישע מאַאָנטקעס, אָפט איבערגענומען די ערד.

דאָס איז געווען אַ ברייטער רעוואָלוציאָנערער שטראָם, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער די גרעסטע טיילן פון כינע, וואָס האָט אַרויסגעטריבן די קריגס־הערשער און די אימפּעריאַליסטן, וואָס האָט באַפרייט די רעוואָלוציאָנערע שאַפנדיקע ענערגיע פון די אַרבעטער און פויערים.

וואָס האָט געדאַרפט זיין די באַציאונג פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון כינע צו אָט־דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע? אין 1923 האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל געראָטן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון כינע צו „שטויסן דעם קואָמינטאַנג אַף לינקס". אין נאָוועמבער 1926, אין דער רעזאָלוציע פון דעם 7טן פּלענום פונעם קאָמינטערן, האָט ער דערקלערט:

„אויב דער פּראָלעטאַריאַט וועט ניט אַרויסרוקן אַן אַגראַר־פּראָגראַם, וועט ער ניט קענען אַריינציען דאָס פויערטום אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף און ער וועט פאַרלירן די העגעמאָניע אין דער באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג."

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט נאָכאַנאַנד באַטאָנט די נויטוועגדיקייט פון אַנטוויקלען די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג קעגן די קאַפּיטאַליסטן און די אַגראַר־באַוועגונג קעגן די פּריצים. די אינסטרוקציעס פון דעם קאָמינטערן צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון כינע, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דעצעמבער 1926, זאָגן:

„די אַלגעמיינע פּאָליטיק פון צוריקטריט אין שטאָט און פון פאַרקלענערן דעם קאַמף פון די אַרבעטער פאַר דער פאַרבעסערונג פון

זייערע באַדינגונגען איז ניט ריכטיק. אין די דערפער דאַרף דער קאַמף אַנטוויקלט ווערן, אָבער אין דער זעלביקער צייט איז נויטיק אויסצונוצן דעם גינסטיקן מאָמענט צו פאַרבעסערן די מאַטעריעלע און געזעצלעכע לאַגע פון די אַרבעטער, אין דער זעלביקער צייט שטרעבנדיק צו געבן דעם קאַמף פון די אַרבעטער אַן אָרגאַניזירטן כאַראַקטער, וועלכער שליסט אויס עקסצעסן און אומפאַרזיכטיקע איבעראײַלונג. עס איז באַזונדער נויטיק צו שטרעבן, אַז דער קאַמף אין די שטעט זאָל געווענדעט ווערן קעגן די שיכטן פון דער גרויס-בורזשואַזיע, אין דער ערשטער ליניע קעגן די אימפּעריאַליסטן, כדי די כינעזישע קליין-בורזשואַזיע און די מיטעלע בורזשואַזיע זאָל אַזוי לאַנג ווי מעגלעך אײַנגעהאַלטן ווערן אין די ראַמען פון דעם פאַראייניקטן פראָנט קעגן דעם געמיינזאַמען שונא... מיר האַלטן עס פאַר נויטיק צו וואָרענען, אַז די דעקרעטן קעגן סטרייק-פרייהייט, קעגן דער פרייהייט פון אַרבעטער-מיטינגען און אַז. וו. זײַנען אַבסאָלוט אומדערלויבבאַר.״

אין אָנהויב פון 1927 האָט דער קאָמינטערן געזאָגט אין זײַנע אינסטרוקציעס:

„עס איז נויטיק צו גיין אין דער ריכטונג פון באַוואָפענען די אַרבעטער און די פויערים, פון פאַרוואַנדלען די פויערים-קאָמיטעטן אויף די ערטער אין אמת'ע אָרגאַנען פון מאַכט מיט באַוואָפנטער זעלבסט-שוץ און אַז. וו.

„עס איז נויטיק, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זאָל אומעטום דערשײַנען אַלס אַזעלכע; די פּאָליטיק פון פרייוויליקער האַלב-לעגאַליטעט איז אומדערלויבבאַר; די קאָמוניסטישע פּאַרטיי טאָר ניט דערשײַנען ווי אַ האַלמע אויף דער מאַסן-באַוועגונג; די קאָמוניסטישע פּאַרטיי טאָר ניט באַהאַלטן די פאַררעטערישע און רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון די רעכטע קואָמינטאַנגיסטן; אָבער זייער דעמאַסקירונג דאַרף מאָביליזירן די מאַסן אַרום דעם קואָמינטאַנג און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.״

דערפון איז קלאָר, אַז בשעת דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט געשטרעבט צו דערגרייכן דעם מעגלעכסט גרעסטן מאַקסימום אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע קעגן דעם וועלט־אימפּעריאַליזם, האָט ער געשטרעבט צו דערגרייכן די מעגלעכסט גרעסטע געווינסן פאַר די אַרבעטער און פויערים אין דער רעוואָלוציע און דורך דער רעוואָלוציע.

א מענטש ווי טראָצקי, ניט פאַרשטייענדיק ניט דעם אַנטי־פעאָדאַלן פויערשן, ניט דעם אַנטי־אימפּעריאַליסטישן נאַציאָנאַלן שטראָם פון דער רעוואָלוציע, איז פון אָנפאַנג אָן געווען פאַר'משפט אַרויסצורוקן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאָרשלאָגן.

ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זאָל זיך צוריקציען פון דעם קואָמינטאַנג און זאָל בילדן סאָוועטן. ער האָט געהאַלטן, אַז דער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער בלאָק פון דעם פּראָלע־טאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע אין דעם מאַרש נאָך צפון איז קעגן לענינים. ער האָט באַהויפּטעט, אַז די באַלדיקע בילדונג פון סאָוועטן איז דער איינציקער לעניניסטישער וועג. (די זעלביקע חכמה האָט ער שפּעטער ווידערהאָלט בשעת ס'איז פאָרגעקומען דער גרויסער קריג פונעם פאָלקס־פראָנט אין שפּאַניע קעגן פאַשיזם.)

„אויב מיר וואָלטן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן סאָוועטן אין די „באַ־פרייטע" געגנטן אין אָנהויב פון דער צפונ'דיקער קאַמפּאַניע (און די מאַסן האָבן אינסטינקטיוו געקעמפּט פאַר סאָוועטן), וואָלטן מיר אַריבערגעצויגן אויף אונזער זייט די אַגראַר־אויפשטאַנדן, מיר וואָלטן געבויט אונזער אייגענע אַרמיי; מיר וואָלטן אונטערגעגראָבן די געגנערישע אַרמייען און — ניט געקוקט אויף דער יונגשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון כינע — וואָלט זי געקענט, אונטער אַ ריכטיקער קאָמינטערן־פירערשאַפט, צייטיק ווערן אין אָט די יאָרן פון שטורעם און קומען צו דער מאַכט, אויב ניט אין גאַנץ כינע מיטאַמאָל, איז מינדעסטנס אין אַ באַדייטנדיקן טייל פון איר. וויכ־טיקער פון אַלץ איז דאָס, וואָס מיר וואָלטן געהאַט אַ פּאַרטיי." (לעאָן טראָצקי, „פּראָבלעמען פון דער כינעזישער רעוואָלוציע", ענגלישע אויסגאַבע, ז. 134.)

לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז סאָוועטן זיינען אָרגאַנען פון מאַכט. טראָצקי האָט זיי פאַרשטאַנען ניט ווי אָרגאַנען פון דער רעוואָלוציאָ־נערער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום. ער האָט געוואָלט אַריבערשפּרינגען די היסטאָריש־נויטווענדיקע שטופע פון דער דעמאָקראַטישער אַנטי־פעאָדאַלער און אַנטי־אימפּעריאַליסטישער רע־וואָלוציע און באַלד איבערגיין צו סאָוועטן אַלס דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

וואָס וואָלט געווען די אויפגאַבע פון אַזוינע אָרגאַנען? זיי וואָלטן געווען אַ רעגירונג געווענדעט קעגן דער רעוואָלוציאָנערער נאַציאָנאַלער רעגירונג. זיי וואָלטן אויפגעהויבן די פּויערים קעגן זיך, ווייל די פּויערים וואָלטן אין זיי געזען אַ פּראָבע צו צעברעכן דעם רעוואָלוציאָנערן קואָ־מינטאַנג, אין וועלכן זיי האָבן נאָך געגלויבט, אַ פּראָבע צו שטערן דער אַגראַר־רעוואָלוציע. זיי וואָלטן ניט געקענט בויען קיין סאָוועטישע אַרמיי, ווייל אַ ריזיקע מערהייט פון די פּויערים און אַ גרויסער טייל

פון די אַרבעטער האָבן געגלויבט אין טשיאַנג קאי שעק'ן, וועלכער איז אין יענער צייט געווען אַ רעוואָלוציאָנער. זיי וואָלטן ניט געקענט אונטערגראָבן טשיאַנג קאי שעק'ס אַרמיי, ווייל די דאָזיקע אַרמיי האָט גראָד דעמאָלט דורכגעפירט אַ זיגרייכע רעוואָלוציע. זיי וואָלטן ניט פאַרשטאַרקט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, ווייל די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וואָלט זיך איזאָלירט פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן. וואָס איז שייך דער אויסזיכט, אַז די קאָמוניסטן זאָלן קריגן די מאַכט אין אַ באַדייטנדיקן טייל פון כינע, האָבן זיי דאָס שפּעטער דערגרייכט טאַקע צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך ניט אַרויסגעוויזן אין די אויגן פון די מאַסן ווי שטערער פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע, נאָר זיי האָבן געוויזן די מאַסן דורך זייער אייגענער דערפאַרונג, אַז טשיאַנג קאי שעק איז זייער שונא.

דער לאָזונג פון סאָוועטן קלינגט רעוואָלוציאָנער, אָבער אונטער די געגעבענע באַדינגונגען, וואו עס איז אים ניט מעגלעך געווען דורכצופירן, וואָלט ער געווען אַן אַקט פון קאָנטער־רעוואָלוציע. ער וואָלט פאַרקריפּלט די רעוואָלוציע.

אונטערפירנדיק אַ סך הכל פון די דערפאַרונגען פון דער כינעזישער רעוואָלוציע אויפן זעקסטן קאָנגרעס פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט קוואיסינען, איינער פון די פירער פונעם קאָמינטערן, געזאָגט:

„וואָס איז דאָס, חברים: אולטראַ־רעוואָלוציאָנערער הויך־דרוק סוביעקטיוויזם אָדער אַ קליינבירגער וואָס האָט פאַרלאָרן דעם זינען — אָדער וואָס? איך ווייס ניט, וואָס דאָס איז סוביעקטיוו, אָבער איך ווייס אויסגעצייכנט, וואָס עס וואָלט געווען דער אָביעקטיווער זין פון אַזאַ אַקציע אין דער פּראַקטיק. אויב מען וואָלט געווען אויסגעפּרוואווט אַזאַ זאַך, וואָלט דאָס געווען די זיכערסטע מעטאָדע פון ברענגען דעם באַלדיקן צוזאַמענברוך פון דער רעוואָלוציע, אָדער מינדעסטנס פון דער . . . אַגראַר־באַוועגונג. אין דער איצטיקער שטופּע אין כינע וואָלט אַרויסרוקן אַזאַ לאָזונג געקענט האָבן נאָר דעם עפעקט פון אַ פּראָוואָקאַציע.“ (פּראָטאָקאָלן פון דעם 6טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, דייטשישע אויסגאַבע, באַנד 3, ז. 24.)

טראָצקי באַפּט זיך אָן אָן דעם פאַקט, וואָס אין מערץ 1927 האָט טשיאַנג קאי שעק פאַרראַטן די רעוואָלוציע און איז געוואָרן אַ געצייג פונעם וועלט־אימפּעריאַליזם. טראָצקי וויל דערמיט באַווייזן זיין אייגענע. האָט ער דען ניט געוואוסט פון פריער, אַז מען קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף דער בורזשואַזיע? האָט ער דען ניט פאָרגעשלאָגן קיין

סאָוועטן? ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק, אַז איין זאַך איז ווען די בורזשואַזיע פאַרראַט די רעוואָלוציע און אַן אַנדער זאַך וואָלט געווען, ווען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וואָלט געפּרוּווט ברעכן די רעוואָלוציע. ער „פאַרגעסט“, אַז דאָס וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגן, וואָלט אין דער פּראַקטיק באַדייט אַ מלחמה פון די אַרבעטער קעגן די פּויערים. ער ווידערהאָלט ביז צום נודנע ווערן, אַז די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט ניט געדאַרפט זיין „אַ צוטשעפּעניש צו אַ בורזשואַזער פאַרטיי“. ער מיסרעפּרעזענטירט דעם קאָמינטערן זאָגנדיק, אַז דער קאָמינטערן האָט כלומרשט דערקלערט, אַז „מיליאָנען אַרבעטער און פּויערים קענען אויפגעהויבן ווערן און געפירט ווערן, אויב נאָר מען פּאַכעט אַ ביסל אין דער לופטן מיט דער פאָן פון קואָמינטאַנג“. (ליעאָן טראָצקי, „די כינעזישע רעוואָלוציע און די טעזיסן פון חבר סטאַלין“, מאַי 1927.) ער „פאַרגעסט“ נאָר אָט די קלייניקייט — אַז אָט די מיליאָנען פּויערים זיינען טאַקע געווען פאַרנומען אין אַ אמתיער אַגראַר־רעוואָלוציע גלייכצייטיק מיט דעם אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאַמף אין פאַראייניקטן פאָלקס־פראָנט. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען די פאַרשיידענע שטופן פון דער רעוואָלוציע און ווי אַזוי זי גייט אַריבער פון איינער אין דער צווייטער.

האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל געוואוסט, אַז די רעוואָלוציע קען זיך ניט פאַרלאָזן זייער לאַנג אויף דער בורזשואַזיע? אַלע זיינע אינסטרוקציעס האָבן אונטערגעשטראָכן דעם פּונקט, אַז כאָטש עס איז דאָ אַ פאָלקס־פראָנט, אַ בלאָק פון די מאַסן מיט דער בורזשואַזיע, ווענדט זיך אָבער דער גורל פון דער רעוואָלוציע אין די אַרבעטער און פּויערים. דער קאָמינטערן האָט געראַטן די אַרבעטער און פּויערים זיי זאָלן זיך באַוואָפּענען, אויב נויטיק אַפילו קעגן דעם ווילן פון די פירער פון קואָמינטאַנג. ער האָט זיי געראַטן צו בילדן פּויערים־קאָמיטעטן, צו קעמפן קעגן דעם רעכטן פליגל פון דעם קואָ־מינטאַנג, צו שטויסן דעם קואָמינטאַנג אויף לינקס, צו אַרויסרוקן שאַרף די קאָמוניסטישע פאַרטיי. ער האָט געוואָרנט די קאָמוניסטן, אַז עס איז נויטיק צו אַנטוויקלען די מאַסן־באַוועגונג, וואָס נאָר זי קען ראַטעווען די רעוואָלוציע. „אויב ניט“, זאָגן די אינסטרוקציעס פונעם קאָמינטערן פון דעצעמבער 1926, „איז די רעוואָלוציע באַדראָט מיט אַ ריזיקער געפאַר.“

די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון כינע, אַ יונגע, קעמפערישע, היציקע,

אָבער אומדערפּאַרענע, איז באַגאַנגען פעלערן. געווען אייניקע קאָמו־ניסטן, וועלכע האָבן ניט פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט פון אַן אומ־אָפּהענגיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די אַרבעטער. געווען קאָמוניסטישע פירער, וועלכע האָבן געזאָגט: מיר טאָרן ניט שאַפן קיין שוועריקייטן פאַר דעם פאַראייניקטן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן פאָלקס־פראָנט דורך צופיל אַגראַר־רעוואָלוציע. געווען קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געזאָגט: מיר טאָרן ניט האָבן קיין צופיל סטרייקס, ווייל דאָס קען פאַרטרייבן די בורזשואַזיע פון דער רעוואָלוציע. געווען קאָמו־ניסטן, וועלכע האָבן צוליב דער זעלביקער סיבה ניט באַוואָפנט די אַרבעטער ווי דאָס האָט געפאָדערט די לאַגע. אַ סך אַזוינע טעות'ן זיינען געמאַכט געוואָרן. אייניקע זיינען געווען אומפאַרמיידלעך צוליב דער פאַרוויקלטקייט און נייקייט פון דער לאַגע. די פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין יענער צייט איז, אַ דאַנק היסטאָרישע באַדינגונגען, געווען קליינבירגערלעך (פון די שטעט) און אינטעלי־גענטיש. זי איז נאָך ניט געווען פאַרהאַרטעוועט אין קאַמף. זי האָט זיך נאָך ניט געהאַט דורכגעדרונגען אין אַ גענוגנדיקער מאָס מיט די לענינסטישע פּרינציפּן פון קאָמוניסטישער דיסציפּלין. אָבער דאָס באַ־ווייזט בשום אופן ניט, אַז די ליניע פונעם קאָמינטערן אָדער פון סטאַלינ'ען איז געווען אומריכטיק.

אויפן 6טן קאָנגרעס פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל זיינען די טעות'ן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי כאַראַקטעריזירט געוואָרן אויף דעם פאָלגנדיקן אופן:

„די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון כינע האָט געליטן אַ רייו גרויסע נידערלאַגן, וועלכע זיינען פאַרבונדן אין דער פאַרגאַנגענהייט מיט אַ רייו שווערע אָפּאָרטוניסטישע טעות'ן: די אָפּוועזנקייט פון אומ־אָפּהענגיקייט און פרייהייט פון קריטיק אין באַצוג צום קואָמינטאַנג; דער מאַנגל אין פאַרשטיין דעם איבערגאַנג פון איין שטופע פון דער רעוואָלוציע צו אַן אַנדערער און פון דער נויטווענדיקייט צוצוגרייטן זיך אין צייט פאַר ווידערשטאַנד; ענדלעך, דאָס שטערן די אַגראַר־רעוואָלוציע.” (פּראָטאָקאָלן פון דעם 6טן קאָנגרעס, דייטשישע אויס־גאַבע, באַנד 4, ז. 40.)

די ליניע פונעם קאָמינטערן איז געווען אין הסכם מיט דער לערע פון לענינ'ען און מיט די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע.

אָט וואָס לענין האָט געזאָגט וועגן שטיצן די נאַציאָנאַלע בורזשו־אַזיע אין אַ רעוואָלוציע:

„דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף גיין האַנט אין האַנט אין אַ צייטווייליקן בונד מיט דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע פון די קאָלאָניעס און אָפּגעשטאַנענע לענדער, אָבער זיך ניט צונויפּגיסן מיט איר און אונטער אַלע אומשטענדן אָנהאַלטן די אומאָפּהענגיקייט פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אַפילו אין איר אייננאַכסטער פאָרמע.” (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 25, ז. 290.)

„מיר אַלס קאָמוניסטן וועלן אונטערשטיצן די בורזשואַזבאַפרייערישע באַוועגונג אין די קאָלאָניאַלע לענדער נאָר אין אַזעלכע פאַלן, ווען די דאָזיקע באַוועגונגען זיינען ווירקלעך רעוואָלוציאָנער, ווען זייערע פאַרטרעטער וועלן אונז ניט שטערן אין דערציען און אָרגאַניזירן דאָס פויערטום און די ברייטע עקספּלואַטירטע מאַסן אין דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט.” (דאָרטן, ז. 353.)

די קואָמינטאַנג־באַוועגונג פון 1926 און ביז מערץ 1927 איז געווען ווירקלעך רעוואָלוציאָנער און אירע פאַרטרעטער האָבן ניט נאָר ניט געשטערט די קאָמוניסטן אין דערציען און אָרגאַניזירן די מאַסן פויערים און אַרבעטער אין דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט, נאָר זיי האָבן אַליין געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי אָנערקענען דעם קאָמוניזם. אַזוי האָט באַם 7טן פּלענום פונעם קאָמינטערן (נאָוועמבער 1926) אַ פאַרטרעטער פון טשיאַנק קאַי שעק׳ן דערקלערט: „דער קואָמינטאַנג שטרעבט, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן ניט אַ בורזשואַזע באַהערשונג נאָך דער נאַציאָנאַליסטישער רעוואָלוציע אין כינע, ווי דאָס האָט געטראָפן אין מערב און ווי מיר זעען דאָס איצט אין אַלע לענדער אַחוץ דעם פ.ס.ס.ר. . . . מיר זיינען אַלע איבערציינגט, אַז אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און דעם קאָמינטערן וועט דער קואָמינטאַנג דערפילן זיין היסטאָרישע אויפגאַבע.” (פּראָטאָקאָלן פון דעם 7טן פּלענום, דייטשישע אויסגאַבע, ז. 404.)

טשיאַנג קאַי שעק האָט פאַרראַטן. ווען די אימפּעריאַליסטן האָבן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן נאַנקין אין מערץ 1927, האָט טשיאַנג קאַי שעק זיך מיט זיי פאַראייניקט קעגן דער רעוואָלוציע. פאַרוואָס? ווייל די בורזשואַזיע האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם געשפענסט פון מאַכט אין די הענט פון פויערים און אַרבעטער. שטייענדיק פאַר דער אַלטערנאַטיווע פון אָדער לוידן פון די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן, אָדער צוריקגעשטויסן ווערן דורך דער שטייגנדיקער כוואַליע פון אַרבעטער־ און פויערים־רעוואָלטן, האָט די בורזשואַזיע אויסגעקליבן דאָס ערשטע.

טשיאַנג קאַי שעק האָט דערפֿילט דעם אויפֿטראָג פֿון זיינע באַלעבאַטים. ער האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פֿון דעם קואָמינטאַנג.

דערמיט הויבט זיך אָן די צווייטע שטופֿע פֿון דער רעוואָלוציע, די וואוהאַן־שטופֿע. „די נאַציאָנאַלע בורזשואַזיע האָט זיך דערווייטערט פֿון דער רעוואָלוציע, בשעת די אַגראַר־באַוועגונג איז זיך צעוואַקסן אין אַ מעכטיקער רעוואָלוציע פֿון צענדליקער מיליאָנען פּויערטום" (סטאַלין). דער לינקער פֿליגל פֿון דעם קואָמינטאַנג האָט געבילדעט די וואוהאַן־רעגירונג. די קאָמוניסטן האָבן זיך אין איר באַטייליקט. טראָצקי, וועלכער פֿאַרשטייט קיינמאָל ניט דעם איבערגאַנג פֿון דער רעוואָלוציע פֿון איין שטופֿע צו דער צווייטער, מאַכט איצט אַן אומדרייי און „ראָט" די קאָמוניסטן צו באַטייליקן זיך אין דעם קואָמינטאַנג. „מיר זיינען דערפֿאַר, אַז די קאָמוניסטן זאָלן אַרבעטן אין דעם קואָמינטאַנג און זאָלן געדולדיק אַריבערציען די אַרבעטער און פּויערים אויף זייער זייט", דערקלערט ער אין זיין שריפֿט „די כינעזישע רעוואָלוציע און די טעזיסן פֿון חבר סטאַלין" (מאַי 1927). פֿאַרוואָס עפּעס איצט? די וואוהאַן־קרעפֿטן זיינען ניט געווען פּרינציפּיעל אַנדערש פֿון די טשיאַנג קאַי שעק־קרעפֿטן פֿאַר מערץ 1927. דאָ האָבן מיר איינעם פֿון די קאָזשיעלקעס, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר טראָצקי'ן.

וואָס איז געווען דער וואוהאַן־פּעריאָד? מיט אומפֿאַרגלייכלעכער קלאָרקייט האָט סטאַלין דאָס דערקלערט אין אַ רעדע פֿאַר דער פּלענאַרער זיצונג פֿון דעם צענטראַל־קאָמיטעט און דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿונעם פּ.ס.ס.ר. דעם ערשטן אויגוסט 1927:

„אויב די ערשטע שטופֿע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דעם פֿאַקט, וואָס די שאַרף פֿון דער רעוואָלוציע איז געווען געווענדעט הויפּט־זאַכלעך קעגן אויסלענדישן אימפּעריאַליזם, איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון דעם צווייטן פּעריאָד דער פֿאַקט, וואָס די רעוואָלוציע ווענדט איר שאַרף הויפּטזאַכלעך קעגן די איבעווייניקסטע שונאים, אין דער ערשטער ליניע קעגן די פֿעאָדאַלן, קעגן דעם פֿעאָדאַלן רעזשים. האָט די ערשטע שטופֿע געלייזט די פּראָבלעם פֿון אומוואַרפֿן דעם אויסלענדישן אימפּעריאַליזם? ניין, זי האָט זי ניט געלייזט. זי האָט איבערגעגעבן די לייזונג פֿון אָט דער אויפֿגאַבע, ווי אַ ירושה, דער צווייטער שטופֿע פֿון דער כינעזישער רעוואָלוציע. זי האָט נאָר געגעבן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן דעם ערשטן אימפּעט קעגן אימפּעריאַליזם, כדי צו פֿאַרענדיקן איר לויף, כדי איבערצוגעבן די זאַך צו דער צוקונפֿט. מיר מעגן אָננעמען, אַז די צווייטע שטופֿע פֿון דער

רעוואָלוציע וועט אויך איינגאַנצן ניט לייזן די אויפגאַבע פון אַרויס-
טרייבן די אימפּעריאַליסטן. זי וועט געבן די ברייטע מאַסן פון כינעזישע אַרבעטער און פּויערים אַ ווייטערדיקן אימפּעט קעגן אימ-
פּעריאַליזם, אָבער זי וועט פון איר זייט איבערגעבן די פאַרענדיקונג פון דער דאָזיקער זאַך דער פאָלגנדיקער שטופּע פון דער כינעזישער רעוואָלוציע, דער סאָוועטישער שטופּע." (י. סטאַלין, „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַל-קאָלאָניאַלע פראַגע", רוסישע אויסגאַבע, זז. 183-128.)

סטאַלין דער לעניניסט האָט פאַרשטאַנען און דערקלערט דאָס, וואָס פאַר טראָצקי'ן איז עס אומבאַגרייפלעך: דעם איבערגאַנג פון איין שטופּע פון דער רעוואָלוציע צו דער צווייטער. סטאַלין האָט פאָראויסגעזען, אַז די נעקסטע שטופּע פון דער רעוואָלוציע וועט זיין די סאָוועטישע שטופּע. ער האָט געוואוסט, אַז דער בלאָק מיט דער בורזשואַזיע אין דער וואוהאַן-רעגירונג וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן. פונ-
דעסטוועגן האָט ער ניט געקענט ראַטן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צו פּרואוון שטעלן זיך קעגן דעם וואוהאַן-רעזשים. דאָס וואָלט געשאַדט דער רעוואָלוציע, קעגן וועלכער עס זיינען איצט געשטאַנען ניט נאָר די קריגס-הערשער און אימפּעריאַליסטן, נאָר אויך אַ גרויסער טייל פון דער בורזשואַזיע מיט טשיאַנג קאַי שעק'ן אין דעם שפּיץ — דער אַזוי-גערופענער נאַנקין-רעזשים.

פאַרוואָס איז נויטיק געווען פאַר די קאָמוניסטן צו בלייבן אין דער וואוהאַן-רעגירונג? זייער אויפגאַבע, לויט סטאַלינ'ען, איז געווען:

„אויסנוצן אין אַ פולער מאָס די מעגלעכקייט פון אָרגאַניזירן אָפן די פּאַרטיי, דעם פּראָלעטאַריאַט (יוניאָנס), דאָס פּויערטום (פּויערים-פאַראיינען), די רעוואָלוציע בכלל. צו שטויסן די וואוהאַן-קואָמינטאַנגיסטן אַף לינקס, אין דער ריכטונג פון דער אַגראַר-רעוואָ-
לוציע. צו פאַרוואַנדלען דעם וואוהאַן-קואָמינטאַנג אין אַ צענטער פון קאַמף קעגן דער קאָנטר-רעוואָלוציע און אין אַ קערנדל פון דער צוקונפטיקער רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום." (דאָרטן, ז. 183.)

אַף דער פאָדערונג פון די טראָצקיסטן וועגן בילדן סאָוועטן שוין איצט, האָט סטאַלין דערקלערט, אַז דאָס וואָלט געווע „אַוואַנטוריזם", אַן „אַוואַנטוריסטיש אַריבערשפּרינגען פון שטופן", ווייל דאָס וואָלט געהייסן אַריבערשפּרינגען איבער דער לינקער קואָמינטאַנג-שטופּע פון אַנטוויקלונג. „דער קואָמינטאַנג אין וואוהאַן האָט זיך נאָך ניט דיס-
קרעדיטירט און זיך ניט אויפגעדעקט פאַר די אויגן פון די ברייטע

מאסן פון ארבעטער און פויערים; ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעשעפּט ווי א בורזשואזיש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציע."

רעוואָלוציעס באַוועגן זיך שנעל. נאָך דער צווייטער שטופּע איז געקומען די דריטע — באַם סוף פון 1927. אין יענער צייט איז די בורזשואזיע שוין געווען פולשטענדיק דיסקרעדיטירט אין די אויגן פון די ארבעטער און פויערים. גרויסע טיילן פון דער טעריטאָריע, וואָס דער מאַרש נאָך צפון האָט געהאַט איינגענומען, זיינען איצט געווען אין די הענט פון דעם נאַנקין־רעזשים, וועלכער האָט צוגעצויגן אַף זיין זייט אויך די בורזשואזיע פון דעם וואוהאַן־רעזשים. אין דעם שפּיץ פון דער אַרבעטער־ און פויערים־באַוועגונג איז איצט געשטאַנען נאָר די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. קלאַסן־דיפערענציאציעס האָבן געטאָן זייער ארבעט. די בורזשואזיע איז אוועקגעלאָפן צו די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן צו זוכן באַ זיי זיכערהייט, הגם פאַר זייער א הויכן פּרייז, קעגן דער רויטער כוואַליע פון דער אגראַר־ און אַרבעטער־רעוואָלוציע. די נעקסטע שטופּע פון דער רעוואָלוציע האָבן געמוזט זיין — אומפאַרמיידלעך — סאָוועטן. די בורזשואזיש־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע איז איבערגעגאַנגען אַף דער שטופּע פון דער רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט מיט דעם פויערטום.

דער ערשטער סאָוועט איז אָרגאניזירט געוואָרן אין קאַנטאָן נאָך דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד פון דעם 11טן דעצעמבער, 1927. די קאַנטאָנער קאָמונע האָט געדויערט נאָר דריי טעג. זי איז דערטרונקען געוואָרן אין דעם בלוט פון די העלדישע קעמפער דורך די פאַראייניקטע קרעפטן פון דער כינעזישער בורזשואזיע, פּריצים און אינטערנאַציאָנאַלע אימפּעריאַליסטן. אָבער דאָס איז ניט געווען דער סוף פון דער רעוואָלוציע. עס איז נאָר געווען איינער פון איר צייטווייליקע נידערלאַגן. אמת, אין דער נאַנקין־טעריטאָריע האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געמוזט ווערן אומלעגאַל. גרויסע מאַסן אַרבעטער און פויערים זיינען היינגעריכטעט געוואָרן דורך טשיאַנג קאַי שעק'ן. אָבער די רעוואָלוציע האָט מאַרשירט פאָרויס. איידער נאָך די קאַנטאָנער קאָמונע איז באַזיגט געוואָרן, האָבן כינעזישע קאָמוניסטן אונטער דער פירערשאַפט פון די גענעראַלן יעה טין, האָ לונג און טשו טעה דורכגעפירט א דער־פאָלגרייכן רעוואָלט צווישן די בעסטע אַרמיי־קאָרפּוסן פון דעם קואָמינטאַנג אין נאַנטשאַנג, קיאַנגסי. זיי איז געלונגען אריבער־

צוגעווינען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַ באַוואָפנטע קראַפט פון אַן ערך 15 טויזנט מאַן, וועלכע האָט געדינט ווי אַ קערן פון דער קומענדיקער רויטער אַרמיי. אַף אַ שטיקל צייט האָבן זיך די רויטע אַרמייען צוריקגעצויגן אין בערג־געגנטן, אָבער שוין אין פעברואַר 1928 האָבן מיר אַ סאָוועטישן רעזשים, וואָס איז איינגעשטעלט גע־וואָרן אין יונג טין, פּראָווינץ פוקיען. אין מאַי קומט פאָר אַ קאָנגרעס פון אַרבעטער, פּויערים און רויט־אַרמייער אין מזרח קיאַנגסי. אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער איז אַ סאָוועטן־רעזשים שוין עטאַבלירט אין וואונאַן, פּראָווינץ קיאַנגסי. פון דעמאָלט אָן האָבן די כינעזישע סאָוועטן שוין עקזיסטירט נאָכאַנאַנד.

מען קען גאָרניט איבערשאַצן די וויכטיקייט פון אָט דער אַנט־וויקלונג לגבי די קאָלאָסאַל שווערקייטן. די סאָוועטן זיינען געווען און זיינען איצט אויך ביז אַ גרויסער מאָס אָפּגעשניטן פון די גרויסע צענטערן מיט מאַסן פון מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט. זיי האָבן געליטן פון אינטערווענציע און בלאָקאַדע. צאָלרייכע קאַמפּאַניעס זיינען אָר־גאַניזירט געוואָרן קעגן זיי, ניט נאָר מיליטערישע, נאָר אויך פּראָפּאַ־גאַנדיסטישע. די סאָוועטישע טעריטאָריעס האָבן געדאַרפט שאַפן זייער אייגענע רויטע אַרמיי און זיך באַוואָפענען אין אַ לאַנד, וואָס איז ניט הויך אינדוסטריאַליזירט. זייערע וואָפן זיינען מערסטנס צוגענומען געוואָרן בא טשיאַנג קאַי שעק׳ס אַרמייען אין זיגרייכע שלאַכטן. און דאָך — וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער דערפאָלג!

וואָס איז געווען די קאַנטאָנער קאָמונע? דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט אין די טעזיסן פונעם 6טן קאָנגרעס (1928) געזאָגט:

> „דער קאַנטאָנער אויפשטאַנד, זייענדיק די העראָאישע אַריער־גאַרד־שלאַכט פון דעם כינעזישן פּראָלעטאַריאַט אין דעם פאַרגאַנגענעם פּעריאָד פון דער כינעזישער רעוואָלוציע, בלייבט, ניט געקוקט אַף די גראָבע פעלערן פון דער פירערשאַפט, די פאָן פון דער נייער סאָוועט־פאַזע פון דער רעוואָלוציע.“

אומגעפער אין דער זעלביקער צייט, ווען דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויסגעאַרבעט אָט דעם טעזיס, אַז דער קאַנ־טאָנער סאָוועט האָט געבילדעט די פאָן פון דער נייער פאַזע פון דער רעוואָלוציע, האָט טראָצקי דערקלערט:

„דער (קאַנטאָנער) סאָוועט, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אַף גיך, כדי נאָר אָפּצוהיטן די רעליגיעזע צערעמאָניע, איז געווען נאָר אַ קאַמופלאַזש פאַר אַן אַוואַנטוריסטישן פּוטש. דעריבער האָבן מיר אויסגעפונען, שוין נאָכדעם ווען אַלעס איז אַריבער, אַז דער קאַנטאָנער סאָוועט איז געווען ניט מער און ניט ווייניקער ווי איינער פון די אַלטע כינעזישע וואונדער-שלאַנגען — ער איז פּשוט געווען געצייכנט אַף פּאַפּיר.” (לעאָן טראָצקי, „דער קאַנטאָנער אויפשטאַנד”, געשריבן אין יולי 1928 ; איינגעשלאָסן אין דעם באַנד „פּראָבלעמען פון דער כינעזישער רעוואָלוציע”, ז. 157.)

סטאַלין, דאַרפט איר וויסן, האָט פּשוט אינסצענירט „אַ רעליגיעזע צערעמאָניע” צו באַווייזן, אַז ער איז אַ גוטער רעוואָלוציאָנער. ער האָט געמאַכט אַ פּוטש צו ווייזן, אַז ער איז ניט ערגער פון טראָצקי'ן! אָבער טראָצקי'ן נאַרט מען ניט. „מיר זיינען געווען פאַר דער שאַפונג פון סאָוועטן אין כינע אין 1926. מיר זיינען געווען קעגן קאַרנאַוואַל-סאָוועטן אין קאַנטאָן אין דעצעמבער 1927” (דאָרטן). ער איז געווען פאַר אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע אין 1926 אין פ.ס.ס.ר. ער האָט געזען קאַמופלאַזש-אינדוסטריאַליזאַציע און „קאַרנאַוואַל-קאָלעקטיוויזאַציע” אין 1936. „עס זיינען דאָ ניטאָ קיין ווידער-שפּרוכן,” זאָגט ער. ניין, עס זיינען ניטאָ קיין ווידערשפּרוכן. טראָצקי'ס פּאָליטיק איז שטענדיק קאָנטער-רעוואָלוציאָנער: אָדער ער פּרייִדיקט שפּאַלטן די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן, אָדער ער מאָלט אַ גרויסע רע-וואָלוציאָנערע שלאַכט ווי אַ „קאַרנאַוואַל”. דער קאַנטאָנער „קאַרנאַ-וואַל-סאָוועט”, זאָל מען געדענקען, איז געווען איינער פון די העלדיש-סטע אויפשטאַנדן פון די אַרבעטער און פּויערים. העכער 7,000 קעמפער זיינען דערשאָסן געוואָרן אין קאַנטאָן אַליין נאָכדעם ווי דער אויפשטאַנד איז געבראָכן געוואָרן.

אין די יאָרן נאָך 1927 זאָגט זיך טראָצקי אָפּ צו אָנערקענען די אויסשפּרייטונג פון דער רעוואָלוציע אין כינע און די עטאַבלירונג פון סאָוועטן. דאָס וואָס אין אמת'ן איז עס דער איבערגאַנג צו אַ העכערער שטופּע פון דער רעוואָלוציע, איז פאַר אים דער סוף פון אַלצדינג — פינצטערניש און נידערלאַגע. דער ווילן איז דער פאָטער פון עם געדאַנק. זיין בייזוויליקייט גרענעצט זיך דאָ מיטן גראָטעסק. „האָ לונג און יעה טין, אפילו ווען מען לאָזט אָן אַ זייט זייער אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק, האָבן ניט געקענט זיין אַנדערש ווי אַן איזאָלירטע אַוואַנטורע, אַ פּסעוודאָ-קאָמוניסטישע מאַכנאָ-טאַט (מאַכנאָ איז געווען האַלב

באַנדיט, האַלב רעוואָלוציאָנער אין דעם בירגער־קריג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד) ; עס האָט געמוזט זיך אָנשטויסן אָן דער אייגענער איזאָ־לירטקייט, און עס האָט זיך אָנגעשטויסן." („פּראָבלעמען פון דער כינעזישער רעוואָלוציע", זז. 149-50.) אָט אַזוי האָט ער באַגריסט די בילדונג פון דעם קערן פון דער צוקונפטיקער רויטער אַרמיי. דעם באַריכט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון כינע צום 6טן קאָנגרעס (זומער 1928) וועגן דעם וואוקס פון דער צאָל מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, אַ באַריכט, וואָס האָט געוויזן, אַז די רעוואָלוציע איז ניט באַ־זיגט, האָט טראָצקי באַגריסט ווי אַ „ווילדע אינפאָרמאַציע", וועלכע פאַרדינט „אַנטריסטעטע אָפּלייקענונג" (דאָרטן, ז. 160). ער האָט ניט געקענט אָפּלייקענען די ציפערן, האָט ער כאָטש געפונען אַן אַנדער חסרון : די מערהייט פון די נייע פּאַרטיי־מיטגלידער, האָט ער געזאָגט, זיינען פּויערים, און דעריבער איז שוין די לאַגע פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי אַזוינע, אַז „זי הערט אויף צו זיין אין הסכם מיט איר היסטאָרישער באַשטימונג" (דאָרטן. ז. 161), ד. ה., אין הסכם מיט טראָצקי'ס באַהויפּטונג, אַז די פּויערים קענען ניט שפּילן קיין רעוואָ־לוציאָנערע ראָלע. די רעוואָלוציע, זאָגט ער, איז פאַרלאָרן. די רעוואָ־לוציע איז אין דער איצטיקער צייט אָפּגעלייגט אַף דער אומבאַשטימטער צוקונפט. און ניט נאָר דאָס, נאָר „די קאָנסעקווענצן פון דער נידער־לאַגע פון דער רעוואָלוציע זיינען נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעשעפּט" (דאָרט, ז. 177, אָקטאָבער 1928).

די בילדונג פון סאָוועטן אין 1929 האָט טראָצקי באַגריסט ווי אַ שפּאַס. „אפשר האָבן די כינעזישע קאָמוניסטן זיך אויפגעהויבן אין אַ רעוואָלט דערפאַר, וואָס זיי האָבן דערהאַלט די לעצטע אויס־טייטשונגען פון מאַלאָטאָוו'ן וועגן דער רעזאָלוציע איבערן „דריטן פּעריאָד"... שטאַמט אָט דער רעוואָלט פון דער לאַגע אין כינע אָדער גיכער פון די אינסטרוקציעס וועגן דעם „דריטן פּעריאָד" ?" (דאָרטן, ז. 233, נאָוועמבער 1929.)

אין דער צייט, ווען די אַרבעטער און פּויערים פון כינע אונטער קאָמוניסטישער פירערשאַפט האָבן העלדיש געקעמפט און מקריב געווען זייערע לעבנס אַף די שלאַכטפעלדער, עטאַבלירנדיק סאָוועטישע הער־שאַפט, האָט טראָצקי, אין זיין רואיקער היים אין אַלמאַ אַטאַ, געגעבן פריוהייט זיין גיפטיקן האַס קעגן סטאַלינ'ען און קעגן די קאָמוניסטן. אַ, ער האָט ענדלעך אַנטדעקט דעם סוד פון האַ לונג און יעה טין און

פון דעם קאַנטאָנער אויפשטאַנד פון 1927. ער האָט אויך אַנטדעקט די שרעקלעכע באַדייטונג פון דער בילדונג סון סאָוועטן אין 1929. „די אוואַנטוריסטישע קאַמפּאַניעס פון האַ לונג און יעה טין אין 1927 און דער קאַנטאָנער אויפשטאַנד (זיינען געווען) פּונקט אויסגערעכנט פאַר דעם מאָמענט, ווען די אָפּאָזיציע איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי" (דאָרטן, זז. 233-234). — זיי זיינען, הייסט עס, געווען אָרגאַניזירט, כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבעטער; פאַר זיך אַליין זיינען זיי געווען — גאָרניט. וואָס איז שייך די בילדונג פון סאָוועטן אין געוויסע טעריטאָריעס פון כינע אין 1929 — איז אָט איז דער סוד: טראָצקי דעקט אים אויף און איז, פאַרשטייט זיך, העכסט „אַלאַרמירט".

„האָבן די כינעזישע קאָמוניסטן זיך דערהויבן אין אַ רעוואָלט, ווייל טשיאַנג קאַי שעק האָט פאַרכאַפּט די כינעזיש-מזרח'דיקע אייזנבאַן? איז דער צוועק פון דעם אויפשטאַנד, וועלכער איז אינגאַנצן פּאַרטיזאַניש לויט זיין כאַראַקטער, — צו שאַפן טשיאַנג קאַי שעק'ן אומבאַקוועמלעכקייטן הינטער זיין אַרמיי? אויב דאָס איז אַזוי, פרעגן מיר: ווער האָט געגעבן אַזאַ ראַט די כינעזישע קאָמוניסטן? ווער טראָגט די פּאָליטישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייער איבערגיין צו גאָרילאַ-מלחמה?" (דאָרטן, ז. 235).

באַמערקט די דאָפּלטע בייזוויליקייט: דאָס פאַרזען איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע און די גרינגשעציקע באַציאונג צו דער זיכערקייט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. טראָצקי איז קעגן דעם, אַז די אַרבעטער און פּויערים פון כינע זאָלן פאַרטיידיקן די זיכערקייט פון די סאָוועטישע גרענעצן (ער וואָלט אפשר געווען צופרידן, ווען טשיאַנג קאַי שעק'ס קרעפטן וואָלטן דערלאַנגט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ קלאַפּ). ער דערקלערט:

„דער פּראָלעטאַריאַט פונעם פ.ס.ס.ר., וועלכער האָט די מאַכט און די אַרמיי אין זיינע הענט, קען ניט פאַרלאַנגען פון דעם אַוואַנגאַרד פון דעם כינעזישן פּראָלעטאַריאַט, אַז ער זאָל מיטאַמאָל אָנהויבן אַ מלחמה קעגן טשינג קאַי שעק'ן, דאָס הייסט, אַז ער זאָל אָנווענדן די מיטלען, וועלכע די סאָוועטן-רעגירונג געפינט ניט פאַר נויטיק, און מיט רעכט, אָנצואווענדן." (דאָרטן, ז. 234).

דאָס דערציילט מער ווי די גאַנצע בענד וועגן טראָצקי'ס שטעלונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. מען דאַרף געדענקען, אַז די אַטאַקע פון די

אימפּעריאַליסטן אַף דער כינעזיש־מזרח'דיקער אייזנבאַן איז אָפּגע־שטעלט געוואָרן דורך אַ שנעלער און אַנטשיידנדיקער אַקציע פון דער רויטער אַרמיי פון דעם פ.ס.ס.ר., — דער אַרמיי פון אַרבעטער און פּויערים.

ווי שטענדיק, פאַרנעמט זיך טראָצקי מיט פּראָוויזאָגונגען, און זיינע פּראָוויזאָגונגען זיינען נאַריש. אַזוי זעט ער צום סוף פון 1929 „די פּערספּעקטיווע פון אַ מורא'דיקן צוזאַמענברוך און פון אַן אַוואַנ־טוריסטישער דעגענעראַציע פון די רעשטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי". אַז פּונקט דער היפּוך האָט פּאַסירט, איז ניט טראָצקי'ס שולד.

:: :: ::

די סאָוועטישע טעריטאָריעס, די סאָוועטישע רעגירונג, די רויטע אַרמיי, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון כינע זיינען געווען און זיינען געבליבן די פירנדיקע קראַפט אין דעם גרויסן לאַנד — די קראַפט, וואָס האָט געוועקט ברייטע מאַסן פּויערים, אַרבעטער און אַנדערע האַרע־פּאַשניקעס צום קאַמף קעגן זייערע עקספּלואַטאַרס, אין דער ערשטער ליניע קעגן דעם צוויי־בונד פון כינעזישע פעאָדאַלן און אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן.

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, דער עיקר נאָכדעם ווי יאַפּאַן האָט זיך אַריינגעריסן אין מאַנדזשוריע אין סעפּטעמבער פון 1931, איז געוואָרן אַלץ קלאָרער, אַז די יאַפּאַנעזישע אימפּעריאַליסטישע מאַכט איז די גרעסטע געפאַר פאַר דער ברייטער האַרעפּאַשנער באַפעלקערונג פון כינע. די אַנדערע גרויסע אימפּעריאַליסטישע מלוכות זיינען גרייט געווען דערווייל צו לאָזן יאַפּאַן פאַרטיידיקן די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דעם אימפּעריאַליזם, צו זיין, אַזוי צו זאָגן, דער פאָנען־טרעגער און דער אַוואַנגאַרד פונעם אימפּעריאַליזם אינעם וייטן מזרח. דער צוועק איז געווען — אַנטוויקלען אַ מאַכט, וואָס זאָל קענען באַפאַלן דעם פ.ס.ס.ר. אין ווייטן מזרח, וואָס זאָל קענען דערלאַנגען אַ קלאַפּ דעם פ.ס.ס.ר. אַפן פּאַסיפישן אָקעאַן און אין מזרח־אַזיע בכלל. פאַר אָט דער אַרבעט, וואָס איז נויטיק פאַרן אימפּעריאַליזם פון דער גאַנצער וועלט, איז דער לעצטער גרייט געווען צו צאָלן יאַפּאַן דעם פּרייז פון דערלויבן איר באַהערשן כינע. די סטימסאָן־דעקלאַראַציע פון אָנהויב 1932, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן ניט געבן זייער הסכמה אַף טעריטאָריעלע ענדערונגען אין ווייטן מזרח, וואָס זיינען געמאַכט גע־וואָרן דורך באַוואָפנטער קראַפט, איז געבליבן אַף פּאַפּיר. יאַפּאַן האָט

פאַקטיש באַקומען אַ פּרייע האַנט. זי האָט אָרגאַניזירט די „מלוכה" פון מאַנטשוקואָ, וועלכע איז ניט מער ווי אַ קאָלאָניע פון יאַפּאַן. זי האָט איינגענומען די כינעזישע פּראָווינצן יעהאָל, טשאַהאַר און האָפּעי. זי האָט אויסגעשפּרייט איר הערשאַפט איבער אַנדערע טיילן פון כינע. טשיאַנג קאַי־שעק האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ געהאָרכזאַמען דינער פון דעם יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם. די נאַנקין־רעגירונג און טשיאַנג קאַי־שעק האָבן דורכגעפירט אַלצדינג, וואָס די יאַפּאַנעזישע אימפּעריאַליסטן האָבן פאַרלאַנגט. עס האָט אויסגעזען, אַז עס איז נישטאָ קיין גרענעץ צו די מעגלעכקייטן פון יאַפּאַנעזישער דעראָבערונג. עס איז אָבער געווען איין קראַפט, וואָס האָט אָרגאַניזירט און געוועקט און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד: דאָס זיינען די כינעזישע סאָוועטן און די כינעזישע רויטע אַרמיי אונטער דער פירערשאַפט פון דער כינעזישער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

די טעריטאָריעס פון די כינעזישע סאָוועטן זיינען ניט אַזוינע פעסט־באַשטימטע, ווי די טעריטאָריעס פונעם פ.ס.ס.ר. זיי בייטן זיך אָפט מיטן איבערגאַנג פון דער רויטער אַרמיי פון איין געגנט אין דער צווייטער. פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן די רויטע אַרמיי און די סאָוועטישע געגנטן זיך קאָנצענטרירט נעענטער צו די גרענעצן פון מאָנגאָליע און צו די פּראָווינצן, וואָס זיינען פאַרנומען געוואָרן דורך די יאַפּאַנעזער. זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ דירעקטער אויפגאַבע — ניט דערלאָזן די יאַפּאַנעזישע באַוואָפנטע קרעפטן אַריינדרינגען טיפער אין כינע. די אַרמיי פון גענעראַל טשאַנג הסיו־ליאַנג, וועלכע איז אַרויסגענומען געוואָרן פון מאַנדזשוריע אין 1931, ווען די יאַפּאַנעזער האָבן פאַרכאַפּט יענע טעריטאָריע, און וועלכע איז שפּעטער, אין 1935, אַרויסגעפירט געוואָרן פון דער פּראָווינץ האָפּעי, ווידעראַמאָל אונטערן דרוק פון די יאַפּאַנעזישע פאָדערונגען — אָט די אַרמיי איז געשיקט געוואָרן קיין שענסי צו קעמפן קעגן דער כינעזישער רויטער אַרמיי. און דאָ איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען פון די געשעענישן אין כינע. טשאַנג הסיו־ליאַנג׳ס אַרמיי, אַנשטאָט צו קעמפן קעגן דער רויטער אַרמיי, האָט זיך פאַרברידערט מיט איר און איז געוואָרן רעוואָלוציאָנער געשטימט. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די פּשוט׳ע סאָלדאַטן און נידעריקערע קאָמאַנדירן, און עס איז דערגאַנגען ביז די העכערע קאָמאַנדירן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פאַראייניקטן פראָנט צום קאַמף קעגן די אימפּעריאַליסטן.

אַן אַנדער געשעעניש האָט איך אָנגעוויזן וואוהין די ווינטן בלאָזן אין כינע צום סוף פון 1936. אַרום אָקטאָבער און נאָוועמבער איז דער דרוק פון די יאַפּאַנעזישע אימפּעריאַליסטן אויף כינע געוואָרן נאָך שטאַרקער. די יאַפּאַנעזישע אימפּעריאַליסטן האָבן געשיקט אַן אַרמיי אין דער פּראָווינץ סויויאַן. די צענטראַלע נאַנקין־רעגירונג האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין ווידערשטאַנד. אָבער די פּראָווינציעלע אַרמיי פון סויויאַן, אונטער דער פירערשאַפט פון פו טזאָ־אי, האָט זיך געשטעלט קעגן די איינדרינגלער. עס האָט זיך אַנטוויקלט, אין נאָוועמבער און דעצעמבער, אַ שאַרפער ווידערשטאַנד, וואָס האָט צוריקגעוואָרפן די אינטערווענציע־אַרמיי צוריק צו די גרענעצן פון טשאַהאַר. די סויויאַן־אַרמיי האָט פאַרנומען די סטראַטעגישע שטאָט פּיילינגמיאַאָ.

עס איז געוואָרן קלאָר, אַז אונטער דער פירערשאַפט פון דער רויטער אַרמיי און די סאָוועטן וואַקסט אַ פאַראייניקטער פאָלקס־פראָנט קעגן יאַפּאַנעזישער אַריינדרינגונג אין כינע.

דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויך אויף דער צענטראַלער רעגירונג פון טשיאַנג קאַי־שעק'ן. אין דעצעמבער איז טשיאַנג קאַי־שעק אַרעסטירט געוואָרן פון טשאַנג הסיו־ליאַנג'ן און אָפּגעהאַלטן געוואָרן עטלעכע טעג (דער באַרימטער סיאַנג־אינצידענט). טשיאַנג קאַי־שעק איז באַפרייט געוואָרן נאָכדעם ווי ער האָט צוגעזאָגט צו ענדערן זיין פּאָליטיק. אין זיין באַפרייאונג האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון כינע געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט איינגעזען, אַז פאַר דעם קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם איז פיל וויכטיקער צו באַאיינפלוסן טשיאַנג קאַי־שעק'ס רעגירונג מיטן צוועק זי אַריינצוציען אין דעם פאַראייניקטן אַנטי־יאַפּאַנעזישן פראָנט, איידער צו דערלאָזן אַן אַנטוויקלונג פון דעם בירגער־קריג צווישן די פאַרשיידענע גענעראַלן אין כינע, וואָס דאָס וואָלט נאָר פאַרשטאַרקט די מעגלעכקייט פאַר יאַפּאַן פון אַריינדרינגען און באַהערשן דאָס לאַנד.

טשיאַנג קאַי־שעק האָט צוגעזאָגט דורכפירן די פאָלגנדיקע פּונקטן:

1. דער קואָמינטאַנג און די נאַציאָנאַלע נאַנקין־רעגירונג זאָלן רעאָרגאַניזירט ווערן אַזוי, אַז די פּראָ־יאַפּאַנעזישע עלעמענטן זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן און אַנטי־יאַפּאַנעזישע עלעמענטן זאָלן אַריינגענומען ווערן.

2. פולע פּאָליטישע רעכט פאַר דעם כינעזישן פאָלק; באַפרייען אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע.

3. אַ פֿאַרבאַנד מיט דער כינעזישער רויטער אַרמיי זאָל געשלאָסן ווערן מיטן צוועק צו באַקעמפֿן יאַפּאַן.

4. עס זאָל גערופֿן ווערן אַ נאַציאָנאַלער רעטונגס־קאָנגרעס פֿון אַלע פּאַרטייען און גרופּן, אַרמייען און קרייזן מיטן צוועק אָנצונעמען מיטלען קעגן יאַפּאַן.

5. קאָאָפּעראַציע מיט אַלע לענדער, וועלכע סימפּאַטיזירן מיט כינע'ס אַנטי־יאַפּאַנעזישער פּאָליטיק.

ווען אָט די שורות ווערן געשריבן (מערץ 1937) איז נאָך ניט באַוואוסט, אַף ווי ווייט די נאַנקין־רעגירונג איז גרייט דורכצופֿירן אָט די פּראָגראַם. עס האַנדלט זיך דאָ אָבער ניט וועגן די פּערזענלעכע נייגונגען פֿון דעם אָדער יענעם מיניסטער. עס האַנדלט זיך אויך ניט וועגן דער שטעלונג פֿון טשיאַנג קאַי־שעק'ן, וועלכער איז די אַלע יאָרן געווען אַ געצייג אין די הענט פֿון די אימפּעריאַליסטן. עס האַנדלט זיך וועגן אַ מעכטיקער פֿאָלקס־באַוועגונג, וועלכע דריקט זיך אויס אין די „נאַציאָנאַלע רעטונגס־אַסאָציאַציעס" און וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. די קואָמינטאַנג־פּאַרטיי גופֿא איז צעטיילט אַף דרייען: פּראָ־יאַפּאַנעזישע עלעמענטן, וואַקלדיקע און אויסגעשפּראָכענע לינקע. די צייט איז ניט ווייט, ווען אַ מעכטיקער פֿאָלקס־פֿראָנט וועט געבילדעט ווערן צו באַפֿרייען כינע פֿון יאַפּאַנעזישער הערשאַפֿט. דער־מיט וועט דערלאַנגט ווערן אַ קלאַפּ דעם יאַפּאַנעזישן אימ־פּעריאַליזם און מיט אים דעם וועלט־אימפּעריאַליזם. אָן דעם שפּיץ פֿון אָט דער באַוועגונג גייט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון כינע, די רויטע אַרמיי פֿון כינע און די כינעזישע סאָוועטן.

אין אַ דעקלאַראַציע פֿונעם 30טן דעצעמבער 1936 האָט מאָאָ טזע־טונג, פֿאָרזיצער פֿון דער כינעזישער סאָוועטישער פֿאָלקס־רעגירונג, דערקלערט, פֿאַרוואָס דער סיאַן־אינצידענט איז מעגלעך געווען. חבר מאָאָ טזע־טונג רעכנט אויס די פֿאָלגנדיקע אורזאַכן: ערשטנס, די וואַקסנדיקע אַנטי־יאַפּאַנעזישע שטימונג צווישן די אַרמייען אונטער דער קאָמאַנדע פֿון טשאַנג הסיו־ליאַנג און אַנדערע און אין אַנדערע טיילן פֿונעם לאַנד; צווייטנס, די וואַקסנדיקע אַנטי־יאַפּאַנעזישע באַ־פֿעלקערונג אין סוויאַן, וועלכע האָט מעגלעך געמאַכט פֿאַר דער דאָרטיקער אַרמיי צו פֿאַרטרייבן די יאַפּאַנעזישע אינטערווענטן; דריטנס, דער וואוקס פֿון דעם לינקן אַנטי־יאַפּאַנעזישן פֿליגל אין דער קואָמינטאַנג־פּאַרטיי גופֿא; פֿערטנס, די וואַקסנדיקע באַוועגונג פֿאַר

נאַציאָנאַלער רעטונג צווישן אָנגעזעענע טוער פון די פארשיידענע פּראָווינצן; פינפטנס, די אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך דער כינעזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דער כינעזישער סאָוועטן־רעגירונג און דער כינעזישער רויטער אַרמיי — אַ באַוועגונג מיטן צוועק צו גרינדן אַ פאַראייניקטן נאַציאָנאַלן פראָנט קעגן דעם יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם; זעקסטנס, די אַנטוויקלונג פון אַ וועלט־באַוועגונג פאַר פרידן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון כינע אַרבעט איצט פאַר אַט דעם גרויסן פאַראייניקטן פאָלקס־פראָנט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון כינע אָנערקענט, אַז עס זיינען דאָ אַלע מעגלעכקייטן צו שאַפן אַ קאָלאָסאַלן פראָנט קעגן דעם יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם און דערמיט צו־זאַמען קעגן די פעאָדאַלע הערשער און די רעשטן פונעם פעאָדאַליזם אין כינע גופא און קעגן דער רעאַקציע אין כינע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון כינע קען זייער גוט דעם כאַראַקטער פון טשיאַנג קאַי־שעק'ן. אָבער זי דערקלערט, אַז אויב טשיאַנג קאַי־שעק זאָל פאַרט איינזען די נויטווענדיקייט פון דעם פאַראייניקטן פראָנט, אויב ער זאָל דערפילן גענוג שטאַרק דעם דרוק פון די מאַסן און זאָל באמת דורכפירן דאָס, וואָס ער האָט צוגעזאָגט אין סיאַן, דעמאָלט איז זי גרייט צו גיין אויך מיט אים אין דעם אַנטי־יאַפּאַנעזישן פאָלקס־פראָנט.

„די קאָמוניסטישע פּאַרטיי", האָט דערקלערט חבר מאַאָ טזע־טונג, „וועט געבן טשיאַנג'ן פולע שטיצע, אויב ער איז פייאיק אָפּצוּאוואַשן דעם שמוץ און די דערנידעריקונג פון דער קואָמינטאַנג־פּאָליטיק פאַר די לעצטע צען יאָר און אינגאַנצן באַזייטיקן דעם פונדאַמענטאַלן טעות פון מאַכן קאָמפּראָמיסן נאָך אויסן, אָבער נוצן די מאַכט פון געווער און אונטערדריקונג קעגן דעם פאָלק אינעווייניק, און אויב ער וועט באַלד זיך פאַראייניקן מיט אַלע פּאַרטייען און גרופּן אויף דעם אַנטי־יאַפּאַנעזישן פראָנט, כדי צו נעמען פּראַקטישע נאַציאָנאַלע רעטונג־טריט, סיי מיליטערישע, סיי פּאָליטישע." דאָס, זאָגט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָלט געווען אינעם איצטיקן מאָמענט אַ סך בעסער, ווי אַ מלחמה פון איין טייל כינע קעגן אַ צווייטן טייל כינע. מיט אַנדערע ווערטער: די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וויל אַ פאַראייניקטע מאַכט פון דער אונטערדריקטער און באַרויבטער כינע צו קעמפן קעגן דעם וויכטיקסטן פון אירע אונטערדריקער און באַרויבער — דעם יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ווייסט, אַז מיט

דער באַפרייאונג פון דעם יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם איז די פראַגע וועגן די מאַסן פון כינע ווייט ניט געלייזט; זי ווייסט אָבער אויך, אַז אָט די באַפרייאונג עפנט ריזיקע מעגלעכקייטן פאַר דער פאַרבעסערונג פון דעם לעבן פון די מאַסן און פאַר דעם מאַרש צום סאָציאַליזם.

די פראַגע אין כינע אַרום דעם פאָלקס־פראָנט איז די זעלביקע, ווי אין אַנדערע לענדער: אַ פאַראייניקונג פון אַלע פּראָגרעסיווע קרעפטן קעגן אימפּעריאַליזם, קעגן דער רעאַקציע, קעגן פאַשיזם, פאַר דער פאַרבעסערונג פונעם לעבן פון די מאַסן, פאַר אַ ברייטער מעגלעכקייט צו גיין פאָראויס צום סאָציאַליזם.

נאָך צען יאָר דערפאַרונגען, נאָך זיבן־אַכט יאָר עקזיסטענץ פון די כינעזישע סאָוועטישע טעריטאָריעס און דער רויטער אַרמיי, פילט זיך איצט די קאָמוניסטישע פאַרטיי ווי אַזאַ גרויסער פאַקטאָר, וועלכן קיינער קען שוין ניט באַזייטיקן פונעם לעבן פון די כינעזישע מאַסן. „הייַנט צו טאָג האָט דאָס פאָלק פונעם גאַנצן לאַנד מער צוטרוי צו די ווערטער און צו די מעשים פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווי צו די ווערטער און מעשים פון וועלכע ניט איז אַנדערע פּאַרטייען און גרופּן," דערקלערט מיט שטאָלץ די קאָמוניסטישע פאַרטיי.

חבר מאָא טזע־טונג האָט דערקלערט:

> „אויב טשיאַנג קאַי-שעק זאָל זיך וואַקלען אין באַצוג צו די אַנטי-יאַפּאַנעזישע פּראָבלעמען און אָפּלייגן די דערפילונג פון זיין צוזאָג, וועלן די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס פון דעם פאָלק פונעם גאַנצן לאַנד אים געווים אַראָפּשלײדערן פונעם וועג."

דאָס זיינען קלאָרע ווערטער פון אַ פאַרטיי, וואָס פילט זיך ווי אַן ערנסטע אויסגעפּרואווטע קראַפט.

אין דעם פּראָצעס פון אויפבויען אָט דעם פאָלקס־פראָנט, פאַר וועלכן עס שטייט איצט אַ גרויסער טייל פון די מאַסן פון כינע, וועלכע ווערן אַלץ מער רעוואָלוציאָנער, אין פּראָצעס פון קאַמף קעגן יאַפּאַנעזישן מיליטאַריזם וועלן די כינעזישע קאָמוניסטישע פאַרטיי און די כינעזישע סאָוועטן ווערן נאָך שטאַרקער.

ווי האָבן די טראָצקיסטן באַגעגנט אָט די נייע אַרבעט פון די כינעזישע סאָוועטן מיט דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, — אָט די אַרבעט, וואָס איז אייגנטלעך אַ פאַרטזעצונג און אַ קרוינונג פון דער גאַנצער עקזיסטענץ פון די כינעזישע סאָוועטן? אין דער „סאָשעליסט קאָל" פאַרן 23טן יאַנואַר 1937 געפינען מיר אַן אַרטיקל פון איינעם הערלד

אייזעקס, א טראָצקיסט, וועלכער דערקלערט, אַז דער פּאָרשלאָג „צו בילדן א בלאָק מיטן בוטשער טשיאַנג קאַי־שעק הייסט אין פּשוט'ע ווערטער, אַז דער קאָמינטערן און דער קרעמל וועלן דערוואַרגן, אויב זיי קענען נאָר, יעדע רעוואָלוציאָנערע אַקציע פון די כינעזישע אַר־בעטער און פּויערים". דער דאָזיקער טראָצקיסט דערקלערט, אַז דער פּאָרשלאָג פון מאַאָ טזע־טונג, וואו עס ווערן אָנגעגעבן די באַדינגונגען פון א פאָלקס־פראָנט, באַווייזט „די גרייטקייט פונעם קאָמינטערן צו ליקווידירן די כינעזישע רעוואָלוציע צו גונסטן פון א נייעם בלאָק מיט דעם כינעזישן הערשנדיקן קלאַס".

די אַרבעט פון אַריינציען וואָס גרעסערע מאַסן כינעזישע אַר־בעטער און פּויערים, אויך קליין־בורזשואַזיע און אינטעליגענץ, אויך, ווי ווייט מעגלעך, טיילן פון דער בורזשואַזיע, וועלכע ליידן פון יאַפּאַ־נעזישן אימפּעריאַליזם, אין א מעכטיקן פאַראייניקטן פראָנט קעגן די אימפּעריאַליסטישע רויבער, ווערט פאַרגעשטעלט ווי א גרייטקייט מצד דעם קאָמינטערן און דער סאָוועט־רעגירונג צו „דערוואַרגן" די רעוואָ־לוציאָנערע אַקציע פון די אַרבעטער און פּויערים. די אַרבעט פון באַ־זיגן די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון די יעניקע טיילן פונעם הערשנדיקן קלאַס אין כינע, וואָס האָבן פאַרבונדן זייער גורל מיטן יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם, די אַרבעט פון מאַכן די האַרעפּאַשנע מאַסן פאַרן אמת'ן קאַמפּס־פראָנט קעגן די ערגסטע אונטערדריקער פונעם כינעזישן פאָלק, ווערט פאַרגעשטעלט ווי א גרייטקייט צו „ליקווידירן" די כינעזישע רעוואָלוציע.

מיר דערקענען די טראָצקיסטן. זיי בלייבן די זעלביקע אומעטום.

די פּאָליטיק פון די טראָצקיסטן איז געבליבן א פּאָליטיק פון שעדיקן די פאַראייניקונג פון די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן, אונטער־גראָבן די איינסקייט פון די מאַסן אין קאַמף קעגן רעאַקציע, מעגלעך מאַכן דורך דעם א זיג פון די רעאַקציאָנערע קרעפטן. טראָצקי, אין 1937 ווי אין 1927, אין דער צייט פון דעם גרויסן מאַרש נאָך צפון, האָט נאָר איין פאָרשלאָג — ברעכן די וואַקסנדיקע איינסקייט פונעם רעוואָלוציאָנערן פראָנט. אַף א נייער שטופּע, מיט א נייער אינטער־נאַציאָנאַלער לאַגע, שלאָגט ער פאָר דאָס זעלביקע: איינפירן סאָציאַ־ליזם אין כינע טאַקע באַלד; זיך אָפּזאָגן פון וועלכער ניט איז פאַר־בינדונג מיט אַנדערע פּאַרטייען. ער איז גאָרניט אַזוי טעמפּ ניט צו וויסן, אַז א באַוועגונג אַף איינצופירן סאָציאַליזם היינט צו טאָג אין

כינע וואָלט נאָר געווען צו גונסטן דעם יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם. אָבער אויב ער קען אַרבעטן צו גונסטן דעם דייטשישן פאַשיזם, פאַר־וואָס זאָל ער ניט אַרבעטן לטובת דעם יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם?

די שעדיקער בלייבן געטריי זיך אַליין.

וועגן דעם העראַלד אייזעקס שרייבט אַ כינעזישער פּאַטריאָט דזשאָזעף לי אין אַ בריוו צום ענגלישן זשורנאַל „טשאַינאַ טודעי", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין ניו יאָרק פון די אַמעריקאַנישע פריינט פון דעם כינעזישן פאָלק. לי שרייבט פון מעקסיקאָ:

„אַ שווינדלער צווישן רעוואָלוציאָנערן" — אַזוי האָט דער „קאַמף", אָפיציעלער אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, באַצייכנט העראַלד אייזעק׳ן, ווען עס איז אַנטדעקט געוואָרן, אַז אייזעקס האָט געפּרואווט ברעכן די כינעזישע באַפרייאונגס-באַוועגונג דורך דעם, וואָס ער האָט זיך אַריינגעגנב׳עט אין דער כינעזישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַלס אַ טראָצקיסטישער אַגענט.

„ווען דער „קאַמף" האָט דערקלערט דעם פאַרראַט פון אייזעקס׳ן, האָט ער ציטירט איינעם נאָכן אַנדערן אַ מאַסע קאָנקרעטע פאַקטן, וואָס זאָגן עדות קעגן אים. צווישן די פאַקטן האָט דער זשורנאַל דער עיקר אונטערגעשטראָכן דאָס פאָלגנדיקע:

„ווען אייזעקס איז געשיקט געוואָרן פון די אַמעריקאַנער טראָצ-קיסטן צו קומען קיין כינע צו ברעכן די כינעזישע באַפרייאונגס-באַוועגונג, האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט פון באַנוצן די נידעריקסטע און געמיינסטע מעטאָדן, פאָרשטעלנדיק זיך אַלס אַ גוטער פריינט פון דעם כינעזישן פאָלק, דערקלערנדיק וועגן זיך, אַז ער איז אַ פעסטער אַנטי-טראָצקיסט און אַ שטאַרקער שטיצער פון דער כינעזישער קאָמו-ניסטישער פּאַרטיי. אָט אַזוי, מיט דער אָפּנאַרנדיקער קאָקעטישקייט פון אַ פּראָסטיטוטקע און מיט דער געמיינער טאַקטיק פון אַ שווינדלער, האָט ער געוואונען דעם צוטרוי פון די כינעזישע רעוואָלוציאָנערן.

„אַ דאַנק דעם פאַקט, וואָס די כינעזישע רעוואָלוציאָנערן האָבן שטענדיק ערנסט באַגריסט אַלע אויסלענדישע פריינט, און אַ דאַנק דעם פאַקט, וואָס זיי רעספּעקטירן באַזונדער די אויפריכטיקייט און ערלעכע באַציאונג פון די אַמעריקאַנער, איז דער דערפאָלג פון די טריקס פון אייזעקס׳ן געווען מעגלעך אַ שטיקל צייט.

„ווען אייזעקס איז איינגעלאַדן געוואָרן צו אַרבעטן פאַר דעם זשורנאַל „טשאַינאַ פאָרום", איז ער אַ שטיקל צייט געגאַנגען קעגן זיינע אייגענע איבערצייגונגען, ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר סימ-פּאַטיש צו דער כינעזישער באַפרייאונגס-באַוועגונג, און מיט דער הילף פון די כינעזישע רעוואָלוציאָנערן איז די פאַרשפּרייטונג פון דעם „טשאַינאַ פאָרום" געוואָרן ברייטער. אָבער דער פוקסענער עק פון

אַט דעם שווינדלער האָט זיך ביסלעכווייז אַרויסגעוויזן.

„ערשטנס האָט ער, מיט אַ געמאַכטער באַציאונג פון סקעפּטיציזם, געפּרואווט פּאָראויסזאָגן די צוקונפט פון סאָוועטישער כינע און פון דער כינעזישער רויטער אַרמיי. באַלד האָט ער אָנגעהויבן אַרויסרוקן אַ פולע ווערסיע פון דער טראָצקיסטישער רעאַקציאָנערער טעאָריע אַף די זייטן פון „טשאַינאַ פאָרום" און אַזוי האָט ער באַשמוצט און געשפּריזט ליגנס וועגן סאָוועטישער כינע און וועגן דער רויטער אַרמיי. רעדנדיק פונעם שטאַנדפּונקט פון אַן אימפּעריאַליסטישן שוואַרץ-מאה'ניק, האָט ער באַליידיקט דאָס כינעזישע פאָלק. ווען די כינעזישע רעוואָלוציאָנערן האָבן געקריטיקירט זיינע טעות'ן און די רעדאַקציע פון דעם „טשאַינאַ פאָרום" האָט זיך געגרייט צו באַפרייען אים פון דער אַרבעט פאַר דער צייטונג, האָט ער זיך באַלד באַנוצט מיט די פּריווילעגיעס פון אַן אַמעריקאַנישן בירגער, איבערגענומען דאָס אייגנטום פון דער צייטונג, די דרוקעריי און אַז. וו., וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן דורך ביישטייערונגען פון די שווער-פאַרהאָרעוועטע פאַרדינסטן פון דעם האָרעפּאַשנעם כינעזישן פאָלק און זיינע פריינט, און האָט געפּרואווט פאַרוואַנדלען די צייטונג אין אַ פאַבריק צו פּראָדוצירן טראָצקיסטישע דראָגס אַף צו פאַר'סמ'ען דעם געדאַנק פון דעם כינעזישן פאָלק. שפּעטער, אַלס רעזולטאַט פון אַ פּראָטעסט פון די לייענער און פון אַ מאַסן-אָפּזאָג פון סובסקריפּשאָנס, האָט אייזעקס איינגעזען, אַז ער קען מער ניט פאָרטזעצן די צייטונג, און דעמאָלט איז ער אַוועקגעפאָרן קיין צפון-כינע, האָפנדיק, אַז ער וועט קענען אויסנוצן די דאָרטיקע ספּעציעלע פּאָזיציע פון יאַפּאַן צו פאַרשפּרייטן דעם סם פון דער טראָציקסטישער טעאָריע אין יענער געגנט."

מיט וואָס איז אייזעקס בעסער אָדער ערגער פון ראַדעק'ן? אַ טראָצקיסט בלייבט אַ טראָצקיסט.

צענטער קאַפּיטל

דער דריטער פּעריאָד

דער פּעריאָד צווישן 1918 און דעם סוף פון 1923 איז געווען א פּעריאָד פון גרויסע מאַסן-באַוועגונגען און רעוואָלוציעס. גענוג צו דערמאָנען די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין אונגאַרן, די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין בייערן, די פאַרכאַפּונג פון פאַבריקן דורך די אַרבעטער אין איטאַליע, דעם אויפשטאַנד פון 1921 אין דייטשלאַנד, די מעכטיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין דייטשלאַנד אינעם האַרבסט פון 1923. דער דאָזיקער פּעריאָד איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט דער נידערלאַגע פון דער דייטשישער רעוואָלוציע.

דער פאָלגנדיקער פּעריאָד איז א פּעריאָד פון רעלאַטיווער און טיילווייזער סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם. קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע וואַקסט, אָבער זי קען ניט בייקומען דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם. די וועלט-עקאָנאָמיק איז צעשפּאָלטן אויף צוויי סעקטאָרן — דעם קאַפּיטאַליסטישן און דעם סאָציאַליסטישן. דער קאַפּיטאַליזם פירט איין א העכערע טעכניק, ער פאַרגרעסערט די מאַסן-פּראָדוקציע, אָבער די נייע וואַקסנדיקע מאַסע פּראָדוקטן נויטיקט זיך אין א מאַרק — און דער מאַרק ווערט איינגעשרומפּן. די קאַפּיטאַליסטן פאַרגרעסערן די עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער, כדי צו זיכערן פּראָפיטן פאַרן קאַפּיטאַל. אָבער דאָס פאַרקלענערט ווידעראַמאָל דעם היימישן מאַרק. אין א סך לענדער איז דאָ „פּראָספּעריטי", אָבער דער לעבנס-סטאַנדאַרד פון די אַרבעטער ווערט נידעריקער, וואָס דאָס הייסט א פאַרקלענערונג פון זייער קויף-קראַפט. דאָס אַלעס טרייבט די קאַפּיטאַליסטן צו זוכן פיבערדיק נייע מאַרקן, נייע אינוועסטמענט-ספערן און נייע קוואַלן פון רוי-מאַטעריאַלן. דאָס איז פאַרבונדן מיט באַנייטע צוזאַמענשטויסן צווישן די אימפּעריאַליסטישע מאַכטן. יעדע רעגירונג באַוואָפנט זיך האַסטיק. נייע מלחמות זענען זיך אָפּן האָריזאָנט. אין דער זעלביקער צייט רופט אַרויס די עקספּלואַטאַציע פון די מאַסן, סיי אַרבעטער, סיי פאַרמערס, א פאַרגרעסערטן ווידערשטאַנד. אין די קאָלאָניעס איז פאַראַן א פאַרשאַרפטע אַנטי-אימפּעריאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע נעמט אָפּט אָן דעם כאַראַקטער פון רעוואָלט.

אזוי איז געווען די סיטואַציע אַרום 1928, און דאָס איז די סיבה פאַרוואָס, ווען דער זעקסטער קאָנגרעס פון דעם קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל האָט זיך פאַרזאַמלט אינעם זומער פון 1928, האָט ער דערקלערט, אַז דער סוף פון דער קאַפּיטאַליסטישער סטאַביליזאַציע איז דאָ און אַז אַ נייער פּעריאָד האָט זיך אָנגעהויבן — דער דריטער נאָך־מלחמהדיקער פּעריאָד. אין דעם דאָזיקן פּעריאָד, האָט געזאָגט דער קאָמינטערן, וועלן די מאַסן מער ראַדיקאַל. זיי באַטייליקן זיך אין די קאַמפן קעגן קאַפּיטאַליזם אין אַ גרעסערער צאָל. צוליב די וואַקסנ־דיקע אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע ווידערשפּרוכן פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וועט דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון די אַרבעטער שטייגן, האָט געזאָגט דער קאָמינטערן. אין דער גיט־ווייטער צוקונפט האָט דער קאָמינטערן פאָראויסגעזען אַ נייעם טור פון מלחמות און רעוואָלוציעס.

דער מאַן, וואָס האָט מער פון אַלע געהאָלפן שאַפן אָט די פאַר־שטענדעניש פון דער וועלט־לאַגע, איז סטאַלין. דאָס האָט ער פאַרמאָגט דעם שאַרפן חוש פאַר דערווירקלעכקייט און די קלאָרע פאַרשטענדעניש פאַר דעם וועג, וואָס מען דאַרף באַטרעטן. דאָס האָט ער אומאויפ־הערלעך געקעמפט קעגן צוויי פראָנטן: אי אָפּאָרטוניסטן פון רעכטס, וועלכע, ווי די לאָווסטאָניסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמע־ריקע, האָבן ניט געזען דעם קריזיס, וואָס רוקט זיך אָן, און האָבן ניט געזען די מעגלעכקייט פאַר אַ שנעלן פאָרטשריט צום סאָציאַליזם אינעם פ.ס.ס.ר., אי אָפּאָרטוניסטן פון „לינקס", וועלכע האָבן געפּריידיקט אומגעזונטע אַוואַנטורעסטישע עקספּערימענטן פּשוט צוליב דעם, ווייל זיי האָבן ניט געגלויבט, אַז די קרעפטן פון דער רעוואָלוציע ווערן צייטיק.

די געשעענישן נאָך 1928 האָבן באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון סטאַלינ׳ס אַנאַליז. דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט דערלאַנגט מיט זיין פולער מאַכט איבער די וויכטיקסטע לעבנס־אָרגאַנען פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם אין אַלע לענדער קוים איין יאָר נאָכן 6טן קאָנגרעס. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אינדיע, אַראַביע און אַ צאָל אַנדערע לענדער, די זיגן פון די כינעזישע סאָוועטן, די רעוואָלוציע אין קובאַ, די רעוואָלוציע אין שפּאַניע, דער רעוואָ־לוציאָנערער אויפשטאַנד אין עסטרייך, די וואַקסנדיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין פראַנקרייך און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, — דאָס

זיינען נאָר עטלעכע פון די שטורעם־צייכנס, וואָס מערקן דעם דריטן פעריאָד.

מיר מוזן זיך מודה זיין: מיר האָבן קיינמאָל ניט געפונען אין די טראָצקיסטישע שריפטן עפּעס אזוינס ווי א דערקלערונג, פאַרוואָס זיי זיינען קעגן דעם אנאַליז וועגן דעם דריטן פעריאָד. זיי האָבן זיך גלאַט געבייזערט. זיי האָבן געשפּעט. זיי האָבן ניט געזען קיין דריטן פעריאָד. אין זייערע אויגן איז דער קאַפּיטאַליזם אין 1928 און שפּעטער נאָך געווען סטאַביל. די דאָזיקע אַלע פאַקטן פון רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען האָבן אף זיי ניט געמאַכט קיין איינדרוק. אין זייער אָפּשאַצונג איז דער קאַפּיטאַליזם אַלץ נאָך ניט דערשיטערט.

עלפטער קאַפּיטל

די סיטואַציע אין דייטשלאַנד און די פראַגע פון סאָציאַל-פאַשיזם

דער גרעסטער פאַקטאָר אין דער סטאַביליזאַציע פונעם קאַפּיטאַליזם נאָך דעם ערשטן טור פון מלחמות און רעוואָלוציעס איז געווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אין אַזוינע לענדער, ווי דייטשלאַנד און עסטרייך, האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער פאַקטיש גענומען אַף זיך צו אָרגאַניזירן און אופהאַלטן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן שטורעם פון די אַרבעטער. אַ דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַט מיטן נאָמען נאָסקע האָט דערטרונקען אין בלוט די אַרבעטער־רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד אין 1918 און 1919. סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מיניסטאָרן האָבן אונטערדריקט סטרייקס, געשאָסן אַף אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס, דערקלערט קריגס־צושטאַנד קעגן די אַרבעטער. אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג אין גרויס־בריטאַניע האָט געשיקט אַרמייען צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד פון די קאָלאָניאַלע פעלקער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון פראַנקרייך האָבן גענומען די איניציאַטיווע אין דורכפירן דעם אימפּעריאַליסטישן קריגס־געזעץ. קורץ, אומעטום זיינען די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געוואָרן אַן אינטימער באַשטאַנד־טייל פון דעם בורזשואַזן מלוכה־אַפּאַראַט. זיי האָבן אַרויסגערוקט דעם געדאַנק, אַז דאָ, וואו עס איז דאָ אַ קאָאַליציע־רעגירונג, ד. ה. אַ רעגירונג פון קאַפּיטאַליסטישע און סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, האָבן מיר אַן איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם. דער פאַקט איז, אַז אַ קאָאַליציע־רעגירונג בלייבט אַ קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג, וואָרים זי דערשיטערט ניט די פונדאַמענטן פונעם קאַפּיטאַליזם: פּריוואַט־אייגנטום און עקספּלואַטאַציע. פאַרקערט, זי העלפט נאָר פאַרשטאַרקן דעם קאַפּיטאַליזם דורך דעם, וואָס זי נאַרט די אַרבעטער מיט דער אידייע פון אַ פרידלעכן איבערגאַנג צום סאָציאַליזם. אַ קאָאַליציע־רעגירונג, ווי די וואָס מיר האָבן געזען אין דייטשלאַנד און גרויס־בריטאַניע, גייט אונטער דער פירערשאַפט פון דער גרויס־בורזשואַזיע און איז אינגאַנצן אַנדערש פון אַ פאָלקס־פראָנט רעגירונג, וועלכע וואַקסט אַרויס פונעם מאַסן־קאַמף קעגן מלחמה און פאַשיזם און

רעגירט קעגן דעם ווילן פון גרויס־קאַפּיטאַל און מיט דער שטיצע פון די ברייטע האַרעפּאַשנע מאַסן. אַ קאָאַליציע־רעגירונג איז אַ פאַרראַט פון די מאַסן, אַ פאָלקס־פראָנט רעגירונג איז אַן אויסדרוק פונעם קאַמף פון די מאַסן.

אין דייטשלאַנד און עסטרייך האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַקטיש געהאָלפן דעם וואוקס פון פאַשיזם. פאַשיסטישע באַנדעס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין דער צייט, ווען די מאַכט איז געווען אין די הענט פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונגען. פאַשיסטישע דע־מאָנסטראַציעס זיינען געבליבן אומבאַלעסטיקט דורך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאָליציי־פּרעזידענטן, בשעת קאָמוניסטישע דעמאָנ־סטראַציעס זיינען צעטריבן געוואָרן. פאַשיסטישע באַנדעס האָבן געהאַט די דערלויבעניש זיך צו באַוואָפענען בשעת די מיליטאַנטע רויט־פראָנט־אָרגאַניזאַציע פון די דייטשישע אַרבעטער איז פאַרבאָטן געוואָרן. קריגס־צושטאַנד און האַלב־קריגס־צושטאַנד זיינען איינגעפירט געוואָרן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, כדי צו אונטערדריקן די באַוועגונג פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ פאַרבעסערונג פון זייערע אומ־דערטרעגלעכע באַדינגונגען.

אין דעם זעלביקן אופן ווי לעניו האָט, נאָכדעם ווי דער פּראָלע־טאַריאַט איז פאַרראַטן געוואָרן דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אָנהויב פון דער מלחמה, גערופן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער סאָציאַל־פּאַטריאָטן און סאָציאַל־שאָוויניסטן, אַזוי האָט דער קאָמוניס־טישער אינטערנאַציאָנאַל, נאָך די נייע פאַרראַטן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, גערופן אירע פירער סאָציאַל־פאַשיסטן — אין דעם זין, וואָס זיי האָבן אויסגעפלאַסטערט דעם וועג פאַרן פאַשיזם.

עס איז געווען אַ קאַטאַסטראָפע פאַרן פּראָלעטאַריאַט פון דייטש־לאַנד און פון דער גאַנצער וועלט, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער האָבן זיך פאַראייניקט מיטן קאַפּיטאַליזם. עס איז געווען אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס אַזויפיל מיליאָנען אַרבעטער זיינען גענאַרט גע־וואָרן דורך די סאָציאַליסטישע פראַזן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער און האָבן געגלויבט, אַז זיי זיינען אמת'ע קעמפער פאַר די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס. עס איז געווען שלעכט, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד האָט געקענט צוציען נאָר זעקס מיליאָן און האָט ניט געהאַט די מערהייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס הינטער זיך. עס וואָלט געווען אַ סך בעסער פאַר די אַרבעטער פון

דייטשלאַנד און פאַר דער וועלט־רעוואָלוציע ווען די מאַסן פון דייטשישע אַרבעטער וואָלטן געהאַט ווייניקער אילוזיעס וועגן זייערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער. עס וואָלט געווען שווער פאַר דעם פאַשיזם אַריינצוקריגן די מאַכט אין דייטשלאַנד, ווען עס וואָלט אָרגאַני־זירט געוואָרן אַ מעכטיקער פאַראייניקטער פראָנט.

מען קען ניט לייקענען, אַז עס זיינען געווען געוויסע שוואַכקייטן אין דער אַרבעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון דייטשלאַנד, אָבער געגנערשאַפט צו דעם פאַראייניקטן פראָנט איז ניט געווען צווישן זיי. דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז ניט געלונגען אַריינצוברענגען אַלע אירע מיטגלידער אין די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס, כדי צו האָבן דאָרטן אַ שטאַרקערע רעוואָלוציאָנערע שטיצע. זי האָט ניט גענוג געאַרבעט אין די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס — און דער דאָזיקער סעקטאָר פון איר אַרבעט איז געווען פאַרנאַכלעסיקט מער פון אַלע אַנדערע, הגם זי האָט געבויט די רויטע טרייד־יוניאָן אָפּאָזיציע מיט אַ מיט־גלידערשאַפט — ערב דעם קומען פון פאַשיזם — פון העכער 300,000. זי האָט זיך ניט גענוג איינגעוואָרצלט אין די פאַבריקן און זאַוואָדן. זי איז ניט געווען גענוג בויגעוודיק אין איר צוגאַנג צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רענק און פייל אַרבעטער. די דאָזיקע אַלע חסרונות זיינען מער ווי איין מאָל אַנגעוויזן געוואָרן דורך דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און די פּאַרטיי האָט געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו פאַרבעסערן איר אַרבעט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז איר איינ־פלוס איז געוואַלטיק געשטיגן.

„אין דעם לעצטן פעריאָד איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט איז דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געלונגען אַריינצודרינגען אין די ברייטע מאַסן און אָפילו צו באַקומען איינפלוס צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, די מיטגלידער פון די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס און אויך די מיטגלידער פון דער רייכסבאַנער־אָרגאַניזאַציע; דאָס איז געשען צוליב דעם, וואָס זי איז פייאיק געווען צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף קעגן אָט דעם אויסנאַם־דעקרעט. דער אויטאָריטעט פון דער פּאַרטיי איז שטאַרק געוואַקסן, און מיטגלידער פון רעפאָרמיסטישע יוניאָנס האָבן אָנגעהויבן זיך באַטייליקן אין די סטרייקס, וואָס זיינען גע־פירט געוואָרן דורך דער רויטער טרייד־יוניאָן אָפּאָזיציע און די קאָמוניסטן. אַזוי האָבן חוץ קאָמוניסטן זיך באַטייליקט מיטגלידער פון רעפאָרמיסטישע יוניאָנס און אָפילו נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אין דעם סטרייק־קאָמיטעט פון דעם בערלינער טראַנספּאָרט.” (אָ. פּיאַטניצקי, „די איצטיקע סיטואַציע אין דייטשלאַנד”, ז. 20.)

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון דייטשלאַנד איז גרייט געווען צו קעמפֿן קעגן פֿאַשיזם. די קאָמוניסטן האָבן פּאַקטיש געקעמפֿט קעגן פֿאַשיסטישע באַנדעס אין די גאַסן בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן. זיי האָבן באַגעגנט די פֿאַשיסטישע אַטאַקעס און די אַטאַקעס פֿון דער פּאָליציי, וועלכע איז, אין פּריסן, צום בײַשפּיל, געשטאַנען אונטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָמאַנדע און האָט אומעטום באַשיצט די ברוינע העמדלעך.

אַז די קאָמוניסטן האָבן געאַרבעט פֿאַר אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער, אויב נויטיק דורך אַן אָפּמאַך מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער, קען מען זען פֿון דעם פֿאָלגנדיקן:

אין 1925 האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿאָרגעשלאָגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט קעגן דער מאָנאַרכיסטישער געפֿאַר. שפּעטער אין דעם זעלביקן יאָר, זעענדיק אַז די קאָמוניסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אַ מערהייט מיטגלידער אין דער בערלינער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג, האָבן די קאָמוניסטן פֿאָרגעשלאָגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַ געמיינזאַמע פּראָגראַם פֿון האַנדלונג אין די אינטערעסן פֿון די אַרבעטער. אין 1926 האָבן די קאָמוניסטן גערופֿן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער צו פֿאַראייניקן זיך מיט זיי אין אַ פּלעביסציט קעגן אומקערן דאָס פֿאַרמעגן צו דער געוועזענער דייטשישער קעניגלעכער פֿאַמיליע. אינעם פֿרילינג פֿון 1928 האָט די קאָמפּאַרטיי פֿאָרגעשלאָגן אַ פֿאַראייניקטע מײַ־דעמאָנסטראַציע. אין אָקטאָבער 1928 האָט זי פֿאָרגעשלאָגן אַ פֿאַראייניקטע אַנטי־מיליטאַריסטישע אַקציע — קעגן דעם בויען פֿון אַ נייער קרייצער־שיף. אין 1929—1932 האָט זי נאָכאַנאַנד פֿאָרגעשלאָגן פֿאַראייניקטע אַקציעס קעגן לוין־שניטן. אין אַפּריל 1932 האָט זי פֿאָרגעשלאָגן אַ פֿאַראייניקטן קאַמף פֿון אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס קעגן אַ פֿאַרשטייענדיקן לוין־שניט.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער האָבן אָפּגעוואָרפֿן די אַלע פֿאָרשלאָגן. ברייטע מאַסן אַרבעטער האָבן זיך אָפּגערופֿן אויף אייניקע פֿון די קאָמוניסטישע פֿאָרשלאָגן וועגן פֿאַראייניקטער אַקציע. סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער האָבן בעסער געוואָלט קאָאָפּערירן מיט די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען.

ווען מען פּאָפּען האָט אַרויסגעטריבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פֿון

דער פּרייסישער רעגירונג, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פּאָרגעשלאָגן אַ פּאַראייניקטן גענעראַל־סטרייק פאַר דעם צוריקרוף פון די אויסנאַמס־דעקרעטן און פאַר דעם פאַנאַנדערלאָזן פון די שטורעם־טרופּן. דעם 30טן יאַנואַר 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ווידער פאָרגעשלאָגן אַ גענעראַל־סטרייק צו קעמפן קעגן דער רעאַקציע. אין מערץ 1933, נאָך דעם פאַרברענען דעם רייכסטאַג, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ווידער זיך געווענדעט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און צו די יוניאָנס, אַז זיי זאָלן דערקלערן אַ גענעראַל־סטרייק קעגן די אַטאַקעס אויף די אַרבעטער. די דאָזיקע אַלע פאָרשלאָגן זיינען צוריקגעוויזן געוואָרן דורך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער, וואָס האָבן בעסער געוואָלט גלויבן, אַז זיי קענען נאָך פונקציאָנירן און אָנהאַלטן כאָטש אַ ביסעלע מאַכט אונטער יעדן קאַפּיטאַליסטישן רעזשים.

ווער איז שולדיק?

טראָצקי זאָגט: די קאָמוניסטן זיינען שולדיק. פאַרוואָס? ווייל זיי האָבן גערופן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן סאָציאַל־פאַשיסטן. טראָצקי קען ניט לייקענען דעם פאַקט, אַז די קאָמוניסטן האָבן געפּרואווט אָר־גאַניזירן דעם פאַראייניקטן פראָנט. זיי האָבן אָרגאַניזירט די „אַנטי־פאַשיסטישע אַקציע", וועלכע האָט געדאַרפט פאַראייניקן די אַרבעטער פון פאַרשיידענע פּאַרטייען. זיי האָבן געפּרואווט אָרגאַניזירן דעם פאַראייניקטן פראָנט אין די פאַבריקן און אין די יוניאָנס. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער האָבן אַרויסגעוויזן אומצוטרוי צו די קאָמוניסטן און צו דעם פאַראייניקטן פראָנט, און דאָס האָט געשטערט די קאָמוניס־טישע אַקציע. טראָצקי האָט געהאָלפן שטערן.

איצט באַשולדיקט ער די קאָמוניסטן.

אָט איז זיין הויפּט־קאָרט:

„ווען דער קאָמינטערן וואָלט אָוועקגעשטעלט פון 1929 אָן, אָדער אַפילו פון 1930 אָדער 1931, אַלס דעם פונדאַמענט פון זיין פּאָליטיק די אָביעקטיווע אומפאַראייגבאַרקייט פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פאַשיזם, אָדער, ריכטיקער: פון פאַשיזם מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; ווען ער וואָלט דערויף געבויט אַ סיסטעמאַטישע און אויסגעהאַלטענע פּאָליטיק פון דעם פאַראייניקטן פראָנט, וואָלט דייטשלאַנד אין עטלעכע מאָנאַטן באַדעקט געוואָרן מיט אַ נעץ פון מעכטיקע קאָמיטעטן פון פּראָלעטאַרישן שוץ, דאָס הייסט פּאָטענציעלע אַרבעטער־סאָוועטן." (לעאָן טראָצקי, „מיליטאַנט", מערץ 10, 1934.)

די מעשה איז, וואָס אין יענער צייט איז פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער ניט געווען קלאָר די אומפאַראייִנבאַרקייט צווישן סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פאַשיזם, אָדער, מער פּינקטלעך: צווישן דער געזעלשאַפטלעכער פונקציאָנירונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער און דעם רעזשים פון פאַשיזם. פּראָסט גערעדט: די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער האָבן ניט פאָראויסגעזען, אַז דער פאַשיזם וועט זיי באַהאַנדלען אַזוי ברוטאַל. זיי זיינען געווען אַ באַדייטנדיקער באַשטאַנד־טייל פון דעם מלוכה־אַפּאַראַט אונטער אַלע רעזשימען פאַר דעם היטלער־רעזשים, און זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז אַפילו אונטער היטלער׳ן וועלן זיי אויך באַהאַלטן אַ טייל פון דער מאַכט. ווי טונקל די קאָמוניסטן וואָלטן פאַר זיי ניט געמאָלן דאָס בילד פון דעם, וואָס מען קען דערוואַרטן ווען די פאַשיסטן וועלן קומען צו דער מאַכט — זיי וואָלטן דאָס פּשוט ניט געגלויבט. זיי וואָלטן געזאָגט, אַז זיי ווייסן בעסער.

טוט אַ קוק אַף דער אויפפירונג פון די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער, וועלכע האָבן זיך גערעכנט אַ סך מער ראַדיקאַל, ווי זייערע דייטשישע ברידער און וועלכע האָבן געהאַט די דערפאַרונג פון זייערע דייטשישע חברים. הערט דאָס עדות־זאָגן פון דעם „לינקן" מאַקרסיסט אָטאָ באַוער אין זיין אינטערוויו מיט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער „ניו יאָרק טאַימס" ג. ע. ר. געדיע (אָפּגעדרוקט דעם 18טן פעברואַר 1934), ווי אַזוי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון עסטרייך זיינען געווען גרייט צו קאָאָפּערירן מיט דעם פאַשיסטישן דיקטאַטאָר דאָלפוס אַפן חשבון פון דער עסטרייכישער קאָנסטיטוציע:

„זינט דעם דאַטום פון דעם היטלער-זיג אין דייטשלאַנד (5טן מערץ), ווען די רייכסטאַג-„וואַלן" האָבן געגעבן די דייטשישע נאַצים דעם קאָנטראָל, האָט אונזער פּאַרטיי געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו קומען צו אַן אָפּמאַך מיט דער רעגירונג... אין די ערשטע וואָכן פון מערץ זיינען אונזערע פירער נאָך געווען אין אַן ענגן פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט דאָלפוס׳ן און מיר האָבן אָפּט געפּרואווט צו באַוועגן אים איינצוגיין אַף אַ קאָנסטיטוציאָנעלער ליי־זונג. באַם סוף פון מערץ האָט ער פּערזענלעך צוגעזאָגט אונזער פירער דר. דענענבערג, אַז אָנהויב אַפּריל וועט ער מיט אונז אָנהויבן פאַרהאַנדלונגען וועגן רעפאָרמירן די קאָנסטיטוציע. (וועגן באַגרענעצן די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע לויט די וואונטשן פון פאַשיזם.—מ. אָ.). דער צוזאָג איז קיינמאָל ניט דערפילט געוואָרן, וואָרים אין אָנהויב אַפּריל איז ער ענדגילטיק אַריבערגעגאַנגען אין דעם פאַשיסטישן לאַגער... און האָט

זיך אָפּגעזאָגט רעדן מיט וועמען ניט איז פון די סאָציאַליסטן. ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער קען ניט זען די עקזיסטירנדיקע (סאָציאַל-טישע) פירער, האָבן מיר פאָרעשלאָגן צו שיקן צו אים אַנדערע אונטער-האַנדלער. ער האָט זיך שאַרף אָפּגעזאָגט. אַזוי ווי מיר האָבן אים מער ניט געקענט זען, האָבן מיר געפּרואווט פאַרהאַנדלען דורך אַנדערע מענטשן. איך זאָג אייך דעם אמת, מיר האָבן ניט געלאָזט קיין איינציקן שטיין אַפן אָרט. מיר האָבן זיך דערנעענטערט צו פּרעזידענט ניקלאַש... דאַן האָבן מיר געפּרואווט קלעריקאַלע פּאָליטיקער, וועמען מיר האָבן געקענט אַ לענגערע צייט... אָבער אַלצדינג איז צעבראָכן געוואָרן אָן דעם איינגעשפּאַרטן ווידערשטאַנד פון דאָלפוס'ן, וועלכער האָט זיך איינפאַך אָפּגעזאָגט נאָכאַמאָל צו הערן וועגן די סאָציאַליסטן. אַ גרופּע רעליגיעזע סאָציאַליסטן איז זיך צוזאַמענגעקומען מיט אַ גרופּע קאַטוילישע דעמאָקראַטן און האָבן געפּרואווט באַוועגן די קירכע זי זאָל זיך אַריינמישן. דאָס איז אויך דורכגעפאַלן."

וואָס וואָלט אשטייגער געווען, ווען מען וואָלט אָט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פירער דעמאָלט פאָרגעשלאָגן אַ פאַראייניקטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן צו קעמפן קעגן דאָלפוס'ן ? זיי האָבן ניט געטראַכט וועגן קעמפן קעגן פאַשיזם. זיי האָבן ניט געפּלאַנעוועט צו פאַרטיידיקן די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע. אָט, אַשטייגער, וואָס עס איז זיך מודה באַוער אין דעם זעלביקן אינטערוויו :

„מיר האָבן זיי צוגעזאָגט די גרעסטע קאָנצעסיעס, וואָס אַ דעמאָקראַטישע אָדער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט ווען עס איז געמאַכט. מיר האָבן געלאָזט וויסן דאָלפוס'ן, אַז אויב ער וועט נאָר דורכפירן דורכן פּאַרלאַמענט אַ געזעץ-פּראָיעקט, וועלן מיר מסכים זיין אַף אַזאַ מאָסמיטל, וואָס אויטאָריזירט די רעגירונג צו הערשן מיט דער הילף פון דעקרעטן אָן אַ פּאַרלאַמענט אין אַ משך פון צוויי יאָר. (אונטער-געשטראָכן פון אונז.—מ. אָ.). מיר האָבן נאָר אַרויסגעשטעלט צוויי פאָדערונגען : אַז אַ קליינער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט, אין וועלכן די רעגירונג זאָל האָבן אַ מערהייט, זאָל קענען קריטיקירן די דעקרעטן, און אַז אַ קאָנסטיטוציאָנעלער געריכט, דער איינציקער שוץ קעגן ברעכן די קאָנסטיטוציע, זאָל צוריק אויפגעשטעלט ווערן."

עס איז קלאָר, אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פירער זיינען געווען גרייט צו גיין גענוג ווייט. די „לינקע" סאָציאַל-דעמאָקראַטן זיינען געווען גרייט מסכים צו זיין, אַז דער פּאַרלאַמענט זאָל אָפּגעשאַפט ווערן, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז די אָפּשאַפונג זאָל דורכגעפירט ווערן דורכן פּאַרלאַמענט (דאָס האָט מען פאַקטיש דורכגעפירט אין דייטשלאַנד

אונטער היטלער'ס מאַכט). זיי זיינען גרייט געווען, זאָגן זיי, מסכים צו זיין אַף אַ רעגירונג אָן אַ פּאַרלאַמענט „אין אַ משך פון צוויי יאָר", אָבער עס איז דאָך קלאָר, אַז עס וואָלט ניט געווען שווער זיי איינצורעדן אָנצונעמען אַ לענגערן טערמין. זיי זיינען געווען פאַראינטערעסירט אָנצוהאַלטן זייערע פּאָזיציעס אין די יוניאָנס, אין די שטאַט־פאַרוואַל־טונגען, אין דער פּאָליציי־מאַכט, אין דעם געריכט־סיסטעם — וויסנדיק זייער גוט, אַז מען וועט אָט די פּאָזיציעס שטאַרק פאַרקלענערן אונטערן פאַשיזם. זיי האָבן זיך געקלאַמערט אָן דעם שאָטן פון מאַכט אין אַ צייט ווען, ווי זיי אַליין זאָגן, „די אומצופרידנקייט און די אויפ־געגרעגטקייט פון די ארבעטער קעגן דער קאָנסערוואַטיווער פּאָליטיק פון אונזער פּאַרטיי־קאָמיטעט איז געוואַקסן אין דער מאָס, וואָס די פּראָוואָקאַציעס פון דער רעגירונג האָבן זיך פאַרגרעסערט... די אויפ־רעגונג איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט דערגרייכט דעם גראַד פון פיבער־היץ אין די לעצטע וואָכן" (דאַרטן).

אָט דערפאַר, וואָס די קאָמוניסטן איז ניט געלונגען איינצורעדן אַזעלכע פירער, אַז זיי זאָלן אָרגאַניזירן אַ פאַראייניקטן פראָנט, באַ־שולדיקט זיי טראָצקי איצט.

געדענקען דאַרף מען, אַז ער באַשולדיקט ניט די קאָמוניסטן פאַר ניט ווענדן זיך צו די ארבעטער, וואָרום ער ווייסט זייער גוט, אַז זיי האָבן זיך יאָ געווענדעט צו די ארבעטער און זיי האָבן אָנגעווענדט יעדן מיטל איינצורעדן זיי צוצושטיין צום פאַראייניקטן פראָנט. ער פאָרט ארויס אָפן פערדל פון באַשולדיקן די קאָמוניסטישע פירער, פאַרוואָס זיי האָבן ניט געשלאָסן שלום מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אויבערשטע פירער.

ווי אַזוי דערקלערט טראָצקי, אַז עס איז מעגלעך געווען אַ פאַר־אייניקטער פראָנט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער? זיין דער־קלערונג איז זייער אַ נעבעכדיקע.

„די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע (זאָגט ער) קען ניט לעבן און אָטעמען — ווען זי שפּאַרט זיך ניט אָן אַף די פּאָליטישע און יוניאָן-אָרגאַני-זאַציעס פון דעם ארבעטער-קלאַס. טאַקע דעריבער באַווייזן זיך גראַד אַף אָט דער ליניע די אומלייזבאַרע ווידערשפּרוכן צווישן דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און דעם פאַשיזם; אַף אָט-דער ליניע עפענען זיך די נויטווענדיקייט און די מעגלעכקייט פון דער פּאָליטיק פון אַ פאַר-אייניקטן פראָנט מיט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע." („מיליטאַנט", מערץ 10, 1934).

דער אַרגומענט הינקט אויף ביידע פיס. די געשעענישן האָבן באַוויזן, אַז די בורזשואַזיע נעמט זיך צום פאַשיזם גראָד דעמאָלט, ווען זי זעט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קען מער ניט אָפּהאַלטן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די מאַסן. צוליב דעם ווערן אונטערדריקט אַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס, אַפילו אַזוינע, וואָס ווערן באַהערשט דורך סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער. אָבער איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער ניט געגלויבט אין אַזאַ זאַך.

זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויף דער קאַפּיטאַליסטישער דעמאָקראַטיע, אויף דער ווייםאַרער קאָנסטיטוציע אין דייטשלאַנד, אויף דער דייטשישער אַכטונג פאַר געזעץ און אָרדענונג און — ניט אין דער לעצטער ליניע — אויף זייער רעקאָרד פון דינען דער בורזשואַזיע. זיי האָבן אַרויסגערוקט די פּאָליטיק פון שטיצן דאָס „קלענערע איבל" גראָד כדי צו האָבן אַ פאַרענטפערונג פאַר מיטאַרבעטן מיט דער בורזשואַזיע. זייער בערלינער פּאָליצמייסטער צערגיבל האָט געשאָסן מיט מאַשין־ביקסן אויף די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אַ מאַי־פּאַראַד אין 1929 אָן אַ דערלויבעניש. געפאַלן איז העכער דרייסיק קרבנות. זייערע פירער האָבן גוטגעהייסן די אויסנאַמס־לאַגע, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אינעם לאַנד, אַ מין מיליטערישער צושטאַנד, מיטן צוועק צו דערשטיקן דעם רעוואָלט פון די אַרבעטער. זייערע פירער האָבן געשטיצט לוין־שניטן און באַוואָפענונגען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער האָבן געשטיצט די רעגירונגען פון ברינינג, פאָן פאַפּען און שלייכער. זיי זיינען געווען גרייט צו שטיצן היטלער'ן. עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער האָבן אָנערקענט היטלער'ס רעגירונג נאָך די וואַלן פונעם 5טן מערץ 1933, דערקלערנדיק, אַז היטלער איז געזעצלעך באַשטימט געוואָרן דורך הינדענבורג'ן און אַז ער האָט באַקומען אַ מאַנדאַט פון אַ מערהייט פונעם פאָלק. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער זיינען גרייט געווען צו קאָאָפּערירן מיט היטלער'ס רעגירונג, אויב היטלער וואָלט זיי נאָר געגעבן אַ שאַנס. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרלאַמענטאַרישע גרופּע האָט דאָך דעם 17טן מאַי 1933 איינשטימיק געשטיצט היטלער'ס פּאָליטיק אינעם רייכסטאַג. קאַרל סעווערינג, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירער, איז דאָך געבליבן אַן אונטערשטיצער פון היטלער'ן שפּעטער אויך. דער זעלביקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירער האָט אַפּעלירט צו דער באַ־

פעלקערונג פון דעם סאַאר־געביט, אַז זי זאָל שטימען פאַר די נאַצים. און עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער האָבן געזוכט קאָמפּראָמיסן מיט היטלער'ן.

פאַרשטייט זיך, אַז שפּעטער האָט די לאַגע זיך באַדייטנדיק געענדערט. ווען דער צוזאַמענבראָך איז געקומען, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער זיינען אַרויסגעיאָגט געוואָרן אין אַ ווידערשטאַנד פון זייער זייט, דעמאָלט ערשט האָבן זיי אָנגעהויבן איבערשאַצן די ווערטן. איבער דער לאַגע האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרטראַכטן ניט נאָר אַרבעטער, נאָר אויך סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער. איין טייל פון זיי וואַרטן איצט אויך נאָך אויף אַ מעגלעכקייט צו שליסן שלום מיט די פאַשיסטן. דער צענטער וואַקלט זיך. דער לינקער פליגל איז פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן. דער פאַראייניקטער פראָנט אַנטוויקלט זיך. דער פאָלקס־פראָנט איז אויפגעבויט געוואָרן אין פראַנקרייך און אין שפּאַניע. אַ טייל פון די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער האָט צום פערטן יאָרצייט פון היטלער'ס קומען צו דער מאַכט אונטערגעשריבן אַ מאַניפעסט וועגן אַ פאַראייניקטן פראָנט צוזאַמען מיט קאָמוניסטישע פירער. אָבער דאָס איז פאָרגעקומען ערשט נאָכדעם, ווי די ביטערע דערפאַרונג האָט געוויזן, אַז עס איז נישט מעגלעך פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו עקזיסטירן לעגאַל אָדער אפילו האַלב־לעגאַל אונטערן פאַשיזם, אַז דער פאַשיזם פּרוּווט אָפּצוואַווישן ניט נאָר די רעוואָלוציאָנערע, נאָר אויך די רעפאָרמיסטיש־סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פונעם אַרבעטער־קלאַס, אַז דער פאַשיזם וויל ניט מאַכן קיין פּשרות ניט נאָר מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, נאָר אפילו מיט די מעסיקע ליבעראַלן. דער פאַראייניקטער פראָנט און דער פאָלקס־פראָנט האָבן געוואונען אַ גרויסע מאַסע אָנהענגער איבער דער גאַנצער וועלט פאַר דער לעצטער צייט. אָבער זאָגן, אַז די קאָמוניסטן האָבן געקענט שליסן אַ פאַראייניקטן פראָנט מיט די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פאַר יאַנואַר 1933, ווען די פירער פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן זיך געהאַלטן אין זייערע אַלטע אילוזיעס וועגן קאָאָפּערירן מיט יעדן בורזשואַזן רעזשים, איז היסטאָריש פאַלש. דאָס איז פאַרלוימדעריש. אַזוי זאָגן קען נאָר אַ טראָצקי.

פון וואַנען נעמט זיך בא טראָצקי'ן אָט דער טעות? ער נעמט זיך דערפון, וואָס טראָצקי'ן האָט אַלעמאָל געצויגן צום מענשעוויזם. ער איז אַליין אַלעמאָל געווען אין עצם אַ מענשעוויק. דעריבער גלויבט

ער ניט, אַז די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד זיינען געווען אַזוי אומגערעכט. איך גלויבט זיך בשום אופן נישט, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען צו שליסן אַן אָפּמאַך אַפילו מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער, וואָס האָבן קאָאָפּערירט מיט דער בורזשואַזיע און וואָס האָבן ניט געוואָלט וויסן פון פאַרטיידיקן די רעכט פון די אַרבעטער. נו, עס איז ריכטיק, אַז ווען די קאָמוניסטן וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער קאָמוניסטישער פּאָזיציע און וואָלטן שלום־געמאַכט מיט די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויף זייערע באַדינגונגען, וואָלטן מיר געהאַט אַ פאַראייניקטן פראָנט. נאָר וואָס דען? דאָס וואָלט ניט געווען קיין פאַראייניקטער פראָנט קעגן פאַשיזם.

אַז טראָצקי מיינט נישט ערנסט מיט דער גאַנצער אַטאַקע קעגן די קאָמוניסטן, קען מען זען פון דעם ביישפּיל פון פראַנקרייך. ווען דער פאַראייניקטער פראָנט איז יאָ אָרגאַניזירט געוואָרן אין פראַנקרייך, ווען עס האָט זיך אַנגעהויבן אַנטוויקלען אַ ריזיקע מאַסן־באַוועגונג קעגן פאַשיזם אויף דער באַזע פון אַ פאַראייניקטן פראָנט, האָט די טראָצקיסטישע גרופּע גענומען קעמפן קעגן דעם פאַראייניקטן פראָנט. זי איז ספּעציעל אַריינגעטראָטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, כדי צו באַקעמפן דעם פאַראייניקטן פראָנט. זי איז נאָכדעם ווידער אַרויס־געפאַלן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — און שטייט איצט ווי דער ערגסטער שונא קעגן דעם פאָלקס־פראָנט אין פראַנקרייך. וואָס איז שייך דעם פאָלקס־פראָנט אין שפּאַניע, האָבן די טראָצקיסטן פּאַקטיש אים אונטערגעגראָבן אויף אַזויפיל, אַז די פאַראייניקטע רעגירונג פון קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן אין קאַטאַלאָניע און די צענטראַלע רעגירונג אין מאַדריד איז געצוואונגען געווען אין סאַמע קאָך פון דעם בירגער־קריג קעגן די פאַשיסטן אָנצוהויבן אַ קאַמף קעגן די טראָצקיסטן. ניט נאָר זיינען די טראָצקיסטן ניט געקומען צו הילף דעם פאָלקס־פראָנט, נאָר זיי האָבן געפּריידיקט, אַז פאַר די אַרבעטער איז אַלץ איינס — צי דער פאָלקס־פראָנט, צי די רעגירונג פון פראַנקאָ'ן. דערמיט האָבן זיי אָפּן געהאָלפן דעם פאַשיזם, ווי זיי העלפן אים אין אַלע אַנדערע טיילן פון דער וועלט, כאָטש גערעדט האָבן זיי רעוואָ־לוציאָנערע פראַזן — וועגן בויען סאָוועטן. אין דער ווירקלעכקייט וואָלט דאָס געהייסן שאַפן אַ שפּאַלטונג צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און די אַנדערע עלעמענטן פונעם פאָלקס־פראָנט און דורכוואַרפן די רעוואָ־לוציע פון די מאַסן.

דאָ זעען מיר, ווי אַזוי די טראָצקיסטישע פּראַקטיק באַווייזט די אמת'ע כוונות פון די טראָצקיסטישע רייד.

אַן אַנדער טענה איז, פאַרוואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט ניט געפּרואווט מאַכן אַן אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד אין אָנהייב 1933 מיט אירע אייגענע קרעפטן. די טראָצקיסטן פרעגן אָפט אָט די פראַגע.

דעם ענטפער האָט געגעבן לענין, וועלכער האָט דערקלערט „דעם פונדאַמענטאַלן געזעץ פון רעוואָלוציע".

„פאַר אַ רעוואָלוציע איז נישט גענוג, אַז די עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע מאַסן זאָלן נעמען פאַרשטיין די אוממעגלעכקייט צו לעבן אויפן אַלטן שטייגער און צו פאָדערן ענדערונגען; פאַר אַ רעוואָלוציע איז נויטיק, אַז די עקספּלואַטאַטאָרס זאָל ניט קענען לעבן און הערשן אויפן אַלטן שטייגער. נאָר דעמאָלט, ווען די „אונטערשטע" ווילן ניט דאָס אַלטע און די „אויבערשטע" קענען ניט לויטן אַלטן שטייגער, נאָר דעמאָלט קען די רעוואָלוציע זיגן. אַנדערש ווערט דער דאָזיקער אמת אויסגעדריקט מיט די ווערטער: אַ רעוואָלוציע איז אוממעגלעך אָן אַן אַל-נאַציאָנאַלן קריזיס, וואָס רירט אָן סיי די עקספּלואַטירטע, סיי די עקספּלואַטאַטאָרס (אונטערגעשטראָכן פון אונז.—מ. אַ.). הייסט עס, פאַר דער רעוואָלוציע דאַרף מען זיך, ערשטנס, דערשלאָגן, אַז אַ מערהייט פון די אַרבעטער (אָדער יעדנפאַלס אַ מערהייט באַוואוסטזיניקע, דענקענדיקע, פּאָליטיש-אַקטיווע אַרבעטער) זאָלן פולשטענדיק פאַרשטיין די נויטווענדיקייט פון דער איבערקערעניש און זאָלן זיין גרייט צו גיין אויף טויט פאַר איר; צווייטנס, אַז די הערשנדיקע קלאַסן זאָלן איבערלעבן אַ רעגירונגס-קריזיס, וועלכער ציט אַריין אין פּאָליטיק אַפילו די אָפּגעשטאַנענסטע מאַסן . . . שוואַכט אָפּ די רעגירונג און מאַכט מעגלעך פאַר די רעוואָלוציאָנערן איר שנעלן אומוואָרף." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 15, ז. 222.)

דיסקוטירנדיק די דייטשישע סיטואַציע פון דער צייט, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט אָ. פּיאַטניצקי, אַ פירער פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ציטירט אָט די אויבנגעבראַכטע לענינשע דעפיניציע פון אַ רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע און האָט דערפון געצויגן די נויטיקע קאָנסעקווענצן. ער האָט געזאָגט:

„זיינען אָט די אַלע באַדינגונגען געווען צייטיק אין דייטשלאַנד אין יאַנואַר פון 1933? ניין. די גאַנצע בורזשואַזיע, פּנים אל פּנים מיט דער געפאַר פון אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, איז געשטאַנען פאַראייניקט קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, נישט געקוקט אויף צעטיילונגען אין דער בורזשואַזיע גופא. אַ ריזיקע מערהייט פון דער קליין-בורזשואַזיע האָט נאָכגעפאָלגט נאָך דער בורזשואַזיע, וואָס

איז פאַרטראָטן געוועזן דורך היטלער'ן, וועלכער האָט איר צוגעזאָגט אַן אומקער צו דער „גרויסער" אַלטער דייטשלאַנד, און וועלכער די קליין-בורזשואַזיע האָט געלעבט אין מער אָדער ווייניקער דערטרעגלעכע באַדינגונגען. דער פּראָלעטאַריאַט איז געווען צעשפּאָלטן דורך דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע איז נאָך אַלץ געווען די פירערין פון אַ מערהייט אַרבעטער. אַזוי האָט זיך באַקומען, אַז די עקספּלואַטאַטאָרס האָבן נאָך געקענט לעבן און געוועלטיקן, זיי האָבן נאָך געקאָנט עקספּלואַטירן דעם אַרבעטער-קלאַס ווי פריער, כאָטש דאַס איז געטאָן געוואָרן דורך נייע, פאַשיסטישע מעטאָדן." (אָ. פּיאַטניצקי, „די איצטיקע סיטואַציע אין דייטשלאַנד", ז. 24.)

דער פּרעזידיום פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם קאָמו־ניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, באַטראַכטנדיק די דייטשישע סיטואַציע, איז געקומען צו דעם איינציקן שלוס, צו וועלכן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע פירערשאַפט מוז קומען אָפּן סמך פון אַן אָפּשאַצונג פון דער עקזיס־טירנדיקער קרעפטן־פאַרהעלטעניש אין דייטשלאַנד.

„אונטער אַזוינע באַדינגונגען (זאָגט די פּרעזידיום-רעזאָלוציע) האָט דער פּראָלעטאַריאַט זיך געפונען אין אַ לאַגע, וואו ער האָט ניט געקענט אָרגאַניזירן און ער האָט פאַקטיש ניט אָרגאַניזירט קיין אומ-מיטלבאַרן און אַנטשיידנדיקן קלאַסן קעגן דעם מלוכה-אַפּאַראַט, וועלכער האָט, פאַרן צוועק צו קעמפן קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט, אַריינגענומען אין זיך די קעמפנדיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער פאַשיסטישער בורזשו-אַזיע: די שטורעם-טרופּן, דעם שטאָלהעלם און די רייכסווער. די בור-זשואַזיע האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אָן אַן ערנסטן ווידערשטאַנד איבערצוגעבן די מלוכה-מאַכט פונעם לאַנד אין די הענט פון די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן, וועלכע האַנדלען קעגן דעם אַרבעטער-קלאַס דורך מיטלען פון פּראָוואָקאַציעס, בלוטיקן טעראָר און פּאָליטישן באַנדיטיזם.

„אַנאַליזירנדיק די באַדינגונגען פאַר אַ זיגרייכן אויפשטאַנד פון דעם פּראָלעטאַריאַט, האָט לענין געזאָגט, אַז אַן אַנטשיידנדיקע שלאַכט קען באַטראַכט ווערן אַלס אינגאַנצן צייטיק,

„ווען אַלע קלאַסן-קרעפטן, וועלכע זיינען געווען פיינטלעך צו אונז, האָבן זיך גענוג פאַרפּלאָנטערט, האָבן זיך גענוג צעשלאָגן צווישן זיך, האָבן זיך גענוג אָפּגעשוואַכט דורכן קאַמף, וועלכער איז איבער זייערע כחות. אויב אַלע וואַקלענדיקע, אומאַנטשלאָסענע, אומשטאַנדהאַפטיקע מיטל-עלעמענטן, ד. ה. די קליין-בורזשואַזיע, די קליין-בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, וואָס איז צו אונטערשיידן פון דער בורזשואַזיע, האָט זיך גענוג אויפגעדעקט פאַר דעם פאָלק, האָט זיך גענוג אַרויסגעשטעלט צו שפּאָט און צו שאַנד דורך זייער

פּראַקטיש באַנקראָט. אויב צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן-סענטימענט און ער שטייגט קרעפטיק לטובת שטיצן די אַנטשיידנדיקסטע, געוואַגטסטע און רעוואָלוציאָנערע האַנדלונג קעגן דער בורזשואַזיע. דעמאָלט האָט די רעוואָלוציע זיך געצייטיקט, און אויב מיר האָבן ווי עס געהערט צו זיין גענומען אין באַטראַכט אַלע אויבנדערמאַנטע באַדינגונגען . . . און האָבן אויסדערוויילט דעם פּאַסיקן מאָמענט, איז אונזער זיג געזיכערט.״

„דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די באַדינגונגען פון דער צייט פון דער היטלער-איבערקערעניש איז געווען, אַז אַט די באַדינגונגען פאַר אַ זיגרייכן אויפשטאַנד האָבן זיך נאָך צו יענעם מאָמענט ניט געצייטיקט. זיי האָבן נאָר עקזיסטירט אין אַן עמבריאָנישן צושטאַנד.

„וואָס איז שייך דעם אַוואַנגאַרד פון דעם פּראָלעטאַריאַט, דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט זי, ניט וועלנדיק אַראָפּגליטשן זיך צום אַוואַנטוריזם, ניט געקענט, פאַרשטייט זיך, דורך איר אייגענער האַנדלונג, אויספילן דעם פעלנדיקן פאַקטאָר.״

טראָצקי׳ס קריטיק פונעם קאָמינטערן דריקט אויס די שטימונג פון אַ קליינבירגער, וועלכער גלויבט נישט אין די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן פון דעם פּראָלעטאַריאַט. טראָצקי׳ס פּאָליטיק, ווי ער שלאָגט זי פאָר, איז די פּאָליטיק פון אַ רעפאָרמיסט. בא אים קומט אויס, אַז אַלצדינג איז לייכט, אַלצדינג איז מעגלעך צו יעדער צייט דורך אַן אָרדער פון אויבן — ווייל אין אמת׳ן וויל ער גאָר ניט קיין קאַמף קעגן פאַשיזם.

דער גאַנצער טומל, וואָס טראָצקי האָט אויפגעהויבן אַרום דעם פאַראייניקטן פראָנט, איז ניט מער ווי אַ מאַסקע, ווי אַן אויסרייד צו קענען באַקעמפן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד, די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון אַנדערע לענדער, דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. טראָצקי וויל נישט קיין פאַראייניקונג פון קרעפטן פון די מאַסן. דאָרט וואו אַזא פאַראייניקונג איז פאָרגעקומען, פּרוּווט ער זי אויפרייסן. די גרעסטע פאַראייניקונג איז פאָרגעקומען אינעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, וואו עס איז דאָ איין גרויסע מאָנאָליטישע באָלשעוויסטישע (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי און וואו די מאַסן זיינען אַלע פאַראייניקט אַרום דער פּאַרטיי. טראָצקי מיט זיינע אַגענטן האָבן אין משך פון פערצן יאָר געפּרוּווט אונטערגראָבן די אייניקייט פון אָטדער פּאַרטיי און דערמיט די אייניקייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט און פון די האָרעפּאַשנע מאַסן. זיי האָבן געפּרוּווט אַריינטראָגן צעמישעניש

אין די מוחות, כדי צו קענען ברעכן די אַרבעט פון בויען סאָציאַליזם. ווען עס איז אויסגעבויט געוואָרן דער פאָלקס־פראָנט אין פראַנקרייך, האָבן זיך די טראָצקיסטן געשטעלט קעגן אים. דאָס זעלביקע אין שפּאַניע. דאָס זעלביקע אין דער פּראָבע אויפצובויען אַ פאָלקס־פראָנט אין מעקסיקאָ. אויך בא אונז אין די פאַראייניקטע שטאַטן שטעלן זיך די טראָצקיסטן קעגן יעדער פּראָבע צו בויען דעם פאָלקס־פראָנט דורך דער אָרגאַניזירונג פון דער פאַרמער־לייבאָר־פּאַרטיי. אומעטום קומען זיי מיט „לינקע”, כלומרשט רעוואָלוציאָנערע פראַזן. אומעטום פאַר־שטעלן זיי זיך פאַר „לינקער” ווי די קאָמוניסטן. אַזוי האָבן זיי דער־קלערט בא די וואַלן פון 1936 אין אַמעריקע, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַוועק אַף רעכטס דורך דעם וואָס זי האָט דערקלערט, אַז לענדאָן איז די גרעסטע געפאַר. אַזוי פּרואוון זיי דערציילן, אַז אין שפּאַניע דאַרף געפירט ווערן דער קלאַסן־קאַמף אַף ביידע זייטן פון דעם פראָנט. עס קלינגט רעוואָלוציאָנער. אין אמת'ן הייסט דאָס אָבער שטיצן דעם פאַשיזם.

אַלס אילוסטראַציע ווילן מיר דאָ ציטירן אַ פּאָר אויסצוגן פון אַ בלעטל, וואָס די טראָצקיסטן האָבן פאַרשפּרייט אין מאַדריד אין דער צייט, ווען פראַנקאָ'ס קרעפטן האָבן באַלאַגערט די שטאָט און אַלע פריינט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, פון די ברייטע מאַסן, פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע האָבן זיך פאַראייניקט צוריקצושלאָגן די פאַשיסטישע געפאַר. די טראָצקיסטן האָבן געשריבן:

„עס איז ניטאָ קיין מיליטעריש־געאָגראַפישע גרענעצן (דאָס הייסט, אַז עס מאַכט ניט אויס, צי אַ טעריטאָריע געפינט זיך אין די הענט פון דער פאָלקס־פראָנט רעגירונג, אָדער אין די הענט פון פאַשיסטן). עס זיינען דאָ נאָר קלאַסן־גרענעצן אַף ביידע זייטן פון דעם פראָנט (וואָס דאָס הייסט, אַז ביידע זייטן פון דעם פראָנט זיינען אַלצאיינס פאַר די טראָצקיסטן)... עס איז ניט קיין פראַגע וועגן קעמפן קעגן גענעראַל פראַנקאָ היינט כדי מיר זאָלן זיך קענען בעסער פאַר־טיידיקן מאָרגן... (אונטערגעשטראָכן פון אונז.—מ. אָ.). טראָגט אַריבער די סצענע פון אייערע קאַמפן פון די מיליטעריש־געאָגראַפישע ליניעס אין די שטעט און אין די דערפער (דאָס מיינט: הערט אויף קעמפן, וואָס דאָס קען נאָר העלפן די פאַשיסטן)... אַף דער שפּיל פון דעם פאָלקס־פראָנט ענטפערט מיט דער מאַכט פון אייער געווער (וואָס דאָס הייסט: קעמפט מיט געווער אין דער האַנט קעגן דעם פאָלקס־פראָנט).

צוועלפטער קאַפּיטל

די טראָצקיסטן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן

סוף 1928 איז אַ גרופּע טראָצקיסטן אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אַט־די גרופּע, אונטער דער פֿירערשאַפט פֿון קענאָנ'ען און שעכטמאַנ'ען, האָט געהאַט געבילדעט אַ פֿראַקציע אינעווייניק אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און האָט אָנגעהויבן פֿירן אַן אַנטי־פּאַרטייאישע קאַמפּאַניע. די פּאַרטיי איז דעמאָלט געווען צעטיילט אין צוויי פֿראַקציעס: די פֿאָסטעריסטן און די לאָווסטאָניסטן — און די דאָזיקע פֿראַקציעס האָבן געפֿירט אַ כמעט אָפֿענע עקזיסטענץ. זיי זיינען יעדנפֿאַלס געווען באַקאַנט סיי צו דער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפֿט און סיי צו דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די טראָצקיסטן אָבער, געטריי צו דער טראַדיציע פֿון זייער אָנפֿירער, האָבן געהאַלטן די עקזיסטענץ פֿון זייער פֿראַקציע אין געהיים. זיי האָבן קיינמאָל ניט דיסקוטירט טראָצקיזם אין די פּאַרטיי־קאָמיטעטן. זיי האָבן קיינמאָל ניט אַרויסגעשטעלט קיין פּראָגראַם, וואָס זאָל זיין אַנדערש ווי די פּראָגראַם פֿון די עקזיסטירנדיקע פֿראַקציעס. זיי האָבן זיך פֿאַרשטעלט, אַז זיי האָבן נישט קיין מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן, וואָס זאָלן קומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די מיינונגען פֿון דער אָדער יענער פֿראַקציע. פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך פֿאַראייניקט אין אַ געהיימער גרופּע, וואָס האָט קאָנספּירירט קעגן דער פּאַרטיי אַלס אַ גאַנצער.

זיי זיינען געווען אַ גרופּע פֿון אַ פּאָר טוץ אינטעליגענטן און אַ מאַסן־באַזע. זייער נאָמינעלער פֿירער קענאָן, אַ געוועזענער לאָיער, האָט ניט געהאַט קיין הינטערגרונט ניט פֿון אידעאָלאָגישער, ניט פֿון אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. ער איז געווען אַ מיטגליד פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי אין דער צייט, ווען דאָס פּאַרטיי־לעבן איז געווען אומנאָרמאַל, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיט די ברייטע מאַסן אַרבעטער. שעכטמאַן, וועלכער איז געוואָרן דער „טעאָרעטיקער" פֿון די טראָצקיסטן, איז געווען אַ קליינער פֿונקציאָנער אין דער פּאַרטיי. זיי האָבן נישט געהאַט קיין וואָרצלען אין דעם אַר־בעטער־קלאַס. זייער „טעטיקייט" אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן באַ־

שטייט אין ווארפן שמוץ אַף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און דעם קאָמו־ניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין דערציילן אַלערליי רכילות וועגן דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָ און דאָרטן שמירן זיי זיך צו צו דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער — און העלפן דערמיט נאָר די רעאַקציאָנערע יוניאָן־ביוראָקראַטן און די באָסעס.

אָט זיינען אַ פּאָר ביישפּילן, וואָס כאַראַקטעריזירן די טראָצקיסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

מיר וועלן אָנהויבן מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער ביישפּיל איז נישט קיין נייער, אָבער מען וואָלט געקענט ברענגען הונדערטער אַזוינע ביישפּילן וועגן דעם, ווי די טראָצקיסטן פאַלסיפיצירן די נייעס און גיבן אַ שענדלעכע אויסטייטשונג צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דעם 23טן יוני 1931 האָט סטאַלין געהאַלטן אַ רעדע אַף אַ קאָנ־פערענץ פון אינדוסטריעלע פירער פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַף דער טעמע: „נייע באַדינגונגען, נייע צוועקן.” אין אָט דער רעדע האָט סטאַלין אויסגערעכנט זעקס פונקטן — זעקס נייע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין דעם ערשטן פינף־יאָר־פּלאַן. די ערשטע דריי פונקטן האָבן געהאַט צו טאָן מיט דעם אופן, ווי צו אָרגאַניזירן די אַרבעט, אָרגאַניזירן די שכירות און פאַרבעסערן די באַדינגונגען פון די אַרבעטער. דער פערטער פונקט האָט געהאַנדלט וועגן דעם צוועק פון אַרויסרוקן און אַנטוויקלען די בעסטע עלעמענטן פון דעם אַרבעטער־קלאַס אַזוי, אַז דער אַרבעטער־קלאַס פון דעם פ.ס.ס.ר. זאָל האָבן „זיין אייגענע פּראָדוציר־טעכנישע אינטעליגענץ”. וואָס מיר דאַרפן האָבן, האָט סטאַלין געזאָגט, „איז ניט וועלכע ניט איז קאָאָרדינירנדיקע און אינזשענער־טעכנישע קרעפטן. מיר דאַרפן האָבן אַזוינע קאָאָרדינירנדיקע און אינזשענער־טעכנישע קרעפטן, וואָס זאָלן פּייאיק זיין צו פאַרשטיין די פּאָליטיק פון דעם אַרבעטער־קלאַס פון אונזער לאַנד, וואָס זאָלן פייאיק זיין אָנצואייגענען די דאָזיקע פּאָליטיק און גרייט זיין זי צו פאַרווירקלעכן געוויסנהאַפטיק. און וואָס באַדייט דאָס? דאָס באַדייט, אַז אונזער לאַנד איז אַריינגעטראָטן אין אַזאַ פאַזע פון אַנטוויקלונג, ווען דער אַרבעטער־קלאַס מוז באַשאַפן זיין אייגענע פּראָדוציר־טעכנישע אינטעליגענץ (אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל.—מ. אָ.), וואָס איז פייאיק צו באַשיצן זיינע אינטערעסן

אין דער פראדוקציע אלס די אינטערעסן פון דעם הערשנדיקן קלאס". סטאלין ווייזט ווייטער אן, אז די אינדוסטריעלע און טעכנישע אינטעליגענץ דארף רעקרוטירט ווערן ניט נאר פון צווישן מענטשן, וואס האבן געענדיקט די העכערע שולן, „נאר אויך פון צווישן די פראקטישע ארבעטער פון אונזערע אונטערנעמונגען, פון צווישן די קוואליפיצירטע ארבעטער, פון צווישן די קולטורעלע קרעפטן פונעם ארבעטער־קלאס אין דעם זאוואד, אף דער פאבריק, אין דער שאכטע . . . די אויפגאבע באשטייט אין דעם, אז מיר זאלן ניט אפרוקן אן א זייט אט די חברים מיט איניציאטיווע, אז מיר זאלן זיי דרייסטער ארויסרוקן אף קאמאנדעשטעלעס, געבן זיי די מעגלעכקייט ארויסצואווייזן זייערע ארגאניזאציעפייאיקייטן, געבן זיי די מעגלעכקייט צו אויסברייטערן זייער וויסן און באשאפן פאר זיי א פאסיקע סביבה, ניט שפארנדיק דערויף קיין געלט." (אונטערגעשטראכן פון אונז.—מ. א.). (י. סטאלין, „פראגן פון לענינעיזם", 10טע רוסישע אויפלאגע, זז. 457-458.)

דער פינפטער פונקט האט גערעדט וועגן די אינזשענערן און טעכניקער פון דער אלטער שול. סטאלין האט געזאגט, אז דער סאוועטן־פארבאנד דארף מער אויסנוצן אט די טעכנישע קרעפטן. עס איז דא א נייע באציאונג פון דער אלטער בורזשואזער אינטעליגענץ, האט געזאגט סטאלין. א סך פון די עלטערע אינטעליגענטן, וועלכע האבן פריער סימפאטיזירט מיט די שעדיקער, האבן איצט געמאכט א קער צו די סאוועטן. „אויב אין סאמע ברען פון דער שעדיקעריי," זאגט סטאלין, „האט אונזער באציאונג צו דער אלטער טעכנישער אינטעליגענץ זיך אויסגעדריקט הויפטזאכלעך אין א פאליטיק פון צעברעכן, איז איצט, אינעם פעריאד, ווען אט די אינטעליגענץ מאכט א קער צו דער סאוועטן־מאכט, דארף אונזער באצאונג צו איר זיך אויסדריקן אין א פאליטיק פון צוציען און זארגן וועגן איר. עס וואלט געווען אומריכטיק און אומדיאלעקטיש פארטצוזעצן די אלטע פאליטיק בא נייע, געענדערטע באדינגונגען. עס וואלט געווען נאריש און אומפארשטענדיק צו קוקן איצט כמעט אף יעדן ספעציאליסט און אינזשענער פון דער אלטער שול ווי אף א ניט־אויפגעדעקטן פארברעכער און שעדיקער."

דער זעקסטער פונקט האט געהאנדלט מיט איינפירן בעסערע מעטאדן פון געשעפטלעכער רעכענונג און מיט דער נויטווענדיקייט „צו פארגרעסערן די אנזאמלונג פון קאפיטאל אין דער אינדוסטריע גופא".

(י. סטאַלין, „פראַגן פון לעניניזם", 10טע רוסישע אויפלאַגע, זז. 461-463.)

די רעדע האָט געהאַט דעם איינפלוס פון אַ באַלעבאַנדיקן שטראָם דורך דעם גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָ האָט דאָס לאַנד פאַר זיך געהאַט אַ צאָל פּראַקטישע פּאָרשלאַגן, וועלכע האָבן אויף אַן אמת געוויזן דעם וועג ווי צו פאַרבעסערן די אַרבעט, סיי אין דער אינדוסטריע, סיי אין דער אַגריקולטור. דאָ האָט זיך געעפנט אַ ברייטער האָריזאָנט, וועלכער האָט נאָר באַשטעטיקט סטאַלינ'ס פריערדיקע דערקלערונג, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ פעסטונג, וועלכע די באָלשעוויקעס קענען ניט נעמען. מיליאָנען און מיליאָנען אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַרבעטער און אינזשענערן, זיינען דורכגעציטערט געוואָרן מיט אַ פרייד, ווען זיי האָבן געלייענט אָט די ווערטער, ווייל דאָס איז געווען אַ דער־מוטיקונג פאַר זייער אַרבעט און דאָס האָט זיי געגעבן די טיפע איבער־צייגונג, אַז די קאָלאָסאַלע אויפגאַבע פון דעם פינף־יאָר־פּלאַן קען דערגרייכט ווערן.

אָבער וואָס האָבן געטאָן די אַמעריקאַנישע טראָצקיסטן מיט סטאַ־לינ'ס רעדע? זיי האָבן זי דערקלערט פאַר אַ — טריט צוריק. דער „מיליטאַנט" פאַרן 11טן יולי 1931 האָט געשריבן: „עס איז נישטאָ קיין שום צווייפל, אַז דער גאַנצער גייסט פון סטאַלינ'ס „נייער פּאָלי־טיק", וועלכע וועט דאָך געוויס אַנגענומען ווערן פאָרמעל און אָפיציעל, באַדייט אַ נייעם טריט צוריק פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק פון לענינ'ס צייט." פאַרוואָס דאָס איז אַ טריט צוריק, קענען די טראָצ־קיסטן ניט דערקלערן. מיט וואָס דאָס איז אַנדערש פון דער פּאָליטיק פון לענינ'ען — אויסער דעם, וואָס דאָס האַנדלט מיט נייע פּראָבלעמען אויף אַ נייער שטופע פון אַנטוויקלונג — איז פונקט אַזוי שווער אויס־צוגעפינען.

אָבער פאַרלאָזט זיך שוין אויף די טראָצקיסטן. זיי וועלן שוין גע־פינען אַ טשוואָק, אויף וועלכן זיי קענען אָנהענגען זייערע טראָצקיסטישע שימפּפערייען. „סאָציאַליזם," זאָגט דער „מיליטאַנט", „קען ניט אויפ־געבויט ווערן דורך בורזשואַזע ספּעציאַליסטן. אפילו דער פונדאַמענט פון אַ סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק קען ניט געלייגט ווערן דורך זיי. זיי קענען אַ סך העלפן, אָבער די הויפּט־אויפגאַבע פאָדערט די האַרציקע, ענטוזיאַסטישע קאָלעקטיווע איניציאַטיווע, זעלבסט־טעטיקייט און דעם אַנטייל פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן."

דער „מיליטאַנט" מאַכט דעם אָנשטעל, אַז סטאַלין האָט ניט גע־

רעדט וועגן די פּראָלעטאַרישע מאַסן און האָט נאָר גערעדט וועגן די בורזשואַזע ספּעציאַליסטן. אין אמת׳ן האָט סטאַלין געלייגט דאָס הויפּט־געוויכט גראָד אָף די ברייטע פּראָלעטאַרישע מאַסן. לויט דעם „מיליטאַנט” באַקומט זיך, אַז סטאַלין, דער איניציאַטאָר פון סאָציאַליסטישן געוועט, איז קעגן דער קאָלעקטיווער איניציאַטיווע און זעלבסט־טעטיקייט פונעם פּראָלעטאַריאַט. די חברה פונעם „מיליטאַנט” האָבן זיך פשוט פאַרלאָזט, אַז זייערע לייענער וועלן ניט אַריינקוקן אין סטאַלינ׳ס רעדע. עס איז אָפענער און אומפאַרשעמטער ליגן. אַזוי זיינען אַלע טראָצקיסטישע אַטאַקעס אין אַמעריקע אָפן סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַזוי איז דאָס געבליבן ביזן היינטיקן טאָג, אַחוץ דעם וואָס די אַטאַקעס זיינען נאָך געוואָרן גיפטיקער, ביטערער און מער אומפאַרשעמט.

ווענדן מיר זיך איצט צו דער באַציאונג פון די אַמעריקאַנישע טראָצקיסטן צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די דאָזיקע באַציאונג איז באַשטימט דורך זייער באַציאונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. ווען דער וועלט־פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געפרייט מיט דער אָנערקענונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד דורך די פאַראייניקטע שטאַטן — אַ גרויסע דערגרייכונג אין דער פּאָליטיק פון פרידן — האָבן די אַמעריקאַנישע טראָצקיסטן זיך פאַראייניקט מיט די פאַרשיידענע גרופּן פון דער בורזשואַזיע אין אַן אַטאַקע, וואָס האָט דערקלערט, אַז דאָס איז אַ צוריקטריט פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אַז דערמיט האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל זיך אָפּגעזאָגט פון זיין רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק. די באַדינגונגען פון אָנערקענונג, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן צווישן ליטווינאָוו׳ן און רוזוועלט׳ן און וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט די ליניע, וואָס לענין אַליין האָט אויסגעאַרבעט אין 1919 פאַר ענלעכע פּראָבלעמען פון יענער צייט, זיינען אויסגעטייטשט געוואָרן דורך די טראָצקיסטן אַלס אַן אָפּמאַך מצד דער סאָוועטישער רעגירונג וועגן אָפּשאַפן וועלכע ניט איז קאָמוניסטישע טעטיקייטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דערמיט האָט דאָס טראָצקיסטישע קלייזל, ערשטנס, געשטיצט די בורזשואַזע באַהויפּטונג, אַז די סאָוועטישע רעגירונג און דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל זיינען איין און די זעלביקע זאַך; צווייטנס, האָבן זיי אויסגעטייטשט אַ זיג פונעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט ווי אַ מפּלה.

מען האָט זיך איינגעטיילט מיט די ראָלן. טראָצקי האָט היפּאָ־

קריטיש פאַרזיכערט די אַמעריקאַנישע בורזשואַזיע אַף די בלעטער פון דער „ניו רעפּאַבליק”, אַז זי האָט ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר דער סאָוועטישער אָנערקענונג, בשעת די אַמעריקאַנישע טראָצקיסטן האָבן געהאַלטן אין איין אַטאַקירן דעם קאָמינטערן פאַר זיין „פאַרראַט” קעגן קאָמוניזם.

אָט וואָס טראָצקי האָט געשריבן:

„וואָס מער אַנטשיידן די סאָוועטישע ביוראָקראַטיע האָט זיך פאַר-פעסטיקט אין איר פּאָזיציע בנוגע נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם, אַלץ מער זיינען אָפּגערוקט געוואָרן אינעם הינטערגרונט די פראַגן פון אינטער-נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע און מיט זיי צוזאַמען דער קאָמינטערן... די איצטיקע סאָוועטישע רעגירונג זוכט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען צו פאַרזיכערן איר אינעווייניקסטע זיכערקייט קעגן דעם ריס, וואָס איז פאַרבונדן ניט נאָר מיט מלחמות, נאָר אויך מיט רעוואָלוציעס. איר אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַן אינטער-נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק אין אַ קאָנסערוואַטיווער.” (לעאָן טראָצקי, „ניו רעפּאַבליק”, 1טער נאָוועמבער 1933.)

אין דער זעלביקער צייט האָט דער „מיליטאַנט” געשריבן (21טן אָקטאָבער 1933):

„דער קאָמינטערן איז טויט פאַר דער רעוואָלוציע... דער איצ-טיקער קאָמינטערן איז אַ קאָסטבאַרער אַפּאַראַט אַף אָפּצושוואַכן דעם פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד. דאָס איז אַלעס. ער איז ניט פּייאיק צו טאָן מער... דער קאָמינטערן, אַלס דער צענטראַלער אַפּאַראַט, איז געוואָרן אַ טאָרמאָז (ברעיק) פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.”

די טראָצקיסטן שטיצן דעם ליגן פון דער בורזשואַזיע, אַז דער קאָמינטערן איז אַן אַגענטור פון דער סאָוועטן־רעגירונג, אַז די סאָוועטן־רעגירונג דיקטירט דירעקט די פּאָליטיק פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָס איז איינער פון די מעטאָדן, דורך וועלכע זיי העלפן דער רעאַקציע.

זאָל קיינער ניט מיינען, אַז זיי שיטן שוועבל און פעך אַפן קאָמינטערן צוליב דעם, וואָס זיי זיינען ניט צופרידן מיט דער לאַנג־זאַמער אַנטוויקלונג פון דער וועלט־רעוואָלוציע. די וועלט־רעוואָלוציע איז נאָר אַן אויסרייד. וואָס גרעסער עס ווערן די דערגרייכונגען פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און וואָס העכער עס שטייגט די כוואַליע פון רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונגען איבער דער וועלט, אַלץ העכער שרייען די

טראָצקיסטן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד ברעכט צוזאַמען און אַז דער קאָמינטערן איז „טויט".

די גרעסטע דערגרייכונג פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל פאַר די לעצטע יאָרן, דער עיקר זינט דעם 7טן קאָנגרעס פונעם קאָמינטערן אינעם זומער פון 1935, איז דער אויפבוי פון דעם פאַראייניקטן פראָנט און דעם פאָלקס־פראָנט. דער פאָלקס־פראָנט איז דער באַריער קעגן פאַשיזם, דאָס מיטל צו זיכערן דעם פרידן אַף אַזויפיל, אַף וויפיל עס איז מעגלעך אים צו זיכערן אין דער צייושעטער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע. וואָלט נישט געווען דער פאָלקס־פראָנט אין פראַנקרייך, וואָלט דער פאַשיזם שוין לאַנג דאָרט געהערשט. דאָס וואָלט פאַרשטאַרקט דעם פאַשיזם פון די אַנדערע לענדער און דאָס וואָלט געווען אַ קלאַפּ ניט נאָר פאַר די אַרבעטער און פאַר די האָרעפּאַשנע מאַסן פון פראַנקרייך, נאָר אויך פאַר די אַרבעטער און האָרעפּאַשנע מאַסן פון דער גאָרער וועלט. דער זיג פונעם פאַשיזם אין פראַנקרייך וואָלט פאַרשטאַרקט די פאַשיסטישע באַוועגונגען אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן און וואָלט געווען אַ ניי מיטל צו העלפן דעם קאַפּיטאַליזם פאַרשקלאַפן, אויסזויגן, צעטרעטן די ברייטע מאַסן. די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון פראַנקרייך איז געווען אינסטרומענטאַל אין אויפבויען דעם פאָלקס־פראָנט. די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון פראַנקרייך האָט געאַרבעט אונטער דער דירעקטער לייטונג פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די טראָצקיסטן האָבן זיך געשטעלט קעגן דעם פאָלקס־פראָנט.

די טראָצקיסטן שטייען קעגן דעם פאָלק־פראָנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די באַציאונג פון די טראָצקיסטן צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט, נאַטירלעך, דיקטירט דורך זייער באַציאונג צו דעם קאָמוניזם בכלל. גראָד אין דער צייט, ווען די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך אָפּגערייניקט פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע שפּאַלטער און האָט אָנגעהויבן מאַכן דערפאָלג, גראָד אין דער צייט ווען זי האָט זיך געשטעלט אָן דעם שפּיץ פון גרויסע מאַסן אַרבעטסלאָזע, פאָרמולירנדיק זייערע פאָדערונגען און פירנדיק זיי אין צאָלרייכע קאַמפּן פאַר ברויט, פאַר אַרבעטסלאָזיקייט־פאַרזיכערונג, גראָד אין דער צייט ווען די פאַרטיי האָט פאַרגרעסערט אירע פאַרבינדונגען מיט די אַרבעטער אין די

פֿונדאַמענטאַלע אינדוסטריען, בילדנדיק זייער קעמפֿערישסטן און קלאַסן־באַוואוסטזיניקן אַוואַנגאַרד, גראָד אין דער צייט, וואָס די פֿאַרטיי האָט אָנגעהויבן צו פֿונקציאָנירן ווי אַן אמת׳ע קאָמוניסטישע פֿאַרטיי, וועלכע האָט גענומען באַאיינפֿלוסן אַפֿילו טיילן פֿון דער קליין־בורזשואַזיע מיט צוטרוי און האָט אָנגעהויבן באַאומרואיקן די הערשנדיקע קלאַסן, האָבן די טראָצקיסטן געהאַט צו זאָגן וועגן דער פֿאַרטיי אַט־וואָס:

„די קאָמוניסטישע פּאַטיי פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט אין אַלגעמיין צו פֿאַרצייכענען נאָר פֿוילעניש און צוריקטריט... די פֿירערשאַפֿט, וואָס איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אַף דער פֿאַרטיי הינטער איר רוקן בײַ דער זיבעטער קאָנווענשאָן, האָט אַרויסגעוויזן אַ טראַגישן באַנקראָט אַף אַלע געביטן (די פֿאַרטיי־פֿירערשאַפֿט איז אַף אַ געזעצלעכן אופֿן דערוויילט געוואָרן בײַ דער קאָנווענשאָן פֿון געזעצלעך־אויסגעקליבענע דעלעגאַטן נאָך אַ צוויי־מאָנאַטלעכער דיסקוסיע אין די יוניטס פֿון דער פֿאַרטיי, אין סעקשאָן- און דיסטריקט־קאָנפֿערענצן וועגן די פּראָבלעמען פֿונעם טאָג, דער פּראָגראַם און טאַקטיק פֿון דער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי.—מ. אָ.). דער קריזיס אין דער פֿירערשאַפֿט פֿון דער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי האָט אָנגענומען אַ פּערמאַנענטן כאַראַקטער, ער פֿאַרגרעסערט און פֿאַרשאַרפֿט זיך אין אַ דירעקטער פּראָפּאָרציע צו די וואַקסנדיקע מעגלעכקייטן פֿון דערפֿאָלג (גראָד אין יענער צייט האָט די פֿירערשאַפֿט פֿון דער פֿאַרטיי מער און מער געוואונען דעם צוטרוי פֿון דער מאַסע אַף אַזאַ אופֿן, וואָס איז ביז דעמאָלט גאָר ניט געווען באַקאַנט אין דער געשיכטע פֿון דער פֿאַרטיי. צום ערשטן מאָל איז איינגעפֿירט געוואָרן אַן אמת׳ע פֿאַרשטענדעניש און קעגנזייטיקער צוטרוי צווישן דער פֿירערשאַפֿט און דער מאַסע פֿון דער פֿאַרטיי.. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ נייעם גייסט פֿון מונטערקייט און ענטוזיאַזם צווישן פֿאַרטיי־מיטגלידער — אַ גייסט, וועלכער האָט אָנגעשטעקט אויך ניט־פֿאַרטייאישע מענטשן.—מ. אָ.). די פֿאַרטיי־מיטגלידער ווערן פֿאַרוואַלטעט ווי פּאָליטישע שקלאַפֿן. דער רעזשים ווערט מער און מער מעכאַניזירט; יעדער סאָרט פֿון לעבעדיקן און פֿרייען אינעווייניקסטן לעבן, יעדע איניציאַטיווע, יעדע אונטערזוכונג און דיסקוסיע וועגן לעבנס־וויכטיקע פּראָבלעמען ווערן דערוואָרגן ווי נאָר זיי באַווייזן זיך (דאָס איז געווען גראָד די צייט, ווען די כוואַליע פֿון מאַסן־סטרייקס, אין וועלכע די פֿאַרטיי האָט זיך באַטייליקט, און די באַוועגונג פֿון די אַרבעטסלאָזע, אין וועלכער די פֿאַרטיי האָט גענומען די איניציאַטיווע און וועלכע זי האָט אָרגאַניזירט און געפֿירט, האָט נויטיק געמאַכט די ברייטסטע דיסקוסיע וועגן די נייע אויפֿגאַבן, וואָס שטייען פֿאַר דער פֿאַרטיי, די נייע אַרבעטס־מעטאָדן, וואָס דאַרפֿן אָנגעווענדט ווערן, און די איניציאַטיווע פֿון אונטן, וואָס דאַרף סטימו-

לירט ווערן. גראָד אין יענער צייט האָט אַ נײַ לעבן זיך אַרײַנגעגאָסן אין די פונדאַמענטאַלע יוניטס פון דער פּאַרטיי, און צום ערשטן מאָל אין אַ סך יאָרן האָט אַן אמת'ער פולסירנדיקער לעבנס-גייסט דורכ-געדרונגען אַ סך טיילן פון דער פּאַרטיי.—מ. אָ.). די מיטגלידערשאַפט לערנט מען אַ רעאַקציאָנערע פאַראַכטונג פאַר טעאָרעטישע באַטראַכטונ-גען און אָנשטאָט דעם שטעקט מען זי אָן מיט אַ וואולגאַרער „פּראַק-טישקייט". מען זאָגט איר פּאַקטיש צו טאָן די אַרבעט, וואָס מען הייסט איר טאָן, און ניט צו דענקען אָדער צו דיסקוטירן וועגן איר. (אין די לעצטע עטלעכע יאָר, דער עיקר זינט די פּאַרטיי איז פאַר-אייניקט געוואָרן אין 1929, האָט דער פאַרקויף פון ליטעראַטור זיך פאַרגרעסערט אין אַ ריזיקער מאָס. פונדאַמענטאַלע ווערק פון מאַרקס, ענגעלס, לענין, סטאַלין זײַנען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די פּאַרטיי-מיטגלידער און צווישן די אַרבעטער בכלל אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן. רײַכע ביבליאָטעקן פון פּאַמפלעטן, וואָס באַהאַנדלען יעדער פאַזע פון דעם אַמעריקאַנישן און אַלוועלטלעכן לעבן, זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן. פּאַרטיי-פּראָבלעמען, אין דער ערשטער ליניע די נויטווענדיקייט פון טעאָרעטישן שטודיום, ווערן דיסקוטירט ניט נאָר אין פאַרמאַכטע פּאַרטיי-יוניטס, נאָר אויך אין אָפענע מיטגלידער-פאַרזאַמלונגען, צו וועלכע אַלערליי אַרבעטער ווערן צוגעלאָזט. קיינ-מאָל האָט די פּאַרטיי ניט געפירט אַזאַ אינטענסיוון אידעאָלאָגישן לעבן, ווי איצט.—מ. אָ.). זי ווערט נאָכאַנאַנד איבערראַשט מיט נײַע „ווענדונגען", אין וועלכע די אַלטע פּאָליטיק ווערט פּונקט אַזוי ווייניק דערקלערט אַלס אומנויטיק, ווי די נײַע פּאָליטיק ווערט באַרעכטיקט (אויב די פּאַרטיי וואָלט זיך ניט צוגעפּאַסט צו נײַע באַדינגונגען, וואָלטן די טראָצקיסטן געזאָגט, אַז זי פוילט; ווען די פּאַרטיי פּאַסט זיך יאָ צו צו געענדערטע באַדינגונגען, זאָגן זיי אַז די פּאַרטיי מאַכט „פּלוצלונגדיקע ווענדונגען".—מ. אָ.)." („מיליטאַנט", 25טן יולי, 1931, „טעזיסן פאַר דער פאַר-קאָנווענשאָן דיסקוסיע".)

דער אומדערפאַרענער לייענער, זעענדיק אַז די טראָצקיסטן באַ-שולדיקן די פּאַרטיי אין דעם וואָס זיי רופן ביוראָקראַטיזם און „פוילעניש", וואָלט מסתמא געקומען צו דעם אויספיר, אַז דאָס זײַנען פײַנע באָלשעוויקעס, וועלכע טראַכטן נאָר וועגן איין זאַך — ווי אײַלט מען אונטער די וועלט-רעוואָלוציע. דער אמת איז אָבער, אַז זיי זײַנען פּונקט דער קעגנזאַץ פון באָלשעוויקעס. דער אמת איז, אַז זיי האָבן מורא פאַר אַ רעוואָלוציע און זיי ווילן איר שטערן מיט אַלע מיטלען. גענוג צו ברענגען די פאָלגנדיקע „פאָדערונג", וואָס זיי האָבן אין 1931, אין סאַמע ברען פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס, אַרויסגעשטעלט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי:

> „די פּאַרטיי מוז זיך אָפּזאָגן פון איר איבערגעטריבענעם אַנאַליז וועגן דעם טעמפּאָ פון דער אַנטוויקלונג פון דעם אַרבעטער-קלאַס און מוז צופּאַסן איר קורס צו דער רעאַלער פּאַרהעלטעניש פון קרעפטן אין דעם קלאַסן-קאַמף און צו דעם גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג. די פּאַרטיי מוז זיך ענדגילטיק באַפרייען פון דעם שעדלעכן באַגאַזש פון די רעשטן פון דעם „דריטן פּעריאָד" און דער עיקר פון דער טעאָריע פון „סאָציאַל-פאַשיזם"." (דאַרטן).

די טראָצקיסטן האָבן געהאַלטן אין 1931, אַז די פּאַרטיי שאַצט איבער דעם טעמפּאָ פון דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. די טראָצקיסטן האָבן ניט געגלויבט און גלויבן ניט, אַז עס איז דאָ אַזאַ אַנטוויקלונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. צוויי יאָר נאָך דעם אָנהויב פון דעם קריזיס האָבן זיי געלייקנט די מעגלעכקייט פון אַ רעוואָלוציאָנערן אויפשוואונג. זיי האָבן אַלץ נאָך דערקלערט, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ מין זאַך, ווי דער דריטער פּעריאָד. זיי זיינען באַשטאַנען דערויף, אַז קיין ראַדיקאַליזאַציע קומט נישט פאָר. מער פון אַלצדינג האָט זיי געערגערט, וואָס די קאָמוניסטן רופן די וואַלדמאַנס, סאָלאָמאָנס, ליס, קאַהאַנס און אַנדערע רעאַקציאָנערן פון דער פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט זייער ריכטיקן נאָמען. די טראָצקיסטן פון די פּאַראייניקטע שטאַטן האָבן נישט גערעכנט, אַז אָט די רעאַקציאָנערע פּאַרשוינען, וואָס האָבן שפּעטער געבילדעט די גרופּע פון דער „אַלטער גוואַרדיע" און האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווייל די פּאַרטיי איז פאַר זיי בלומרשט געווען „צו לינק", פאַרדינען די שאַרפע קריטיק. בא די קענאָנס און שעכטמאַנס און טראָצקיס איז אויסגעקומען, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז באַגאַנגען אַן עולה, ווען זי האָט אַרונטערגעריסן אָט די רעאַקציאָנערן.

עס זיינען אַריבער פינף יאָר. די שאַרף פונעם עקאָנאָמישן קריזיס איז טיילווייז אָפּגעטעמפּט געוואָרן, די בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבן אַריינצוקריגן נייע פּראָפיטן, אָבער די אַרבעטסלאָזיקייט איז געבליבן זייער גרויס. דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון די מאַסן איז געפאַלן. די אומצופרידנקייט פון דער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג איז געשטיגן. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. עס איז געגרינדעט געוואָרן דער „קאָמיטעט פאַר אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע" („סי. אַי. אָ.") — דער בעסטער אויסדרוק פון דער ראַדיקאַליזירונג פון די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. עס איז פאָרגעקומען דאָס, וואָס וועט

פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס ווי איינער פון זיינע וויכטיקסטע טריט — אַ ריס מיט דער אַלטער פירערשאַפט פון דער א. פ. אָוו ל. די אומצופרידנקייט פון די מאַסן האָט געדראָעט אָנצונעמען ברייטערע און מער עפעקטיווע פאָרמען (מיר האָבן דאָס שפּעטער געזען אין דעם גרויסן אָטאָמאָביל־סטרייק, אין דעם מאַרין־סטרייק און אין אַ ריי אַנדערע וויכטיקע סטרייקס). די גרויס־בורזשואַזיע האָט זיך אָנגעהויבן באַוואָרענען דורך דער אָרגאַני־זאַציע פון פאַשיסטישע קרעפטן. די „ליבערטי ליג" איז געגרינדעט געוואָרן אַלס די אַגענטור פון רעאַקציע און פאַשיזם. צו הילף דער „ליבערטי ליג" איז געקומען דער הוירסט־אַפּאַראַט. עס האָבן זיך באַוויזן קאָגלין און אַ גאַנצע גרופּע אַנדערע פאַשיסטן און פאַשיס־טישע אַרויסהעלפער. די פאַשיסטישע געפאַר אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז געוואַקסן.

אין די וואַלן פון 1936 האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַרויס־גערוקט דעם איינציק־ריכטיקן, איינציק־ווירקזאַמען לאָזונג: באַזיגן די רעאַקציע, צוריקשטויסן די קרעפטן פונעם פאַשיזם, קעמפן פאַר דעם פאַראייניקטן פראָנט און דעם פאָלקס־פראָנט. די גרעסטע געפאַר, האָט געזאָגט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, איז די לענדאָן־געפאַר. רוזוועלט איז אויך נישט קיין באַריער קעגן פאַשיזם, רעאַקציע און מלחמה, אָבער די לענדאָן־הוירסט־ליבערטי ליג־קאָמבינאַציע מוז באַזיגט ווערן אונטער אַלע אומשטענדן, האָט דערקלערט די קאָמוניסטישע וואַל־פּלאַטפאָרמע. אין דער זעלביקער צייט מוז געבויט ווערן די פאַרמער־לייבאָר־פּאַרטיי. אַזוי ווי עס האָבן זיך אין דער זעלביקער צייט גע־בילדעט „נאָן־פּאַרטיזאַן ליגס" פון פאַרטרעטער פון יוניאָנס, וועלכע האָבן אויך אַרויסגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון אַ פאַרמער־לייבאָר־פּאַרטיי, כאָטש זיי האָבן געשטיצט בײַ די וואַלן פון 1936 די קאַנדידאַטור פון רוזוועלט'ן, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געשטיצט די ליגס, אונטער־שטרייכנדיק דערביי, אַז רוזוועלט איז נים קיין שוץ־וואַנט קעגן רע־אַקציע און פאַשיזם און אַז די אַרבעטער דאַרפן שטימען פאַר דעם קאָמוניסטישן קאַנדידאַט אַלס דעם פאַרטרעטער פון דער פּאַרטיי, וואָס בויט די פאַרמער־לייבאָר־פּאַרטיי.

וואָס איז דערביי געווען די שטעלונג פון די טראָצקיסטן? די טראָצקיסטן, וועלכע זיינען שוין אין יענער צייט געווען פאַראייניקט מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָבן געהאַלטן אין איין אויפוואַרפן

דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען אַף רעכטס. באַ זיי איז אויסגעקומען, אַז עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן דעם לענדאָן־לאַגער און דעם רוזוועלט־לאַגער. זיי האָבן זיך אַנגעטאָן אין אַ גלאַנצנדיקן מאַנטל פון כלומרשט־רעוואָלוציאָנערע פראַזן און האָבן געזידלט דעם, אַז רוזוועלט איז פּונקט אַזאַ קאַפּיטאַליסטישער פאַרטרעטער ווי לענדאָן — וואָס דערמיט האָבן זיי נאָר געהאָלפן די קרעפטן פון דער רעאַקציע. זיי האָבן דערביי געטאָן די זעלביקע אַרבעט, וואָס זייערע שותפים אין מאַדריד האָבן געטאָן, ווען זיי האָבן דערקלערט, אַז פראַנקאָ׳ס לאַגער און דער לאַגער פון דער פאָלקס־פראָנט־רעגירונג איז איין און די זעלביקע זאַך. זיי האָבן אַרויסגערוקט דעם לאָזונג: קאַמף פאַר סאָציאַליזם אין 1936, ווען דער דאָזיקער קאַמף איז ניט געשטאַנען אַף דער טאָג־אָרדענונג. זיי האָבן דערמיט אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסן פון דעם קאַמף קעגן פאַשיזם, וואָס איז פּאַקטיש געשטאַנען פאַר זיי. און אַ כּלל האָבן מיר, אַז ווען מען ציט אָפּ די אויגן פון די מאַסן פון דער ווירקלעכער געפאַר פון רעאַקציע און פאַשיזם, הייסט דאָס, אַז מען פאַרראַט די אַרבעטער־מאַס. די טראָצקיסטן האָבן ניט אויפגעהערט פאַרראַטן די אַרבעטער־מאַסן.

אָט איז איין ביישפּיל פון טויזנט. ווען די טראָצקיסטן זיינען נאָך געווען אַ זעלבסטשטענדיקע גרופּע, האָבן זיי דאָך ניט געקענט אַרויסשטעלן אין די וואַלן קיין אייגענע קאַנדידאַטן און פלעגן אַף אַ היפּאָקריטישן אופן „אינדאָסירן" די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. איז אָט ווי אַזוי זיי האָבן דאָס געטאָן. אויבן איבער אַ קעפּל פון זייער זשורנאַל „מיליטאַנט" שרייבן זיי: „שטימט קאָמוניסטיש". איז דאַכט זיך גוט? אין דעם אַרטיקל גופא דערקלערן זיי אָבער, אַז די שטימען דאַרפן ווייזן, „ווי אַזוי די שלעכטע סטאַליניסטישע פּאָליטיק און פּראָגראַם האָבן נעגאַטיוו אָפּגעשטויסן די לינקע באַוועגונג". מיט אַנדערע ווערטער: זיי רופן די וויילער, אַז זיי זאָלן ווייזן, אַז די קאָמוניסטן זיינען אומגערעכט, אַז די סטאַליניסטישע פּאָליטיק איז שלעכט און אַז זי שטויסט אָפּ פון די קאָמוניסטן די לינקע מאַסן. ווי אַזוי קענען זיי דאָס ווייזן? נאַטירלעך דורך דעם, וואָס זיי וועלן זיך אָפּהאַלטן פון שטימען פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

שווינדל? אודאי. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע געווער אין דעם אַרסענאַל פון די טראָצקיסטן. אַף זייער לשון רופן זיי דאָס: „סטראַ־

טעגיע". די סטראַטעגיע פון רענעגאַטן־פאַררעטער.

עס וואָלט נויטיק געווען זיך אָפּצושטעלן אַף דער פּראַקטישער טעטיקייט פון די טראָצקיסטן אַרום דער באַוועגונג פון די אַרבעטסלאָזע און אַרום די סטרייקס. פון דעם אויבנדערמאָנטן איז שוין קלאָר, אַז די טראָצקיסטן קענען ניט זיין קיין קאָנסטרוקטיווע קראַפט, וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען. אומעטום ברענגען זיי אַריין זייער גייסט פון צעשטערונג, זייער אינעווייניקסטע פאַלשקייט, זייער אויפריים־פּאָליטיק. אָט זיינען אַ פּאָר ביישפּילן.

אין נאָוועמבער 1932 אָרגאַניזירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַ הונגער־מאַרש קיין וואַשינגטאָן. דער הונגער־מאַרש איז אַן אמת'ע באַוועגונג פונעם פאַראייניקטן פראָנט. די דעלעגאַטן ווערן אויסגע־קליבן בא פאַרזאַמלונגען פון יוניאָנס, אַרבעטסלאָזע קאַונסילס, אַף מאַסן־מיטינגען, מאַסן־קאָנפערענצן. די ריזיקע מערהייט פון די דעלע־גאַטן זיינען ניט־פּאַרטייאישע אַרבעטער. אַ סך פון זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן אָנטיילגענומען אין אַ מאַסן־אַקציע. דער הונגער־מאַרש איז איינער פון די היסטאָרישע אַקציעס פונעם אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע. די טראָצקיסטן, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט פאַר־נומען מיט פאָדערן אַ פאַראייניקטן פראָנט, הערן ניט אויף צו גיסן גאַל אין פאַרבינדונג מיטן הונגער־מאַרש. וואָס האָבן זיי דאָ צו זאָגן? וואָס איז שלעכט? זיי שטעלן אַרויס די טענה, אַז די פירער־שאַפט פון דעם הונגער־מאַרש פרייידיקט ניט קיין אַרבעטסלאָזיקייט־פאַרזיכערונג. „באַלדיקע רעליף דאַרף פאַרבייטן די אַרבעטלאָזיקייט־פאַרזיכערונג אַלס דער וויכטיקסטער צענטראַלער לאָזונג" בא די פירער פונעם הונגער־מאַרש, שרייבן זיי. דער אויספיר איז, אַז דער הונגער־מאַרש דאַרף ניט געשטיצט ווערן. זיי זאָגן דאָס ניט אָפן; זיי דער־קלערן אָבער, אַז אַרבעט פאַרן הונגער־מאַרש איז „אונטערגעאָרדנעטע קאָמוניסטישע הילפס־אַרבעט", ד. ה., אַז אַרבעט פאַרן הונגער־מאַרש איז ניט קיין אַרבעט פאַר די אַרבעטסלאָזע און פאַרן אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע, נאָר הילפס־אַרבעט פאַר דער קאָמוניסטישער אַפּרטיי. אפילו דער „פאָרווערטס" אין יענער צייט האָט ניט געהאַט דעם מוט צו דערקלערן, אַז דער הונגער־מאַרש איז „אַ קאָמוניסטישע מאַכע־רייקע"". די טראָצקיסטן אָבער האָבן דאָס דערקלערט — און געטאָן האָבן זיי דאָס אונטער דער מאַסקע פון רעוואָלוציאָנערע פראַזן. עס האָט זיך באַקומען, אַז זיי שטעלן זיך איין פאַרן לאָזונג פון אַרבעטס־

לאָזיקייט־פאַרזיכערונג, וועלכע די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט כלומרשט פּאַרוואָרפן, בשעת אין אמת'ן איז דער לאָזונג פון דעם הונגער־מאַרש, ווי פון דער גאַנצער באַוועגונג פון אַרבעטסלאָזע, ווי פון דער גאַנצער טעטיקייט פון די לינקע, געווען סיי פאַר באַלדיקער רעליף, סיי אַרבעטס־לאָזיקייט־פאַרזיכערונג.

ווען די טראָצקיסטן געלינגט זיך ערגעץ־וואו צוצושטעפּן צו אַ סטרייק־באַוועגונג, טוען זיי די אַרבעט פון שעדיקן דעם סטרייק. אין פּעטערסאָן איז פאָרגעקומען אַ טעקסטיל־סטרייק אין סעפּטעמבער און אָקטאָבער 1933. דער סטרייק איז פאַרראַטן געוואָרן דורך די לאָוו־סטאָניסטן קעלער און רובינשטיין. דער אָנטייל פון די טראָצקיסטן האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט די יוניאָן־ביוראָקראַטן. די טראָצקיסטן האָבן באַשימפּט די קאָמוניסטן, רופנדיק זיי פאַררעטער און שפּאַלטער, בשעת קעלער'ן און רובינ־שטיינ'ען האָבן זיי געלויבט ווי די אמת'ע קעמפער.

איין מאָל איז זיי געלונגען צו שפּילן אַ פירנדיקע ראָלע אין אַ סטרייק. דאָס איז געווען דער טראָק־דרייווערס סטרייק אין מינעאַפּאָליס אינעם זומער פון 1934. דריי טראָצקיסטן: בראַון, דאָן און סקאָגלונד זיינען געווען די פירער פון לאָקאַל 574 פון דער „דזשענעראַל דרייווערס יוניאָן", אונטער וועמעס פירערשאַפט עס איז פאָרגעקומען דער סטרייק. די טראָצקיסטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי די אמת'ע רעפאָרמיסטן.

די באַלעבאַטים האָבן, ווי דער שטיינער איז, אויפגעהויבן אַ גוואַלד וועגן „רויטע". די טראָצקיסטישע פירער פונעם לאָקאַל 574, אַנשטאָט צו דערקלערן די אַרבעטער די באַדייטונג פון אַזאַ געשריי און אַנשטאָט אויפצוקלערן פאַר זיי די אישום פון דעם סטרייק, האָבן זיך גענומען פאַרענטפערן, אַז זיי זיינען ניט קיין קאָמוניסטן. די כלומרשט „לינקע", וואָס וויקלען זיך נאָכאַנאַנד אין רעוואָלוציאָנערע פראַזן, האָבן זיך זייער לייכט אָפּגעטרייסלט פון דעם נאָמען קאָמוניסטן. אין אַ בלעטל, וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אין דער צייט פונעם סטרייק, לייענען מיר:

> „דערלאָזט נישט, אַז דער געשריי וועגן רויטע זאָל אייך אָפּהאַלטן פון קומען צום מיטינג. אויב מיר וואָלטן געווען „רויטע" אָדער „קאָמוניסטן", פאַרוואָס וואָלטן מיר נים אָפּגעשטעלט אויך די אויל־אינדוסטריע און אַרויסגעפירט די אַרבעטער אין אַ סטרייק? דאָרט האָבן מיר דאָך אַ גרויסן טייל פון אונזער אָרגאַניזאַציע."

אָט די טאַקטיק פון לייקענען שטיין און בײַן איז געלויבט געוואָרן אין דעם צענטראַל־אָרגאַן פון די טראָצקיסטן, דעם „מיליטאַנט״. עס האָט געהייסן, אַז די טראָצקיסטן האָבן „באַגעגנט די אישו פנים אל פנים״.

„אין סאַן פראַנציסקאָ האָט דער געשריי „קאָמוניסטן דורכגעריסן אַ טיפּן לאָך אין דעם סטרייק-פראָנט. אין מינעאַפּאָליס איז דאָס איגנאָנצן ניט געלונגען. די פירער האָבן באַגעגנט די אישו פנים אל פנים. זיי האָבן זיך ניט געאײַלט צו דער פּרעסע צו לייקענען די באַשולדיקונגען. אויך האָבן זיי ניט געשריגן פאַר דער גאַנצער וועלט וועגן זייערע מיינונגען.״ („מיליטאַנט״, 25טן אויגוסט 1934.)

די שטימונג אין מינעאַפּאָליס אין יענער צײַט איז געווען פאַר אַ גענעראַל־סטרייק. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגערוקט דעם געדאַנק, אַז עס זאָל גערופן ווערן אַ פאַראייניקטע אַרבעטער־קאָנפערענץ, וועלכע זאָל באַשטימען די פראַגע וועגן אַ גענראַל־סטרייק. דער צוועק פון דעם גענעראַל־סטרייק האָט געדאַרפט זײַן „צו קעמפן פאַר דעם רעכט פון די אַרבעטער אָנצושליסן זיך אין יוניאָנס לויט זייער אייגענעם ווילן, פאַר דעם רעכט צו פּיקעטן, פאַר דער פרײַהייט פון רעדע און פאַרזאַמלונג, פאַר באַפרייען אַלע אונזערע ברידער, וואָס זײַנען אַרעסטירט, און פאַר אָפּשאַפן אַלע מיליטערישע רעגולאַציעס, וועלכע דראָען צו ברעכן דעם סטרייק״. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אָנגעוויזן אויף די דערפאַרונגען פון סאַן פראַנציסקאָ, וואו אַ גענעראַל־סטרייק האָט אָפּגעשטעלט כמעט דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן אויף פינף טעג. די קאָמוניסטן האָבן געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ס׳איז מעגלעך געווען אין סאַן פראַנציסקאָ, קען אויך מעגלעך זײַן אין מינעאַפּאָליס. די טראָצקיסטן האָבן פאַר זיך געזען אַזאַ ריזיקן סענטימענט צווישן די אַרבעטער לטובת אַ גענעראַל־סטרייק, אַז זיי האָבן ניט געהאַט דעם מוט זיך אָפּן צו שטעלן קעגן. וואָס־זשע האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן נישט גערופן קיין אַלגעמיינע אַרבעטער־קאָנפערענץ, וועלכע זאָל באַשטימען די פראַגע, ווײַל אַזאַ אַלגעמיינע אַרבעטער־קאָנפרענץ וואָלט געפּאַסט דעם באַשלוס לטובת אַ גענעראַל־סטרייק. אָנשטאָט דעם האָבן זיי איבערגעגעבן די פראַגע צו די פירער פון דער א. פ. אָוו ל. אין מינעסאָטאַ. זיי זײַנען געווען זיכער, אַז אָט די ביוראָקראַטישע פירער וועלן זײַן קעגן דעם גענעראַל־סטרייק.

דער „אָרגאַנייזער״, אָפיציעלער סטרייק־אָרגאַן אונטער דער

פירערשאַפט פון די טראָצקיסטן, האָט געשריבן דעם 18טן אויגוסט, 1934:

„אַזוי ווי אַלע קרעפטן פון קאַפּיטאַל פירן דורך אַ קאָנצענטרירטע אַטאַקע אויף דעם לאָקאַל 574, שטייט די פראַגע: צי זיינען די אַרבעטער גרייט אַרויסצופירן זייערע אייגענע רעזערוון, צו אָנהויבן אַן אַקציע (ד. ה., צו רופן אַ גענעראַל-סטרייק.—מ. אַ.)? דאָס איז די פראַגע. דעם ענטפער דאַרפן געבן, ערשטנס, די פירער פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין מינעאַפּאָליס, צווייטנס, די רענק און פייל פון אינ-דיווידועלע יוניאָנס, וועלכע האָבן די מאַכט צו אַנטשיידן.”

„די פירער פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער” — דאָס זיינען די ביוראָקראַטן פון דער סענטראַל לייבאָר יוניאָן פון מינעאַפּאָליס, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט ציין און נעגל קעגן דעם גענעראַל־סטרייק.

דער גענעראַל־סטרייק איז נישט גערופן געוואָרן. די פאָדערונגען פון די טראָק־דרייווערס זיינען נישט באַפרידיקט געוואָרן, כאָטש די אַרבעטער וואָלטן געקענט צווינגען די באַלעבאַטים נאָכצוגעבן, ווען זיי מאָביליזירן אַלע זייערע קרעפטן.

אָט אַזוי האַנדלען טראָצקיסטן.

אינעם גרויסן ראָבער־סטרייק אין עקראָן, אָהייאָ, אין 1935 — איינער פון די פאַרביטערטסטע קאַמפן קעגן אַ ריזיקן טראַסט — האָבן די אַרבעטער געוואונען וויכטיקע קאָנצעסיעס. אָנגעפירט האָט מיט דעם סטרייק די ראָבער־אַרבעטער־יוניאָן. עס האָט שוין געהאַלטן באַם דערפירן דעם סטרייק צו אַ זיגרייכן סוף, ווען די טראָצקיסטן האָבן אַרויסגעלאָזט אַ ליפלעט, אין וועלכן זיי האָבן אַטאַקירט די יוניאָן מיט די ערגסטע ווערטער. די יוניאָן איז פאַר זיי ניט געווען גוט גענוג. דער ליפלעט איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די אַרבעטער. דער צוועק איז געווען — ברעכן דעם סעטלמענט.

ווער וואָלט דערפון געוואונען?

אין דער צייט פון דעם לעצטן מאַרין־אַרבעטער סטרייק אין סאַן פראַנציסקאָ אונטער דער פירערשאַפט פון אַ פּאַראַייניקטער „מאַריטאַים פעדערייש אָן” מיט דעם באַליבטן פירער הערי ברידזשעס אַן דעם שפּיץ, האָבן די טראָצקיסטן אַרויסגעלאָזט אַ בלעטל, אין וועלכן זיי האָבן אַטאַקירט ברידזשעס'ן און דערקלערט, אַז ער איז אַן אַגענט פון דזשאָ־זעף ראַיען. דזשאָזעף ראַיען איז איינער פון די רעאַקציאָנערסטע פירער אין דער א. פ. אָוו ל. אַלס פּרעזידענט פון לאָנגשאָרמען'ס יוניאָן האָט

ער געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקענט, צו ברעכן דעם סטרייק פון די מאַרין־אַרבעטער אַפן אַטלאַנטישן ים־ברעג. דזשאָזעף ראַיען איז דער ביטערסטער שונא פון הערי ברידזשעס׳ן. דאָס ווייסט דאָס גאַנצע לאַנד. דאָס ווייסן די מאַרין־אַרבעטער. אָבער דאָס האָט ניט אָפּגע־שטעלט די טראָצקיסטן פון אַטאַקירן ברידזשעס׳ן גראָד אין דעם מאָמענט, ווען די מאַרין־אַרבעטער זיינען געשטאַנען אינמיטן אַן איינגעשפּאַרטן פאַרביטערטן קאַמף קעגן די שיף־באַלעבאַטים, און פון באַשולדיקן אים אין פאַרטרעטן דעם רעאַקציאָנער ראַיען׳ען. דער ליפּלעט האָט געהאַט נאָר איין צוועק — אונטערגראָבן דעם סטרייק, ברעכן די אייניקייט פון די סטרייקער. דערביי, ווי געוויינטלעך, האָבן די ברעכער זיך פאַרדעקט מיט לינקע „רעוואָלוציאָנערע ״פראַזן.

איינע פון די שענסטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס די אַרבעטער פון אַמעריקע פאַרמאָגן, איז די „וואָרקערס אַלייענס״ — אַ פאַראייניקונג פון אַלע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטסלאָזע. אין אָנהויב 1937 איז פאָר־געקומען אַ דעמאָנסטראַציע פון פאַרטרעטער פון דער „וואָרקערס אַלייענס״ אין וואַשינגטאָן. די טראָצקיסטן האָבן אַרויסגעלאָזט אַ בלעטל, אין וועלכן זיי האָבן אַטאַקירט די „אַלייענס״, סיי איר פּראָגראַם און טאַקטיק, סיי איר פירערשאַפט, סיי די דעמאָנסטראַציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ פּראַכטפולן אופן.

מען וואָלט אַזוי געקענט גיין פון סטרייק צו סטרייק, פון דעמאָנ־סטראַציע צו דעמאָנסטראַציע צו באַווייזן, אַז וואו נאָר די טראָצקיסטן האָבן אַ האַנט — זיי האָבן זעלטן וואו אַ האַנט, ווייל זיי זיינען אַ קליין הייפל צעיושעטע האַלב־אינטעליגענטן און וואָרצלען אין דער מאַסע — באַצוועקן זיי נאָר צו ברעכן די אייניקייט פון די אַרבעטער און שעדיקן זייער באַוועגונג.

:: :: ::

וואָס איז די אמת׳ע ראָלע פון די טראָצקיסטן ?

זיי דערציילן אַ מעשה, אַז זיי זיינען געוואַלטיק פאַראינטערעסירט מיטן דערפאָלג פון דער וועלט־רעוואָלוציע. אין דער אמת׳ן שטערן זיי די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג דורך זייער פּראָפּאַגאַנדע און זייער טאַקטיק. זיי דיסקרעדיטירן די רעוואָלוציאָנערע טעאָריע און די רעוואָ־לוציאָנערע פּראַקטיק.

אין איינעם פון זייערע „טעזיסן״ האָבן זיי אַט־וואָס געזאָגט:

„עס איז נישט דער צוועק פון דער לינקער אָפּאָזיציע צו אָרגאַניזירן א נייע פּאַרטיי פון האַלב־רעפאָרמיסטישע, האַלב־סינדיקאַליסטישע, דעמאָראַליזירטע, פּאַסיווע, אויסגעברענטע עלעמענטן באַם ראַנד פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג." די טראָצקיסטן האָבן ניט־ווילנדיק זייער גוט כאַראַקטעריזירט זיך אַליין. די דאָזיקע פאַרשווינען האָבן גאָרניט אחוץ האַס. האַס פאַר דער לעבעדיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די מאַסן, האַס פאַר דער אָרגאַניזירטער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וואָס פירט אָן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האַס פאַר דעם דעמאָקראַטישן צענטראַליזם, וועלכער גאַראַנטירט א מאַקסימום קראַפט מיט א מאַקסימום איניציאַטיווע פון אונטן אין א באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, האַס פאַר דעם מוסטער פון באָלשעוויזם — דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האַס פאַר די פירער פון דער פּאַרטיי, און האַס פאַר דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין זייער האַס קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און דעם באָלשעוויזם גערברויכן זיי די זעלביקע שפּראַך, ווי הוירסט, העמילטאָן פיש, מעטיו וואָל און אב. קאַהאַן.

אָט איז א ציטאַטע פון דעם „מיליטאַנט" פאַרן 10טן פעברואַר, 1934:

> „עס איז אַ פאַקט, אַז אויב די פאַשיסטן, אין זייער קאַמף פאַר מאַכט, האָבן אַ סך געבאָרגט באַם באָלשעוויזם, האָט די סאָוועטישע ביוראָקראַטיע אינעם לעצטן פעריאָד זיך באַקאַנט מיט אַ סך אייגנשאַפטן פון דעם זיגרייכן פאַשיזם (אונטערגעשטראָכן פון אונז.— מ. אָ.), קודם כל אין פרט פון באַפרייען זיך פון דעם פּאַרטיי־קאָנטראָל און עטאַבלירן דעם קולט פון דעם פירער."

מיט אַן אומשולדיקער מינע, ווי די פרומע קאַץ באַ פרצ'ן, פרעגן די טראָצקיסטן: פאַרוואָס איז די דיקטאַטור פונעם ארבעטער־קלאַס אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַזוי שטרענג? סאָציאַליזם, זאָגן זיי, הייסט דאָך די אָפּשאַפונג פון קלאַסן. אויב די קלאַסן ווערן אָפּגעשאַפט, הייסט דאָס דאָך, אַז קיין אינעווייניקסטער פיינט איז מער ניטאָ. טאָ וואָס־זשע דאַרף מען האָבן די דיקטאַטור?

> „דער שטרענגער כאַראַקטער פון דער דיקטאַטור נעמט זיך פון דער נויטווענדיקייט צו אונטערדריקן דעם ווידערשטאַנד פון די אומגעשטירצטע הערשנדיקע קלאַסן און אונטערצוגראָבן זייערע עקאָ-

נאָמישע וואַרצלען. אָבער ווערליק דער אָפיציעלער טעאָריע איז דאָך די הויפּט-אויפגאַבע פון דער אַרבעטער-מלוכה אין אַלגעמיין דערגרייכט. דער צווייטער פינף-יאָר-פּלאַן וועט נאָר דאַרפן דאָס פאַרענדיקן.״

פונדעסטוועגן זעען מיר, אַז

„דער צווייטער פינף-יאָר-פּלאַן . . . זעט ניט פאָרויס קיין שום אָפּשוואַכונג פון דער רעגירונגס-צוואַנג און קיין פאַרקלענערונג אין דעם בודזשעט פון דער ג.פּ.או. די הערשנדיקע ביוראָקראַטיע גרייט זיך ניט אַפּן מינדסטן אופן אויפצוגעבן אירע הערשנדיקע פּאָזיציעס, פאַרקערט, זי באַוואָרנט זיי מיט נייע און מער מאַטעריעלע גאַראַנטיעס.״ („מיליטאַנט״, 10טן פעברואַר, 1934.)

ווען אָט די שורות זיינען געשריבן געוואָרן, האָבן די טראָצקיסטן פון אַמעריקע אָנגעהאַלטן אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיטן לעניניגראַדער צענטער, פון וועלכן עס איז אַרויסגעקומען דער מאָרד פון קיראָוו׳ן. האָבן זיי געוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון דעם מאָסקווער צענטער? האָבן זיי געוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון דעם „פּאַראַלעלן צענטער״? אודאי האָבן זיי געוואוסט. זיי האַלטן דאָך אָן פאַרבינדונגען דירעקט מיט טראָצקי׳ן. זיי ווייסן דאָך, וואָס עס טוט זיך אין זייערע גרופּעס. קענען מיר שוין זייער גוט פאַרשטיין, פאַרוואָס די פאַרשוויינען קלאָגן זיך אַף דער „שטרענגקייט״ פון דער דיקטאַטור פון דעם אַרבעטער-קלאַס פונעם סאָוועטן-פאַרבאַנד.

ווען זיי קלאָגן זיך קעגן דער „הערשנדיקער ביוראָקראַטיע״, ד. ה. קעגן דער סאָוועטישער מלוכה, קעגן דער ג.פּ.או., ד. ה. קעגן דער שוץ פון דער רעוואָלוציע, און קעגן דעם וואָס זיי רופן „צוואַנג״, ווען זיי זיינען אומצופרידן מיט דער דיסציפּלין פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווען זיי איבערטרייבן די „בייזקייט״ פון דער מלוכה אינעם סאָוועטן-פאַרבאַנד און דערציילן די מעשה, אַז די מלוכה איז נישט געווען אַזוי „בייז״ אפילו „אין די יאָרן פונעם בירגער-קריג״, פאַרטיידיקן זיי נאָר זיך אַליין. עס געפעלט זיי נישט, וואָס מען כאַפּט די מענטשן פון זייער גענג אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, וואָס מען כאַפּט זיי און מען באַשטראָפט זיי לויט זייערע פאַרברעכנס. זיי וואָלטן אַ בעלן געווען אַ „ווייכערע״ רעגירונג, וואו זיי זאָלן קענען טאָן זייער וויסטע אַרבעט מיט ווייניקער שטערונג, כדי סוף כל סוף איבערצוגעבן אוקראַינע אין די הענט פון היטלער׳ן און דעם וויטן מזרח אין די הענט פון די יאַפּאַנעזישע אימפּעריאַליסטן.

ווען זיי זעען, אַז זיי קענען גאָרנישט מאַכן מיט דער סאָוועטישער יוסטיץ, ווען זיי דערפילן אַף זייערע אייגענע פּלייצעס דעם דרוק פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה, וועלכע שטראָפט אירע קלאַסן־שונאים, רוקן זיי ארוים דעם רענעגאַט קענאָן, אַז ער זאָל פאָדערן אַקציע.

„מיר דערקלערן (זאָגט קענאָן), אַז די איצטיקע מעטאָדן פון דער סטאַלין-פירערשאַפט . . . דערלאַנגען אַ טויט-קלאַפּ דער רוסישער רעוואָ-לוציע גופא. די סטאַלין-גרופּע פירט דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, ווי זי האָט געפירט דעם דייטשישן אַרבעטער-קלאַס, מיט פאַרבונדענע אויגן צו אַ קאַטאַסטראָפע. דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-קלאַס איז די איינציקע קראַפט אין דער וועלט, וועלכע קען באַוואָרענען קעגן אָט דער קאַטאַסטראָפע. ער מוז דאָס טאָן צוליב זיין אייגענעם אינטערעס, ווי אויך צוליב דעם אינטערעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

„דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-קלאַס מוז קומען צו הילף דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד קעגן דער טויט-געפאַר, וועלכע דראָעט אים פון אינעווייניק.“ („ניו מיליטאַנט“, 22טן דעצעמבער, 1934.)

לאָזן מיר אָן אַ זייט די אַלע דעקלאַראַציעס וועגן ליבשאַפט צו דער אַבסטראַקטער „רעוואָלוציע“ און צו דעם „אַרבעטער־קלאַס“ בכלל. לאָמיר זיך פרעגן: וואָס באַדייט אָט דער רוף? עס איז אַ רוף צו אַקציע. עס איז אַ מיטל צוצוגרייטן דעם נעדאַנק פון די אַרבעטער, אַז זיי דאַרפן שטיצן אינטערווענציע אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָ וויל מען איינרעדן די לייענער, אַז אַלצדינג איז בעסער, איידער די פירער־שאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פון דאַנען איז נאָר איין טריט צו דער דערקלערונג פון דעם טראָצקיסט מאַקס איסטמאַן, וואָס ער האָט געמאַכט אַף אַ טראָצקיס־טישן מיטינג אין ניו יאָרק אין סוף פון 1936, אַז אַ מלחמה קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ווילקאָמען. קענאָן און איסטמאַן רעדן די זעלביקע שפּראַך, כאָטש קענאָן איז נישט אַזוי אָפן ווי איסטמאַן...

:: :: ::

די טראָצקיסטן זיינען אָן עלעמענט, וואָס קען נישט עקזיסטירן פאַר זיך. ווי באַצילן, מוזן זיי האָבן אַ מיליע, אַ סביבה, אין וועלכער זיי זאָלן טאָן זייער שעדלעכע אַרבעט. זיי מוזן זיך דעריבער באַהעפטן מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. די געשיכטע פון זייער פּאַרטיי־לעבן אין אַמעריקע איז העכסט־באַלערנדיק.

פריער זיינען זיי געווען אַ געהיימע פראַקציע אין דער קאָמוניס־

טישער פּאַרטיי. זיי האָבן ווערבירט מיטגלידער און האָבן זיך אונטער־געגראָבן אונטער דער פּאַרטיי אין דער זעלביקער צייט, ווען זיי האָבן געהאַלטן רעדעס און געשריבן טעזיסן און געשטימט קעגן די טראָצ־קיסטן. דאָס איז פּונקט די זעלביקע אַרבעט, וואָס זייערע חברים ראַדעק און די אַנדערע האָבן געטאָן אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען זיי האָבן געשריבן אַרטיקלען און געלויבט און פאַרהערלעכט די טעטיקייט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, בשעת אין געהיים האָבן זיי קאָנספּירירט מיט די פאַרטרעטער פון די פאַשיסטישע מלוכות. ווען מען האָט די אַמערי־קאַנער טראָצקיסטן אַרויסגעשמיסן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זיינען זיי אַ שטיק צייט געבליבן הענגען אין דער לופטן. זיי האָבן געזוכט שותפים און אַ לאַנגע צייט האָבן זיי קיינעם ניט געפונען. ביז זיי האָבן זיך ענדלעך פאַראייניקט מיט די מאַסטעאיסטן אין דער וואָרקערס פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

פאַרוואָס עפּעס מאַסטי? איז ער אפשר געווען אַ רעוואָלוציאָ־נערער סאָציאַליסט? מאַסטי איז באַקאַנט געווען אַלס אַ זייער מעסיקער פּראָגרעסיסט. ווען אין 1931 האָט מאַסטי געבילדעט די „קאָנפערענץ פאַר פּראָגרעסיווער אַרבעטער־אַקציע", האָבן די טראָצקיסטן אין זייער אָרגאַן אים זייער שאַרף געקריטיקירט. זיי האָבן אויסגערעכנט אַ צאָל נעמען, צווישן זיי איינעם אַ געוועזענעם לאָווסטאָניסט, „וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט אפילו פון דעם מילדסטן סאָרט קאָמוניזם, כדי אַריינ־צוקריכן אין דער קאָנפערענץ פאַר פּראָגרעסיווער אַרבעטער־אַקציע", נאָכדעם האָבן זיי אויסגערעכנט אַן אַנדער נאָמען פון אַ פאַרשוין, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און נאָכדעם מאַסטי'ן אַליין, וועמען זיי האָבן גערופן „דער פירער פון פּסעוודאָ־פּראָגרעסיסטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג". די טראָצקיסטן קומען צו דעם פאָלגנדיקן שלוס:

„דאָס זיינען עלעמענטן אָן אַ פּאָליטישער היים, קלאַסישע פאַר־טרעטער פון צענטריזם, וועלכע פּרואוון איצט ווידערהאָלן דעם פאָרם פון אַ צענדליק יאָר צוריק, ווען מען האָט געפּרואווט אָרגאַניזירן דעם צוויי-און-אַ-האַלביקן אינטערנאַציאָנאַל... מען קען זיכער זיין, אַז די צווייטע אויפגאַבע פון דעם צוויי-און-אַ-האַלביקן אינטערנאַציאָ־נאַל, אַריינגערעכנט זיין אַמעריקאַנישע „סעקציע", וועט נאָכפאָלגן דעם ערשטן צוריק אין דעם לאַגער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, פון וואַנען ער איז געקומען. נישטאָ קיין אַנדער גורל פון אָט די קליינ־בירגערלעכע פּאָליטישנס, וועלכע פּרואוון זיך דערשלאָגן אַן אומאָפּ-

הענגיקע עקזיסטענץ אַף דעם באַזיס פון דער אומצופרידנקייט פון די אַרבעטער מיט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע." („מיליטאַנט", 8טן אוי-גוסט, 1931.)

מאַסטי'ס קאָנפערענץ פאַר פּראָגרעסיווער אַרבעטער-אַקציע איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנישער וואָרקערס פּאַרטיי. אַנגעשלאָסן אָן די מאַסטעאיסטן האָבן זיך עטלעכע אומ-צופרידענע אינדיווידואומס, וואָס האָבן זיך גערופן קאָמוניסטן, אָבער וואָס זייער קאָמוניזם איז באַשטאַנען מערסטנס אין באַקעמפן דעם מאַרקסיזם-לעניניזם אידעאָלאָגיש. דאָ איז געווען מאַקס איסטמאַן, דער אויטאָר פון אַנטי-מאַרקסיסטישע ביכער; דאָ איז געווען סידני הוק, וועמעס בוך וועגן מאַרקס'ן איז אַ חוזק איבערן מאַרקסיזם; דאָ איז געווען קאַלווערטאַן, וועלכער האָט אין אַ משך פון יאָרן אַרויס-געגעבן אַן אַנטי-מאַרקסיסטישן זשורנאַל, און אז. וו.

ווען אָט-די פּערשוינען זיינען צוגעגעבן געוואָרן צו דער מאַסטע-איסטישער קאָנפערענץ פאַר פּראָגרעסיווער אַרבעטער-אַקציע, האָט מען דאָס אַ נאָמען געגעבן אַמעריקאַנישע וואָרקערס פּאַרטיי. דער פירער פון דער דאָזיקער נייער „פּאַרטיי" איז, ווי פריער, געבליבן דער מעסיקער פּראָגרעסיווער רעפאָרמיסט מאַסטי, וועמעס ראָלע אין דער אַרבעטער-באַוועגונג איז באַשטאַנען אין קאָאָפּערירן מיט די ערגסטע יוניאָן-ביוראָקראַטן און אין פאַרדעקן זייער פּאָליטיק מיט פּראָגרעסיווע פראַזן.

סוף 1934 האָט די טראָצקיסטישע גרופּע זיך אַנגעשלאָסן אָן דער אַמעריקאַנישער וואָרקערס פּאַרטיי. פון אָט דעם שידוך איז געבוירן געוואָרן די וואָרקערס פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן. איצט איז שוין קענען געוואָלטיק באַגייסטערט פאַר דער נייער פּאַרטיי. אין דעם „מיליטאַנט" פאַר דעם 17טן נאָוועמבער 1934 דריקט ער אויס די זיכערקייט, אַז די בילדונג פון דער נייער „פּאַרטיי" וועט ברענגען קאָמוניסטישע אייניקייט. „דער כאַאָס און פאַנאַנדערפאַל וועלן פאַר-ביטן ווערן דורך אַ קלאָרער אָרדענונג פון די פּאַרטייען: סאָציאַל-דעמאָקראַטישע, סטאַליניסטישע (צענטריסטישע) אַף איין זייט און די פּאַרטיי פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם אַף דער צווייטער זייט."

פאַרגעסן איז שוין דער מעסיקער רעפאָרמיזם פון מאַסטי'ן. פאַר-געסן דער צוויי-און-אַ-האַלביקער אינטערנאַציאָנאַל. ווי נאָר קענען זעצט זיך אַרום איין טיש מיט מאַסטי'ן און זיינע חברים און דער-

לאַנגען די הענט איסטמאַנ'ען, הוק'ן און קאַלווערטאָנ'ען און אַ צאָל אַנדערע עלעמענטן אַן אַ פּאָליטישער היים, ווערט עס שוין אַ פּאַרטיי פון דעם „רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם".

מיר קאָמוניסטן האָבן נאָך דעמאָלט פאָרויסגעזאָגט, אַז די טראָצקיסטן וועלן אויפעסן די מאַסטעאיסטן אין דער אַזוי־גערופענער וואָרקערס פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אַזוי איז דאָס געווען. די נייע פּאַרטיי איז געבליבן אַן אַנדרוגינוס: עס האָט זיך באַקומען אַזאַ מין געמיש פון רעפאָרמיזם און לינק־מאַרקסיסטישע פראַזן, וואָס זעלטן האָט מען אַזוינס געזען אין דער געשיכטע. עס האָט זיך באַקומען אַ פּאַציפישער קונץ־שטיק. קאָמישער פון אַלצדינג איז געווען, ווען מאַסטי, דער געוועזענער גלח, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט באַפרייט פון זיין גלחות, מאַסטי דער בורזשואַזער פּאַציפיסט און סענטימענטאַלער רעפאָרמיסטישער סאָציאַליסט אָן אַ וועלכער ניט איז ידיעה וועגן מאַרקסיזם, איז פּלוצים געוואָרן דער פּאַרטיידיקער פון ריינעם „מאַרקסיזם־לעניניזם" קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, קעגן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

די טראָצקיסטן האָבן אויפגעגעסן די מאַסטעאיסטן — און פון דער וואָרקערס פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בערגל שטויב. די טראָצקיסטן האָבן געזוכט אַ ברייטער טעטיקייטס־פעלד. האָבן זיי פאַרגעסן דאָס, וואָס זיי האָבן גערעדט וועגן דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. האָבן זיי פאַרגעסן דאָס, וואָס אפילו דער צוויי־און־אַ־האַלביקער אינטערנאַציאָנאַל איז פאַר זיי כלומרשט אַ „פּאַרס" — און ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע האָט אין 1935 אָנגענומען אַ מער אָדער ווייניקער מיליטאַנטע פּראָגראַם, בלייבנדיק אַלץ נאָך אינעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן די טראָצקיסטן אין 1936 זיך אַריבערגעפּעקלט מיט זייער ביסל אָרעמקייט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

איצט איז שוין די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט איר מעסיקן פירער נאָרמאַן טאָמאַס געוואָרן די איינציגע אמת'ע מאַרקסיסטישע פּאַרטיי. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, זאָגן די טראָצקיסטן, „איז געזונקען טיפער און טיפער אינעם זומפּ פון רעפאָרמיזם און סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם"; די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ווערט „אַ מאַסן־פּאַרטיי פון סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע" („ניו מיליטאַנט", 6טן יוני, 1936). געטריי צו זייער

ראַלע, האָבן די טראָצקיסטן זיך גענומען — איינשליכגען. זיי ווילן איינשליכגען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. זיי שטרעבן פאַרנעמען הערשנדיקע פּאָזיציעס אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זיי האָבן דיקטירט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איר שעדלעכע וואַל־פּלאַט־פאָרמע פון 1936, וועלכע האָט געבראַכט נאָרמאַן טאָמאַס'ן צו שיקן אַ בריוו, צו לענדאָנ'ען, אין וועלכן ער האָט פּאַקטיש „אינדאָרסירט" לענדאָנ'ען אלס אַ פריינט פון די אַרבעטער. זיי האָבן דיקטירט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איר געגנערשאַפט צו דער פאַרמער־לייבאָר־פּאַרטיי און צום פאָלקס־פראָנט. זיי האָבן געמאַכט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פאַר אַ הילפס־גרופּע צו דינען די אינטערעסן פון טראָצקי'ן. זיי האָבן אַרויפגעלייגט אַף דער גאַנצער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דעם שטעמפּל, מיט וועלכן עס איז געשטעמפּלט דער טראָצקיזם. צום גליק, באַמערקט זיך אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַ געזונטע רעאַקציע קעגן אָט דעם גיפט. עס ווערט שוין קלאָר, אַז די טראָצקיסטן וועלן ניט איינשליכגען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. זיכער וועט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אויסשפּייען אָט דעם גיפט און דורך דעם זיך אומקערן צו דער מעגלעכקייט פון וואַקסן און ווערן אַ געזונטע פּאַרטיי.

:: :: ::

איין ביישפּיל פון טראָצקיסטישער אמת'דיקייט.

די טראָצקיסטן פּעדלען אַרום מיט אַ געשיכטע וועגן „לעניג'ס צוואה". אין זייערע פּראָקלאַמאַציעס דערקלערן זיי, אַז עס איז דאָ אַ דאָקומענט, וואָס לענין האָט אי פאַרשריבן אין 1923 און וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אים אונטערדריקט. אינעם דאָקומענט זאָל האָבן געשטאַנען, אַז טראָצקי איז מער פייאיק צו זיין גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ווי סטאַלין, וועלכער איז „צו גראָב". פאַראַן אויך אַ גאַנצע טראָצקיסטישע בראָשור אַף אָט דער טעמע.

וואָס זיינען די פּאַקטן?

ווען טראָצקי איז נאָך געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט ער אָט־וואָס געשריבן וועגן „לעניג'ס צוואה". דאָס איז דערשינען אינעם „דעילי וואָרקער", אין ניו יאָרק, אינעם נומער פון 8טן אויגוסט, 1925, אין אַן אַרטיקל, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: „טראָצקי שמייסט אַף איסטמאַנ'ען". אינעם אַרטיקל לייענען מיר:

„וואָס איז שייך וועגן דער „צואה", האָט לענין קיינמאָל ניט איבערגעלאָזן קיין צואה, און דער כאַראַקטער פון זיינע באַציאונגען מיט דער פּאַרטיי, ווי אויך דער כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי גופא, האָט געמאַכט אַזאַ „צואה" אַבסאָלוט אוממעגלעך.

„אונטער דער מאַסקע פון אַ „צואה" האָט די עמיגראַנטישע און אויסלענדישע בורזשואַזע און מענשעוויסטישע פּרעסע נאָכאַנאַנד ציטירט איינעם פון לענינ'ס בריוו (אינגאַנצן אַ צעקריפּלטן), וועלכער אַנטהאַלט אַ צאָל אָנווייזונגען וועגן פראַגן פון אָרגאַניזאַציע.

„אַלע שמועסן וועגן אַ באַהאַלטענער אָדער נישט אויסגעפירטער „צואה" איז נישט מער ווי בייזוויליקע אויסטראַכטעניש געווענדעט קעגן דעם אמת'ן ווילן פון לענינ'ען און קעגן די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי, וואָס ער האָט געשאַפן."

אַזוי האָט געשריבן טראָצקי. אין יענער צייט איז ער נאָך געווען פאַראינטערעסירט זיך אָפּצוטיילן פון אַזאַ „תלמיד" ווי מאַקס איסט־מאַן, וועמעס בוך „נאָך לענינ'ס טויט" האָט געמאַכט אַ העסלעכן איינדרוק אויף יעדן רעוואָלוציאָנער. טראָצקי האָט דעמאָלט אָנגעשריבן אַ פייערדיקן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט צוריקגעוואָרפן די לעגענדע וועגן לענינ'ס „צואה". געענדיקט האָט ער מיט די ווערטער: „זיין (איסטמאַנ'ס) ביכל קען נאָר דינען אַלס הילף פאַר די ערגסטע שונאים פון קאָמוניזם און רעוואָלוציע. עס איז דעריבער אָביעקטיוו אַ געווער פון קאָנטער־רעוואָלוציע" (דאָרטן). אָבער ווען טראָצקי האָט געפונען פאַר נויטיק צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער האָט אַלעריי נאָכפאָלגער, ווערט מיטאַמאָל איסטמאַן איינער פון די זיילן פון דער נייער „פּאַרטיי פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם" און די „בייזוויליקע אויסטראַכטע־ניש" ווערט דערקלערט פאַר לענינ'ס צואה. איצט פאַרעפנטלעכט טראָצקי ווידעראַמאָל אַ נייעם פּאַמפלעט צו ווייזן, אַז די „צואה" איז אמת.

אָט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ פון ליגנס און פאַלשקייטן, אַז זיי קענען זיך שוין אפילו פונעם אָרט ניט רירן אָן שווינדל.

לענין האָט געזאָגט: „טראָצקי לעבט אַלעמאָל אויף פליאָטקעס."
„טראָצקי נאַרט אויף די אַרבעטער אויף אַן אומפאַרשעמטן אופן."

אויף אַ פּלענאַר־זיצונג פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט און דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אָקטאָבער 1927 האָט סטאַלין, דיס־

קוטירנדיק לעניג'ס „צוואה", ארויסגעבראַכט דעם פאַקט, אַז דער דאָקו־מענט איז ניט געווען קיין צוואה, אַז דאָס איז געווען אַ בריוו, וואָס לענין האָט געשריבן צום 13טן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז דער בריוו איז פאָרגעלייענט גע־וואָרן אַפן קאָנגרעס און אַז דער קאָנגרעס האָט איינשטימיק באַשלאָסן ניט צו פאַרעפנטלעכן אים, צווישן אַנדערע סיבות דערפאַר, וואָס לענין אַליין האָט ניט געוואָלט און האָט ניט געפאָדערט, אַז מען זאָל אים פאַרעפנטלעכן. אַזוינע בריוו, געשריבן פון לענינ'ען צו איינצעלנע פאַרטיי־פונקציאָנערן און פאַרטיי־קאָנפערענצן, זיינען ניט געווען קיין זעלטנקייט. די בריוו זיינען געלייענט געוואָרן דורך די, צו וועמען זיי זיינען געשיקט געוואָרן — פון „באַהאַלטן" האָט נישט געקענט זיין קיין רעדע. די דאָזיקע פראַגע וועגן לענינ'ס „צוואה" איז פאַרהאַנדלט געוואָרן עטלעכע מאָל אויף די פּלענאַר־זיצונגען פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט און דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע, האָט סטאַלין געזאָגט אויף דער דערמאָנטער זיצונג — און עס האָבן זיך געהערט אויסרופן פונעם זאַל: „צענדליקער מאָל." די פאַרטיי, הייסט עס, האָט ניט פאַרזען דעם בריוו.

וואָס איז שייך דעם אינהאַלט פון דעם בריוו, האָט סטאַלין אויף יענער זיצונג אָנגעוויזן, אַז די פאַרטיי האָט ניט געהאַט קיין סיבה צו זיין אומצופרידן מיט אים אָדער צו פּרוּוון אים באַהאַלטן, ווייל אין אמת'ן האָט דער בריוו פאַרניכטעט דריי פירער פון דער אָפּאָזיציע, בשעת וועגן סטאַלינ'ען האָט ער נאָר דערמאָנט זיין „גראָבקייט", ניט געפינענדיק קיין שום טעותין אין זיין פּאָליטישער ליניע. סטאַלין האָט ציטירט די פאָלגנדיקע ווערטער פון לענינ'ס בריוו:

> „איך וועל ניט כאַראַקטעריזירן קיין אַנדערע מיטגלידער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט אין הינזיכט פון זייערע פּאָליטישע אייגנ־שאַפטן. איך וואָלט נאָר אַ בעלן געווען איך דערמאָנען, אַז דער אָקטאָבער־עפּיזאָד פון זינאָוויעוו'ן און קאַמענעוו'ן (דאָס וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט קעגן פאַרכאַפּן די מאַכט.—מ. אָ.) איז ניט געווען בלויז אַ צופעליקע געשעעניש, נאָר אַז דאָס קען פונקט אַזוי וויניק באַטראַכט ווערן אַלס אַ פערזענלעכער חסרון, ווי טראָצקי'ס „ניט־באָלשעוויזם"." („אינפּרעקאָר", נומער 64 פאַר 1927, ז. 1429.)

אויף יענער זיצונג האָט סטאַלין געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט און פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע אויף דעם פאַקט, וואָס

„. . . קיין איינציק וואָרט, קיין איינציקע אָנצוהערעניש אין דער „צואה" האָט ניט צו טאָן מיט סטאַלינ'ס טעות'ן. נאָר זיין גראָבקייט ווערט דערמאָנט. מאַנגל אין העפלעכקייט איז פונדעסטוועגן ניט קיין חסרון אין סטאַלינ'ס פּאָליטישער באַציאונג אָדער פּאָליטישער פּאָזיציע און קען דאָס ניט זיין." (דאָרטן.)

וואָס איז שייך לענינ'ס פאָרשלאָג, „אַז די חברים זאָלן דיסקוטירן די פראַגע וועגן אראָפּנעמען חבר סטאַלינ'ען פון זיין פּאָסט און באַשטימען אַף אים אַן אַנדער פּערזאָן, וועלכע, אין אַלע אַנדערע הינזיכטן, אונטערשיידעט זיך פון סטאַלינ'ען נאָר מיט איין איינגנשאַפט, ד. ה. דערמיט וואָס זי איז מער טאָלעראַנט, לאָיאַל, העפלעך און אויפמערקזאַם צו חברים, ווייניקער שטימונגספול און אַז. וו.", האָט סטאַלין געזאָגט:

„יאָ, חברים, איך בין גראָב צו די, וואָס ברעכן און צעשטערן די פּאַרטיי אַף אַ גראָבן און אומלאָיאַלן אופן. איך האָב קיינמאָל נישט געמאַכט קיין סוד דערפון און איך וועל דאָס איצט אויך ניט טאָן. נאָר אַף דער ערשטער פּלענאַר-זיצונג פון דעם צענטראַל-קאָמיטעט (1924) האָב איך דערלאַנגט מיין רעזיגנאַציע פון דער פונקציע פון גענעראַל-סעקרעטאַר, בעטנדיק די פּלענאַר-זיצונג, אַז זי זאָל מיך באַפרייען פון אָט דער פליכט. דער פּאַרטיי-קאָנגרעס גופא האָט זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע. יעדע איינציקע דעלעגאַציע האָט זיך פאַרנומען מיט אָט דער פראַגע, און אַלע דעלעגאַציעס, אייגנגעשלאָסן טראָצקי, אַוקאַמענעוו און זינאָוויעוו (אונטערגעשטראָכן פון אונז.—מ. אָ.), האָבן איינשטימיק באַשלאָסן, אַז סטאַלין זאָל בלייבן אַף זיין פּאָסט. וואָס האָב איך געקענט טאָן? פאַרלאָזן מיין פּאָסט? עס איז ניט אין מיין כאַראַקטער אַזוי צו האַנדלען.

„איך האָב קיינמאָל ניט פאַרלאָזט קיין פּאָסט, וואָס פאַר אַ פּאָסט דאָס זאָל ניט זיין. און איך האָב קיין רעכט נישט אים צו פאַרלאָזן, ווייל דאָס וואָלט הייסן דעזערטירן. ווי איך האָב געזאָגט פריער: איך בין ניט קיין פרייער מענטש; ווען די פּאַרטיי פאַרפליכטעט מיך, מוז איך זיך אונטערגעבן. שפּעטער מיט אַ יאָר האָב איך ווידער דערלאַנגט מיין רעזיגנאַציע, אָבער די פּאַרטיי האָט מיך ווידער פאַרפליכטעט צו בלייבן אַף מיין פּאָסט. וואָס נאָך האָב איך געקענט טאָן?" (דאָרטן).

⁘ ⁘ ⁘

אין משך פון זיינע דרייסיק יאָר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט לענין געוווּנג מאָל דיסקוטירט פראַגן מיט פאַרשיידענע פּערזאָנען און

אָפּט זייער שאַרף קריטיקירט זייער אָנשוויאונגען און זייערע מעשים. לענין האָט אַלעמאָל געברויכט דאָס פּאַסיקע וואָרט צו כאַראַקטעריזירן אַ געגנער — און דאָס וואָרט איז אָפט געווען שאַרף און בייסיק. אָבער צו קיינעם פון זיינע געגנער האָט ער ניט אַרויסגעוויזן אַזויפיל פאַראַכטונג, פאַר קיינעם האָט ער ניט אויסגעדריקט אַזויפיל מאָראַלישן עקל, ווי פאַר טראָצקי'ן. מיר ברענגען דאָ נאָר אייניקע פון צאָלרייכע אַרויסזאָגונגען פון לענינ'ען וועגן טראָצקי'ן.

„טראָצקי פאַרקריפּלט העם באָלשעוויזם, וואָרים טראָצקי האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט אָנאייגענען וויפיל-ניט-איז באַשטימטע אָנזיכטן אַף דער ראָלע פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רוסישער בורזשואַזער רעוואָלוציע.

„אָבער נאָך אַ סך ערגער איז די פאַרקריפּלונג פון דער געשיכטע פון אָט-דער רעוואָלוציע.” (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 15, ז. 15.)

„מענטשן ווי טראָצקי, מיט זיינע אָנגעבלאָזענע פראַזן וועגן דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פאַרטיי און מיט זיין קנעכטישקייט פאַר די ליקווידאַטאָרן, וועלכע האָבן גאָר נישט געמיינזאַמעם מיט דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פאַרטיי, ז'יינען היינט אַ „צייט-קראַנקהייט”. זיי ווילן מאַכן אַ קאַריערע אַף דעם ביליקן פּרוידיקן אַ „פשרה” — מיט אַלע, מיט וועמען איר ווילט, אַפילו מיט הערן פּאָטרעסאָוו'ן און די אָטזאָוויסטן — דערביי, אויס נויטווענדיקייט, האַלטן זיי אָן אַ פול שווייגן וועגן די פּאָליטישע באַדינגונגען פון דער מערקווירדיקער כלומרשט-„פשרה”. אין אמת'ן זיינען דאָס די פּרוידיקער פון קאַפּיטולאַציע פאַר די ליקווידאַטאָרן, וועלכע בויען די סטאָליפּינשע אַרבעטער-פאַרטיי.” (סטאָליפּין איז געווען דעם צאַר'ס פּרעמיער-מיניסטער.—מ. אָ.) וו. אי. לענין, געזאַמלט ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 15, ז. 197.)

„מיט טראָצקי'ן קען מען ניט אַרגומענטירן וועגן דעם עצם זאַך, ווייל ער האָט נישט קיין שום אנזיכטן. מען קען און מען דאַרף אַרגומענטירן מיט איבערצייגטע ליקווידאַטאָרן און אָטזאָוויסטן, אָבער מיט אַ מענטשן, וועלכער שפּילט זיך אין פאַרדעקן די פעלערן אי פון די אי פון יענע, אַרגומענטירט מען נישט: מען דעמאַסקירט אים ווי . . . אַ דיפּלאָמאַט פון דער נידעריקסטער פּראָבע.” (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 15, זז. 303-304.)

„און מיר דערקלערן דעריבער אינעם נאָמען פון דער פאַרטיי אַלס אַ גאַנצער, אַז טראָצקי פירט אַן אַנטי-פאַרטייאישע פּאָליטיק; אַז ער צערייסט די פאַרטייאישע לעגאַליטעט, ער טרעט אַרויף אַפן וועג פון

אַוואַנטורע און שפּאַלטונג." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 15, ז. 65.)

„דערפון איז קלאָר, אַז טראָצקי און ענלעכע אַף אים „טראָצקיסטן און פשרה-מאַכער" זיינען שעדלעכער פון יעדן ליקווידאַטאָר, וואָרים איבערצייגטע ליקווידאַטאָרן דערקלערן זייערע אַנזיכטן דירעקט, און פאַר די אַרבעטער איז לייכט צו דערקענען זייער פאַלשקייט, אָבער די הערן טראָצקיס נאַרן אָפּ די אַרבעטער, זיי פאַרדעקן דעם איבל, זיי מאַכן אוממעגלעך אים צו דעמאַסקירן און זיך פון אים אויסצוהיילן. יעדער איינער, וואָס האַלט-אונטער די גרופּקע פון טראָצקי'ן, האַלט אונטער די פּאָליטיק פון ליגן און אָפּנאַרן די אַרבעטער; אַ פּאָליטיק פון פאַרדעקן די ליקווידאַטאָריי. פולע פרייהייט פון האַנדלונג פאַר הערן פּאָטרעסאָוו עט קאָמפּ. אין רוסלאַנד, פאַרדעקן זייערע מעשים מיט אַ „רעוואָלוציאָנערער" פראַזע אין אויסלאַנד — דאָס איז דער עצם פון דער פּאָליטיק פון „טראָצקיזם"." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 15, ז. 218.)

„אין די טעזיסן פון טראָצקי'ן און בוכאַרינ'ען איז דאָ אַ גאַנצע ריי טעאָרעטישע טעות'ן. אַ ריי פּרינציפּיעלע אומריכטיקייטן. פּאָ-ליטיש איז דער גאַנצער צוגאַנג צו דער זאַך איין הוילע טאַקטלאָזיקייט. די „טעזיסן" פון ח' טראָצקי זיינען אַ פּאָליטיש-שעדלעכע זאַך." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 26, ז. 81.)

„דאָס איז מאָנסטערהאַפט. מען מוז כמעט זיין קראַנק מיט אַזאַ פיבער, וואָס ווייסט נישט קיין מאָס, כדי אַזוי צו רעדן" (ווי טראָצקי האָט גערעדט.—מ. אָ.). (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 26, ז. 99.)

„גראָד אָט די טעזיסן, די גאַנצע בראָשור-פּלאַטפאָרמע פון ח' טראָצקי'ן זיינען אַזוינע, אַז מיט זייערע טעות'ן האָבן זיי אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט און די קרעפטן פון דער פּאַרטיי פון זאַכלעכער „פּראָדוציר"-אַרבעט אַף פּוסטע, אינהאַלטסלאָזע ויכוחים." (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 26, ז. 131.)

„אַרום דער אָפּאָזיציע (פון טראָצקי'ן און בוכאַרינ'ען) האָבן זיך געטוליעט (און טוליען זיך אָן צווייפל) מענשעוויקעס און סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, וועלכע צעבלאָזן קלאַנגען, גיבן אומדער-הערט בייזוויליקע פאָרמולירונגען, שאַפן ניט-געשטויגענע, ניט-געפלויגענע זאַכן מיטן צוועק צו באַשמוצן אַף אַלע מעגלעכע אופנים, צו געבן אַ שמוציקע אויסטייטשונג, צו פאַרשאַרפן די קאָנפליקטן, צו מאַכן אַ תל פון דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי." (וו. אי. לענין, גע-זאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 26, ז. 144.)

דרייצנטער קאַפּיטל

טראָצקי דער היסטאָריקער

„טראָצקי שטעלט פאָר דעם באָלשעוויזם אין אַ פאַרקריפּלטער פאָרמע, ווייל טראָצקי איז קיינמאָל נישט פייאיק געווען אָנצואייגענען זיך באַשטימטע אָנזיכטן וועגן דער ראָלע פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רוסישער בורזשואַזער רעוואָלוציע. נאָך ערגער איז דאָס, וואָס ער שטעלט פאָר אין אַ פאַרקריפּלטער פאָרמע די געשיכטע פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע.‟ (וו. אי. לענין, געזאַמלטע ווערק, רוסישע אויסגאַבע, באַנד 15, ז. 15.) (אונטערגעשטראָכן פון אונז.—מ. אָ.)

כדי צו מאַכן די פאַליספיקאַציע פון דעם באָלשעוויזם מער ווירקזאַם, האָט טראָצקי זיך גענומען פאַלסיפיצירן די געשיכטע פונעם באָלשעוויזם. אויך דאָ וועלן מיר זיך מוזן באַגנוגענען נאָר מיט עטלעכע ביישפּילן.

ווייסט איר, ווי אַזוי דער געדאַנק וועגן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין די אָקטאָבער־טעג פון 1917? מיינט ניט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן לענינ׳ס מערקווירדיקער פירערשאַפט. פאַרגעסט, אַז לענין האָט אין אַ משך פון וואָכן און וואָכן געהאַמערט די גאַנצע פּאַרטיי און דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט וועגן דער נויטווענדיקייט פון פאַרכאַפּן די מאַכט דורך אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. פאַרגעסט, אַז דאָס לאַנד איז געווען אויפגעברויזט אין איין געוואַלטיקן שטורעם פון עק צו עק. נישט דאָס איז וויכטיק. הערט ווי טראָצקי דערציילט אייך די געשיכטע:

„ווי באַלד דער גענעראַל־שטאַב האָט געלאָזט וויסן דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פונעם פּעטראָגראַדער סאָוועט, אַז עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל אַרויסצופירן די טרופּן (פון פּעטראָגראַד), . . . איז געוואָרן קלאָר, אַז אָט די פראַגע, אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, וועט האָבן אַן אַנטשיידענע פּאָליטישע באַדייטונג. די אידייע וועגן אַן אויפשטאַנד האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ פאָרמע פון דעם מאָמענט אָן. עס איז שוין מער ניט נויטיק געווען צו דערפינדן אַ סאָוועטישע קערפערשאַפט. דער רעאַלער צוועק פון דער קומענדיקער קאָמיטע איז דירעקט אַרויסגעבראַכט געוואָרן, ווען טראָצקי האָט אַף דער זעלביקער זיצונג פאַרענדיקט זיין באַריכט וועגן דעם צוריקציען פון די באָלשעוויקעס פון דעם פּאַרלאַמענט (אַ באַראַטונגס־קערפערשאַפט,

וואָס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן דורך קערענסקי׳ן.—מ. אָ.) מיט דעם אויסרוף: „זאָל לעבן דער דירעקטער און אָפענער קאַמף פאַר רעוואָלוציאָנערער מאַכט איבערן גאַנצן לאַנד!" דאָס איז געווען אַן איבערזעצונג אין דער שפּראַך פון סאָוועטישער לעגאַליטעט פון דעם לאָזונג: „זאָל לעבן דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד!" (לעאָן טראָצקי, „געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע", באַנד 3, ז. 92.)

טראָצקי האָט געמאַכט אַן אויסרוף. ער האָט געענדיקט זיינעם אַ באַריכט מיט אַן אויסרוף — און דאָס האָט אָנגעהויבן דעם באַוואָפנטן צושטאַנד. אַזוי דערציילט ער אַליין.

אין דער זעלביקער באַשיידענער שטימונג דערציילט ער ווייטער וועגן זיין ראָלע אין דער רעוואָלוציע: „טראָצקי האָט פאָרמולירט אַ קורצע אַלגעמיינע רעזאָלוציע... טראָצקי האָט פאָרטגעזעצט צו רעדן... די מאַסע האָט נאָך געהאַלטן אירע הענט אין דער לופטן... טראָצקי האָט אויסגעשניצט יעדער וואָרט: זאָל אָט די אָפּשטימונג אייערע זיין אייער שבועה... די מאַסע האָט געהאַלטן אירע הענט הויך. זי האָט צוגעשטימט. זי האָט געגעבן די שבועה" (טראָצקי ציטירט דאָ דעם מענשעוויק סוכאַנאָוו). „טראָצקי איז גערופן געוואָרן צו באַטראַכטן אָט די פראַגע... טראָצקי האָט דעמאָלט געשפּילט די אַנטשיידנדיקע ראָלע. דער ראַט, וואָס ער האָט אונז געגעבן, איז געווען אַ פּראָדוקט פון זיין רעוואָלוציאָנערער אינטואיציע" (טראָצקי ציטירט אַנטאָנאָוו׳ן). דער קאָנספּעקט פון דעם פּראַקטישן פּלאַן „איז רעדאַקטירט געוואָרן דורך טראָצקי׳ן." „דער פּרעזידענט טראָצקי האָט אויך געהאַלטן אין צוגיין צום אַטאַמאַביל..."

טראָצקי, טראָצקי, טראָצקי...

עפּעס האָט מען געהערט, אַז אַן אַנדער מאַן איז אויך געווען טעטיק אין דער רעוואָלוציע — לענין. אָבער אין פאַרגלייך מיט דעם גלאַנץ־מענטש טראָצקי זעט לענין אויס אין טראָצקי׳ס שריפטן עפּעס גאָר נעבעכדיק. סטאַלין ציטירט צוויי פּלעצער, וואו טראָצקי דערמאָנט לענינ׳ען:

„ווילט איר וויסן, ווי אונזער פּאַרטיי האָט באַשלאָסן די פראַגע, וואָס צו טאָן מיט דער קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג? הערט, וואָס חבר טראָצקי האָט צו זאָגן:

„לענין האָט געזאָגט: „געוויס איז נייטיק פּאָנאַנדערצוטרייבן די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג, אָבער וואָס הערט זיך

עפּעס מיט די לינקע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן ?″

„פונדעסטוועגן זייַנען מיר שטאַרק געטרייסט געוואָרן דורך דעם אַלטן מאַן נאַטאַנסאָן. ער איז געקומען זיך צו „באַראַטן″ מיט אונז און באַלד פון אָנהויב האָט ער געזאָגט:

„איר זעט, עס וועט מסתמא נויטיק זייַן פאַנאַנדערצוטרייבן די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג, מיט גוואַלד.″

„בראַוואָ!″ האָט לענין אויסגערופן, „מען קען ניט אוועקגיין פון דעם אמת. אָבער וועלן אייערע מענטשן מסכים זייַן דערצו ?″

„אייניקע פון אונזערע מענטשן וואַקלען זיך, אָבער איך דענק, אַז סוף כל סוף וועלן זיי מסכים זייַן″, האָט נאַטאַנסאָן געענטפערט.

„אָט אַזוי שרייבן אייניקע מענטשן געשיכטע.

„ווילט איר וויסן, ווי אַזוי די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן די פראַגע וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן מיליטערישן ראַט? הערט וואָס חבר טראָצקי דערציילט:

„אַלעמאָל ווען איך האָב באַזוכט דעם גענעראַל-שטאַב, פלעג איך זאָגן וולאַדימיר איליטש'ן: „אָן קוואַליפיצירטע און דערפאַרענע מיליטערישע מענטשן וועלן מיר נישט קענען אַרויסגיין פון אָט-דעם כאַאָס.″

„דאָס איז קענטיק אמת. זיי זאָלן אונז נאָר ניט פאַרראַטן.″

„לאָמיר באַשטימען אַ קאָמיסאַר צו יעדן איינעם פון זיי.″

„נאָך בעסער: צוויי,″ האָט געזאָגט לענין, „און זאָלן זיי האַלטן די לאַגע פעסט אין די הענט. עס קען דאָך נישט זייַן, אַז מיר זאָלן ניט האָבן קיין קאָמוניסטן מיט אַ פעסטער האַנט.″

„אָט אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער מיליטערישער ראַט.

„אָט אַזוי שרייבט טראָצקי געשיכטע.

„צו וואָס דאַרף חבר טראָצקי אָט די געשיכטעס פון טויזנט און איין נאַכט, וועלכע דיסקרעדיטירן לענינ'ען ?″ (י. סטאַלין, „די אָקטאָבער רעוואָלוציע″, ענגלישע אויסגאַבע, ז. 93. געשריבן דעם 26טן נאָוועמבער, 1924.)

צו וואָס האָט טראָצקי געדאַרפט פאַרקריפּלען די געשיכטע פונעם באָלשעוויזם און דיסקרעדיטירן לענינ'ען ? כדי צו באַווייַזן, אַז ער, טראָצקי, איז דער אמת'ער רעוואָלוציאָנער. ער מאַכט קליין לענינ'ען, כדי זיך צו מאַכן גרויס.

כדי צו באַווייַזן, אַז ער איז דער אויטאָר פון דער טעאָריע פונעם

איבערגאַנג פון דער בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, גיט ער אונז אַזאַ מין באַריכט וועגן דער געשיכטע פונעם באָלשעוויזם:

„פון 1905 אָן האָט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי געפירט אַ קאַמף קעגן דער זעלבסט-הערשאַפט אונטער דעם לאָזונג: „דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום"; אָט דער לאָזונג, ווי אויך זיין טעאָרעטישער הינטערגרונט, שטאַמט פון לענינ'ען. אין קעגנזאַץ צו די מענשעוויקעס, וועמעס טעאָרעטיקער פּלעכאַנאָוו האָט עקשנות'דיק אַנטקעגנגעשטעלט די „פאַלשע אידייע וועגן דער מעגלעכקייט פון דורכפירן די בורזשואַזע רעוואָלוציע אָן דער בורזשואַזיע", האָט לענין גערעכנט, אַז די רוסישע בורזשואַזיע איז שוין ניט פעיאיק צו פירן איר אייגענע רעוואָלוציע. נאָר דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום אין אָן ענגן בונד קענען דורכפירן די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע קעגן דער מאָנאַרכיע און די פּריצים. דער זיג פון אָט דעם בונד, לויט לענינ'ען, וואָלט געבראַכט צו שטאַנד אַ דעמאָקראַטישע דיקטאַטור, וועלכע האָט ניט נאָר ניט געדאַרפט זיין דאָס זעלביקע ווי די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר זי האָט געדאַרפט זיין אַ שאַרפער קעגנזאַץ צו איר, ווייל איר פּראָבלעם וואָלט געדאַרפט זיין ניט שאַפן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, ניט אַפילו שאַפן די פאָרמען פון איבערגאַנג צו אַזאַ געזעלשאַפט, נאָר אויסשליסלעך אויסרייניקן אומדערבאַרעמדיק די מיסט-שטאַלן פון דער מיטלאַלטער-לעכקייט.

„די פּאָפּולערע און אַפילו אָפיציעל אָנערקענטע אידייע וועגן דער העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע האָט אַף אַזאַ אופן ניט געקענט באַדייטן קיין אַנדער זאַך ווי דער געדאַנק, אַז די פּאַרטיי פון די אַרבעטער וועט העלפן דעם פּויערטום מיט אַ פּאָליטישן געווער פון איר אַרסענאַל, זיי פאָרשלאָגן די בעסטע מיטלען און מעטאָדן, ווי אַזוי צו ליקווידירן די פעאָדאַלע געזעלשאַפט און זיי ווייזן, ווי אַזוי אָנצואווענדן אָט די מיטלען און מעטאָדן. ווי די מעשה זאָל ניט זיין, רעדן וועגן דער פירנדיקער ראָלע פונעם פּראָ-לעטאַריאַט אין דער בורזשואַזער רעוואָלוציע האָט בשום אופן ניט באַ-דייט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט נוצן דעם פּויערשן אויפשטאַנד כדי מיט זיין הילף אַוועקצושטעלן אַף דער טאָג-אָרדענונג זיין אייגענע היסטאָרישע אויפגאַבע — דאָס הייסט דעם דירעקטן איבערגאַנג צו אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז דער-צויגן געוואָרן אין אָט-די אידייען אָנגעהויבן פון דעם פרילינג פון 1906." (לעאָן טראָצקי, „געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע", ענגלישע אויסגאַבע, באַנד 1, זז. 314-315. אונטערגעשטראָכן פון אונז.—מ. אַ.)

טראָצקי וויל אונז איינרעדן, אז פאַר 1917 האָבן די באָלשעוויקעס קיינמאָל ניט געלערנט דעם פּראָלעטאַריאַט, אז זיין העגעמאָניע אין א בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע דאַרף אויסגענוצט ווערן, כדי אַוועקצושטעלן אַף דער טאָג־אָרדענונג דעם דירעקטן איבערגאַנג צו א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. פאַרגלייכט דערמיט דאָס, וואָס מיר האָבן ציטירט פון לענינ׳ען וועגן דעם באַלדיקן איבערגאַנג פון א בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישער צו א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. פאַרגלייכט דאָס דער עיקר מיט דעם פאָלגנדיקן:

„פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע וועלן מיר באַלד אָנהויבן, וועדליק די מאָס פון אונזער כח, דעם כח פון דעם באַוואוסטזיניקן און אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, איבערגיין צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע . . . מיר וועלן מיט אונזער גאַנצער קראַפט העלפן דעם גאַנצן פויערטום דורכצופירן די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, כדי מיר, די פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט, זאָלן גרינגער קענען איבערגיין אַזוי שנעל ווי מעגלעך צו דער נייער, העכערער אויפגאַבע — דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.״

לענין איז געווען אומדערמידלעך אין אויסדריקן זיין פאַראַכטונג פאַר טראָצקי׳ס מעטאָדן. ער האָט גערעדט וועגן דער „אַוואַנטורע־פּאָליטיק״ פון דער טראָצקיסטישער פּראַקטיק. ער האָט גערעדט וועגן טראָצקי׳ס „סובטילן פּאַראַט״. ער האָט געזאָגט, אַז טראָצקי איז באַגאַנגען פּלאַגיאַטן״ (גע׳גנב׳עט יענעמס שריפטן אָדער אידייען). לענין האָט געקענט טראָצקי׳ן.

טראָצקי פעלשט די געשיכטע פון לעניניזם, די געשיכטע פון דער גרעסטער דערגרייכונג פון דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט — כדי צו דינען דער בורזשואַזיע און גרויס צו מאַכן טראָצקי׳ן.

:: :: ::

„אָט דער מאַשעניק טראָצקי״. אזוי האָט מאַנואילסקי אים גערופן אַפן דרייצענטן פּלענום פונעם קאָמינטערן. ער און זיינע חברים האָבן זיך געמאַכט פאַר א ספּעציעלן צוועק צו באַשמוצן און באַזידלען דעם גרעסטן פירער פון דער רעוואָלוציע, וואָס לעבט מיט אונז, — סטאַלין. אומזיסט די מי. סטאַלין איז די פאַרקערפּערונג פון דעם, פאַרוואָס די בורזשואַזיע ציטערט מער ווי אַלצדינג—די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אונטער קאָמונסטישער פירערשאַפט, די פאַרענדיקונג פון בויען סאָציאַליזם אינעם פ.ס.ס.ר., די באָלשעוויזאַציע פון די קאָמוניס־

טישע פּאַרטייען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אומדערמידלעכער קאַמף פאַר דער ריכטיקער לענינשער ליניע, אָנהויב פון דער אָפענסיווע קעגן קאַפּיטאַליזם דורך די פּראָלעטאַרישע קרעפטן אַף אַ וועלט־פראָנט, דאָס איינשליסן אין דעם פראָנט די אונטערדריקטע פעלקער אין די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער.

אויב עמיצער ווייסט עפּעס וועגן סטאַלינ׳ען, ווייסט ער וועגן זיין אייזערנעם ווילן, זיין אויסגעהאַלטנקייט אין דורכפירן אַ פּראָגראַם, זיין קאָלאָסאַלע שטורם־קראַפט, וועלכע האָט אָנגעצונדן מיט שעפערישן ענטוזיאַזם צענדליקער מיליאָנען מענטשן. איז אָט ווי אַזוי טראָצקי, דער פעלשער פון דער געשיכטע, שילדערט סטאַלינ׳ען:

„ווען סטאַלין שטייט פאַר גרויסע פּראָבלעמען, טרעט ער אַלעמאָל אָפּ אַף צוריק — ניט ווייל עס פעלט אים כאַראַקטער, ווי קאַמענעוו׳ן, נאָר ווייל זיין האָריזאָנט איז שמאָל און עס פעלט אים שעפערישע פאַנטאַזיע. זיין פאַרדעכטיקע פאָרזיכט צווינגט אים, כמעט אָרגאַניש, אין מאָמענטן פון גרויסן אָנטשלוס און טיפער מיינונגס־פאַרשיידנקייט צוריקצוציען זיך אין דעם שאָטן, צו וואַרטן, און אויב מעגלעך צו פאַרזיכערן זיך קעגן ביידע רעזולטאַטן.״ (לעאָן טראָצקי, „געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע״, ענגלישע אויסגאַבע, באַנד 3, ז. 164.)

דער קעמפער, וועלכער האָט, צוזאַמען מיט לענינ׳ען, געפירט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז אַ מאַן, וואָס „טרעט אַלעמאָל אָפּ אַף צוריק״. דער גרויסער סטראַטעג פון דעם בירגער־קריג, וועמעס פּלאַן פון מיליטערישער אַקציע, שנעל און אַנטשיידן דורכגעפירט, האָט גע־בראַכט דעם אַנטשיידנדיקן זיג אַף אַ פראָנט פון עטלעכע הונדערט מייל אין דרום־רוסלאַנד איבער די ווייסע קרעפטן פון גענעראַל דעניקינ׳ען, איז איינער וועלכער, „אין מאָמענטן פון גרויסן אָנטשלוס״, ציט ער זיך צוריק „אין שאָטן״. דער אויטאָר פון דעם פינף־יאָר־פּלאַן, אַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג אַף אַן אומדערהערט ריזיקן מאַסשטאַב, וואָס האָט אוועקגעשטעלט 160 מיליאָן מענטשן צו אַרבעטן אַף דער אויפגאַבע פון איבערמאַכן אַ זעקסטל פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד לויט אַ באַשטימטן סאָציאַלן פּלאַן, איז איינער וועלכער ליידט דער־פון, וואָס „אים פעלט שעפערישע פאַנטאַזיע״. דער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט דורכגעפירט די לעצטע גרויסע קלאַסן־מלחמה אין דער רעוואָלוציע, די ליקווידאַציע פון די קולאַקעס אַלס אַ קלאַס, ווערט פאַר־געשטעלט אַלס אַ מאַן וועלכער האָט ליב „צו וואַרטן״, צו פאַרזיכערן

זיך „קעגן בײדע רעזולטאַטן״. דער אומדערשראָקענער פירער, װעלכער פירט דורך נאָכאַנאַנד אידעאָלאָגישע שלאַכטן, װעלכער געפינט אויס באַהאַלטענעם אָפּאָרטוניזם װי קלוג ער זאָל ניט זײַן פאַרמאַסקירט, װעלכער האָט נאָך אין די ערשטע שטופן פון טראָצקי׳ס אָפּאָזיציע פאָראויסגעזאָגט מיט אַ שטוינענדיקער קלאָרקײט, אַז זי װעט װערן „דער קאָנצענטריר־פונקט פון ניט־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, װעלכע פּרואװן דעגענערירן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט״, װערט כאַראַקטעריזירט װי איינער װאָס קען ניט פּאַסן קיין באַשלוסן. דער בויער פון דעם לעבן פון מינאָריטעט־נאַציאָנאַליטעטן אינעם פ.ס.ס.ר., דער מאַן װעלכער האָט אויסגעאַרבעט די פּראַקטישע מעטאָדן פון דער לענינשער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם און האָט דיריגירט מיט דעם בויען סאָציאַליזם אױף אַן אופן װאָס זאָל באַשאַפן אַ רײַך, קאָלירפול, פילזײַטיק קולטורעל לעבן צװישן אַ הונדערט נאַציאָנאַליטעטן, װאָס זײַנען פאַרשײדן איינע פון דער אַנדערער אין עקאָנאָמישער אַנטװיקלונג, שפּראַך, געשיכטע, געװאוינהײטן, טראַדיציעס, אָבער פאַראײניקט אין געמיינזאַמער אַרבעט צו בויען אַ שיינע צוקונפט, איז דאָס דער מאַן װעלכער לײַדט דערפון, װאָס ער האָט „אַ שמאָלן האָריזאָנט״. דער װעלט־פירער, װעמעס יעדער אָנװײַז צו יעדער פּאַרטײ פונעם קאָמינטערן װעגן יעדער פּראָבלם איז קאָרעקט, קלאָר, באַלאַנסירט און װײַזט דעם װעג צו נײַע מער אַנטשײדנדיקע קלאַסן־שלאַכטן, װערט דערקלערט אַלס איינער װאָס לײַדט פון „פאַרדעכטיקער פאַרזיכט״.

אָט אַזוי שרײַבט טראָצקי געשיכטע.

נאָכדעם װי טראָצקי האָט אױף אַזאַ אופן צוגעגרייט — געהאָפט צוצוגרייטן — אַ געװיסן טייל פון דעם עולם צו גלויבן, אַז סטאַלין איז אַ קליין מענטשעלע, װאָס באַהאַלט זיך אַלעמאָל אין שאָטן און װאָס האָט נישט קיין פאַנטאַזיע און קיין ברייטן אויסקוק, איז ער איבערגעגאַנגען צו דער צװייטער שטופע: דערקלערן, אַז סטאַלין איז אַ מענטש, װאָס איז פּייאיק צו מאַכן אַ „פּרעים־אַפּ״ אױף אומשולדיקע מענטשן, כדי זיך נוקם צו זײַן אָן טראָצקי׳ן. װען טראָצקי האָט געשריבן זײַן „געשיכטע״, האָט ער שוין מסתמא געפּלאַנעװעט דעם איבערגאַנג צו מער „אַקטיװע״ פאָרמען פון קאַמף קעגן דעם סאָװעטן־פאַרבאַנד און זײַן פירערשאַפט. פּונקט אַזוי, װי קיין בר־דעת װעט ניט גלויבן זײַן כאַראַקטעריסטיק פון סטאַלינ׳ען, װײַל זי איז אינגאַנצן

אין ווידערשפּרוך מיט די פאַקטן, וואָס זיינען באַקאַנט דער גאַנצער וועלט, פּונקט אַזוי וועט מען ניט גלויבן דער געשיכטע מיטן „פּרעים־אַפּ״, וועלכע איז ווילד און פאַנטאַסטיש און אין פולן ווידערשפּרוך צו די פאַקטן, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט אינעם אָפענעם געריכט.

וויכטיק איז אָבער צו געדענקען, אַז טראָצקי דער „היסטאָריקער״ האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר טראָצקי׳ן דעם אָנפירער פון טעראָריסטישע באַנדעס. די „אידעאָלאָגיע״ און די פּראַקטיק גייען האַנט אין האַנט.

פערצנטער קאַפּיטל

די געפאַר פון טראָצקיזם

„קיינער וואָגט ניט רעדן הויך אין רוסלאַנד.“

„די רוסישע אַרבעטער האָבן שלעכטע וואוינונגען, שלעכטע קליידער, שלעכטע שפּייז. אַלס רעזולטאַט פון שלעכטער דערנערונג און שלעכטן היגיענישע באַדינגונגען פאַרשפּרייטן זיך צווישן זיי עפּידעמיעס.“

„אַנשטאָט די פּראָקלאַמירטע שיינע פּערספּעקטיוון און באַזונדערס גינסטיקע פּריווילעגיעס, האָבן די אַרבעטער פון דער שווער-אינדוסטריע באַקומען אַן אָפיציעלן אַכט-שטונדיקן טאָג פּלוס צוויי שטונדן אָווערטאַים — שלאָגלער-אַרבעט און סופּער שלאָגלער-אַרבעט אונטער באַדינגונגען, וואו עס פעלן שטענדיק מאַטעריאַלן און אינסטרומענטן, וואו די מאַשינען און אַפּאַראַטן זיינען שטענדיק ניט אין אָרדענונג, די אַרבעטס-צימערן זיינען ניט געהייצט און קיין ווענטילאַציע איז נישטאָ.“

„די סיסטעם פון „אַנטקולאַקיזירן“ און קאָלעקטיוויזירן אַף אַ גרויסן מאַסשטאַב האָט פאַרוואַנדלט רוסלאַנד פון אַ לאַנד מיט בליענדיקער אַגריקולטור אין אַ לאַנד פון אַ ווייט-פאַרשפּרייטן חורבן. אַנשטאָט די טובות, וואָס מ'האָט צוגעזאָגט אַז זיי וועלן קומען פון קאָלעקטיווער שעפערישקייט און אָנווענדונג פון מאַשינען אַף אַ ברייטן מאַסשטאַב, זיינען די פּויערים געבליבן אויסגעשעפּט. קאַטאָרזשנע אַרבעט אין די קאָלעקטיווע פאַרמס האָט געבראַכט צו אַ לאַגע, וואו דער פּויער קען ניט זיין דער באַשאַפער פון די נויטוועדיקסטע פּראָדוקטן.“

וועד זיינען די אויטאָרן פון אָט די דערקלערונגען? זיינען דאָס טראָצקיסטישע דערקלערונגען? זיי קלינגען זייער שטאַרק טראָצקיסטיש. לאָמיר ניט פאַרגעסן, וואָס טראָצקי האָט געשריבן וועגן „ביוראָקראַטיזם“ אין רוסלאַנד, וועגן דעם, אַז דעמאָקראַטיע איז דערוואָרגן, אַז די באַפעלקערונג האָט נישט די עלעמענטאַרסטע רעכט אונטער דעם „סטאַלין-רעזשים“. לאָמיר ניט פאַרגעסן, וואָס ער האָט געזאָגט אין זיין רעדע פון מעקסיקאָ דעם 10טן פעברואַר, 1937, אַז דער „סטאַלין-רעזשים“ האָט „פאַרראַטן סאָציאַליזם“ און „געשענדעט די רעוואָלוציע“. וואָלט מען דען ניט געקענט גלויבן, אַז די אויבן-געבראַכטע שורות זיינען געשריבן פון טראָצקי'ן?

לאָמיר איצט ברענגען אַן אַנדער פּעקל ציטאַטן.

„מען פאַרגיט עקאָנאָמישע אויפגאַבן אָן אַ שום רעכענונג וועגן די עקזיסטירנדיקע מיטלען. אַן אַלץ גרעסערע אוממענטשלעכע משא ווערט אַרויפגעוואָרפן אַף די פּלייצעס פון די אַרבעטער... שלעכטע נאַרונג פּלוס געצוואונגענע אָנשטרענגונג. די קאָמבינאַציעס פון אַט די צוויי באַדינגונגען איז גענוג אַף צו רואינירן די געציייג און אויסצושעפּן די פּראָדוצירער גופא... מען קען קוים גלויבן די אייגענע אויגן... שלעכטע דערנערונג און נערוועזע מידקייט באַשאַפן אַן אַפּאַטיע צו דער אַרומיקער סביבה. דער רעזולטאַט איז, אַז ניט נאָר די אַלטע פאַבריקן, נאָר אויך די נייע, וואָס זיינען אויפגעבויט לויט דעם לעצטן וואָרט פון טעכנאָלאָגיע, פאַלן שנעל אַריין אין אַ צושטאַנד פון האַלב-טויט.”

„די געוואַלטיקע יאָגעניש נאָך רעקאָרדס אין דער קאָלעקטיווי-זאַציע, אָן ריקזיכט אַף די עקאָנאָמישע און קולטורעלע מעגלעכקייטן פון דער דאָרפישער עקאָנאָמיק, האָט אין אמת'ן געבראַכט צו די קאָנ-סעקווענצן פון חורבן. דאָס האָט צעשטערט דעם סטימול פון די קליינע סחורה-פּראָדוצירער נאָך לאַנג איידער עס איז מעגלעך געוואָרן צו פאַרבייטן זיי דורך אַנדערע, פיל העכערע עקאָנאָמישן סטימולן. דער אַדמיניסטראַטיווער דרוק, וועלכער ווערט שנעל אויסגעשעפּט אין דער אינדוסטריע, ווייזט זיך אַרויס אַבסאָלוט מאַכטלאָז אין דער ספערע פון דער דאָרפישער עקאָנאָמיק... הונדערט-פּראָצענטיקע קאָלעקטיווי-זאַציע האָט געבראַכט דערצו, אַז די פעלדער זיינען הונדערט-פּראָצענטיק איבערגעוואקסן מיט ווילד גראָז.”

מיר האָבן געבראַכט צוויי בינטלעך ציטאַטן. איין בינטל איז פון טראָצקי'ן, דער צווייטער איז פון אַ פּאַפּיר וואָס רופט זיך „דער רוסישער פאַשיסט” און וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אַף רוסיש אין פּאָט-נאַם, קאָנעטיקוט, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אונטער דער רעדאַקציע פון איינעם אַ שוואַרץ־מאה'ניק מיטן נאָמען א. וואָנסיאַצקי. קען עמיצער געפינען אַן אונטערשייד צווישן דעם אינהאַלט פון די ציטאַטן? דער אינהאַלט איז דער זעלביקער. דער גייסט איז דער זעלביקער. דער צוגאַנג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד — דער זעלביקר. ביידע בינטלעך ציטאַטן רעדן וועגן „חורבן”, „רואינע”. ביידע רעדן וועגן דעם, אַז די קרעפטן פון די אַרבעטער זיינען אויסגעשעפּט, אַז די קאָלעקטיווי־זאַציע האָט פאַראָרעמט דאָס פּויערטום און אוממעגלעך געמאַכט צו שפּייזן דאָס לאַנד. אַף וויפיל די דאָזיקע פאַקטן זיינען ריכטיק, קען מען זען דערפון, וואָס אין יאָר 1936 האָט די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע זיך פאַרגרעסערט אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1928 אַף אַכט מאָל אַזוי פיל. די אַגריקולטורעלע פּראָדוקציע איז געשטיגן אין פאַרגלייך מיט דעם

פעריאָד פון פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע אַף 50 פּראָצענט. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז איצט באַוואָרנט קעגן הונגער. ער איז שוין אויך באַוואָרנט קעגן אַ שלעכטער גערעטעניש. דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון די מאַסן איז אויסגעוואַקסן און האַלט אין איין וואַקסן.

אויב עס איז נישטאָ קיין אונטערשייד אין דעם צוגאַנג פון אַן אָפענעם פאַשיסט און פון טראָצקי׳ן צום סאָוועטן־פאַרבאַנד (דער צווייטער בינטל ציטאַטן איז גענומען פון טראָצקי׳ס ענגלישן פאַמפלעט „סאָוועטישע עקאָנאָמיק אין געפאַר", זייטן 21 און 23), טאָ וואָס פאַר אַן אונטערשייד קען זיין אין זייערע אַנדערע מעטאָדן פון קאַמף? אויב טראָצקי קען רעדן ווי אַ פאַשיסט, דאַרף מען זיך גאָרניט וואונדערן, וואָס ער קען האַנדלען ווי אַ פאַשיסט. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס דער פאַשיסט זאָגט אָפן, אַז ער וויל פאַשיזם, בשעת טראָצקי דערציילט די פאַנטאַסטישע מעשה, אַז ער וויל דוקא אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע באַלד אָפן אָרט און אַז ער איז לינקער פונעם קאָמינטערן. אָבער אויך דער אונטערשייד איז נאָר ניט אַזוי גרויס. די פאַשיסטן זאָגן דאָך אויך, אַז זיי שטעלן זיך איין פאַר די אַרבעטער און פויערים. דער רוסישער פאַשיסט, וועמען מיר האָבן אָקאָרשט ציטירט, האָט דערקלערט, אַז זיין „פּאַרטיי" שטעלט זיך איין פאַר די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע און אַז זי וויל זיי ראַטעווען פון זייערע אונטערדריקער און עקספּלואַטאַטאָרס, וואָס דאָס זיינען, לויט זייער דערקלערונג, די באָלשעוויקעס און סטאַלין. אָבער דאָס זעלביקע זאָגט דאָך טראָצקי אויך. די רוסישע פאַשיסטן האָבן דערקלערט, אַז זיי זיינען אפילו ניט קעגן די סאָוועטן. נאָר וואָס דען — זיי ווילן האָבן „פרייהייט פון אומגעשטערטער אָפּשטימונג און דאָס רעכט אויסצוקלייבן אומפּאַרטייאישע אין די סאָוועטן", ד. ה. דאָס רעכט אויסצוקלייבן פאַרטרעטער פון קולאַקעס, געוועזענע פאַבריקאַנטן און געוועזענע צאַרישע באַאמטע. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין פּרט פון אָנערקענען די סאָוועטן גייען די רוסישע פאַשיסטן אַפילו אַ ביסל לינקער, ווי טראָצקי.

איבעריקנס, וועד עס איז פון זיי לינקער, וועלן זיי שוין דאַרפן אַליין זיך אויסגלייכן צווישן זיך. דאָס זיינען פויגלען פון איין מין.

פאַראַן אָבער יאָ איין אונטערשייד צווישן די פאַשיסטן און די טראָצקיסטן. די פאַשיסטישע פאַלשקייט איז גיכער דערקענט. און די אַרבעטער קענען זיך פאַר איר גיכער באַוואָרענען, בשעת טראָצקי׳ס נאַרעריי איז ניט אַזוי לייכט צו אַנטדעקן, ווייל ער פאַרדעקט זיך מיט

„רעוואָלוציאָנערע“, „מאַרקסיסטישע“, אַפילו „לעניניסטישע“ פֿראַזן.

דערין ליגט די געפֿאַר פֿונעם טראָצקיזם.

איין גרויסן זיג האָט דער וועלט־פּראָלעטאַריאַט געוואונען אין אָקטאָבער 1917: די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, וועלכע האָט איינגעפֿירט די דיקטאַטור פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט. קנאַפּע צוואַנציק יאָר אַז עס הערשט די דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט אין אַ ריזיקן לאַנד. דערפֿאָלגן, וואָס מען האָט וועגן זיי אַפילו ניט געקענט חלום׳ען אונטערן אַלטן רעזשים, זיינען דערגרייכט געוואָרן אין אַ בערך קורצן שפּאַן צייט נאָכן סוף פֿונעם בירגער־קריג. דער פּראָגרעס פֿון דער אינדוסטריע, וועלכער האָט געמאַכט דעם פּ.ס.ס.ר. אין פּרט פֿון שווערער מעטאַלורגיע פֿאַר דעם ערשטן לאַנד אין אייראָפּע און דעם צווייטן אין דער וועלט, האָט איבערגעביטן דעם פּנים פֿון דעם געוואַלטיקן לאַנד און האָט געעפֿנט פֿאַר אים נאָך גרעסערע און נאָך מער וואונדערבאַרע מעגלעכקייטן. דער פּראָגרעס פֿון אַגריקולטור, וועלכער האָט פֿאַרוואַנדלט אַ לאַנד פֿון אַן ערך 20 מיליאָן קליינע צוריקגעשטאַנענע אינדיווידועלע פֿויערשע באַלעבאַטישקייטן אין אַ לאַנד פֿון דער מאָדערנסטער קאָלעקטיוויזירטער אַגריקולטור, האָט אוועקגעשטעלט דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אויף אַ פֿעסטן פֿונדאַמענט בנוגע די פּראָדוקציע פֿון שפּייז־מאַטעריאַלן און רוי־מאַטעריאַלן און האָט געמאַכט דאָס לאַנד אין אַ גרויסער מאָס אומאָפּהענגיק פֿון די קאַפּריזן פֿונעם וועטער. הויכן פֿון קולטור זיינען דערגרייכט געוואָרן, וועלכע שטעלן אוועק דאָס לאַנד אין אַ סך הינזיכטן אין דעם שפּיץ פֿון אַלע אַנדערע לענדער.

דאָס אַלעס איז נישט דערגרייכט געוואָרן אָן קאַמף. קאַמפֿן קעגן די פֿריערדיקע אייגנטימער פֿון רייכטום. קאַמפֿן קעגן די ווייסע קרעפֿטן פֿון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן. קאַמפֿן קעגן די אימפּעריאַליסטישע אינטערווענציע־אַרמייען. קאַמפֿן קעגן די שונאים וואָס האָבן אַריינגעדרונגען אין יעדן שפּאַלט פֿונעם סאָוועטישן לעבן מיטן צוועק צו שעדיקן און ברעכן. קאַמפֿן קעגן די דאָרפֿישע עקספּלואַטאַטאָרס, די קולאַקעס. קאַמף קעגן די אינטעלעקטועלע סאַבאָטאַזשניקעס, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט יעדן מעגלעכן ווידערשטאַנד קעגן דער אַרבעטער־הערשאַפֿט. קאַמף קעגן דער אייגענער אומגעבילדעטקייט, קעגן שלעכטער אַרבעט, קעגן ניט־צוגעוואוינטקייט פֿון די אַרבעטער צו די נייע אויפֿגאַבן. קאַמף קעגן דער צוריקגעשטאַנענקייט פֿון דעם פֿויערטום. קאַמף

קעגן אַלטע געוואוינהייטן, יאָרהונדערט־אַלטע מנהגים, פּאַראורטיילן, פאַלשע געדאַנקען. קאַמף קעגן פרעמדע עלעמענטן אין דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, וועלכע האָבן געדראָט צו צעשטערן איר איינהייט און צו פאַרלאַנגזאַמערן דעם פּראָגרעס פון דער רעוואָלוציע.

אונטער דער פירערשאַפט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, מיט לענין'ען און סטאַלינ'ען אין דעם שפּיץ, זיינען אַט די אַלע שוועריקייטן בייגעקומען געוואָרן, די מערסטע שלאַכטן זיינען געוואונען געוואָרן, דער פונדאַמענט פון סאָציאַליזם אוועקגעלייגט געוואָרן, דער בנין פון סאָציאַליזם כמעט פאַרענדיקט געוואָרן. די האַרעפּאַשניקעס פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד טרעטן איצט אַריין אין אַ נייער ערע, אַן ערע פון שפע, פון העכערער קולטור, פון אַ שענערן און פאַר־רייכערן לעבן, פון מער דעמאָקראַטישע פרייהייט, ווי דאָס איז אויסגעדריקט אין דער נייער קאָנסטיטוציע, וועלכע פאַרקערפּערט נאָר אין געזעץ דאָס, וואָס ס'איז שוין איינגעפירט אין לעבן.

אַלעס, וואָס ווערט געשאַפן אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווערט גע־שאַפן פאַר די מאַסן, פאַר די האַרעפּאַשניקעס, פאַר די אַרבעטער, פויערים און האַרעפּאַשנע אינטעליגענטן. קיין אַנדערע איז שוין כמעט מער ניט געבליבן. די אַלטע עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן זיינען כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. דער אונטערשייד צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פויערטום האַלט אויך ביסלעכוויז אין פאַרשווינדן. דער אונטערשייד צווישן האַנט־אַרבעטער און קאָפּ־אַרבעטער האַלט אויך אין פאַרשווינדן. דאָס לאַנד איז שוין איצט אויפן וועג צו אַ קלאַסנ־לאָזער געזעלשאַפט. גאָר אין דער ניט־ווייטער צוקונפט וועט דאָס לאַנד אַריינטרעטן אינעם פּעריאָד פון פאַרענדיקטן קאָמוניזם.

פאַרגלייכט אַט דעם דערפאָלג מיט דער לאַגע אין די קאַפּיטאַליס־טישע לענדער. גראָד דעמאָלט, ווען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט גע־האַלטן אין איין וואַקסן, זיינען פאַבריקן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פאַרמאַכט געוואָרן; קאָטן־פעלדער און ווייץ־פעלדער אין דעם רייכסטן לאַנד פו דער וועלט, די פאַראייניקטע שטאַטן, זיינען פאַר־קאַרט געוואָרן, בשעת צענדליקער מיליאָנען אַרבעטער זיינען אַרויס־געוואָרפן געוואָרן אַף דער גאַס, מיליאָנען מענטשן האָבן ניט געהאַט מיט וואָס איבערצולעבן אַ טאָג. מיליאָנען יונגטלעכע און קינדער האָבן געוואַנדערט איבער די וועגן פון יעדן לאַנד. איצט, אין 1937, ווען מען זאָגט אונז, אַז דער קריזיס איז שוין אין אַ גרויסער מאָס

בייגעקומען געוואָרן, דאָס הייסט, אַז די קאַפּיטאַליסטן קריגן איצט נייע פּראָפיטן, בלייבן נאָך אַלץ גרויסע מאַסן ארבעטסלאָזע, דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון די מאַסן איז נידעריקער ווי פריער — און אַזוי ווי דאָס באַדייט אַ פאַרקלענערטע קויף־קראַפט פון דער באַפעלקערונג און אַזוי ווי די אויסלענדישע מערק זיינען אויך אין אַ גרויסער מאָס געשלאָסן פאַר די סחורות פון יעדן לאַנד, הייסט דאָס, אַז עס ווערט צוגעגרייט אַ נייער, נאָך מער שרעקלעכער קריזיס.

דער רעזולטאַט איז, אַז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז די קולטור באַנקראָט. שולן ווערן פאַרמאַכט, אוניווערזיטעטן ווערן גע־שניטן, הויך־ספּעציאַליזירטע טעכניקער גייען ארום אָן ארבעט, גע־לערנטע קענען ניט געפינען קיין פּלאַץ פאַר זייער טאַלאַנט. ליטעראַטור און קונסט זיינען געבונדן. אין דער זעלביקער צייט וואַקסט די סאָ־וועטישע קולטור, די צאָל הויך־שולן פאַרגרעסערט זיך געוואַלטיק, די צאָל סטודענטן וואַקסט, יעדער געלערנטער ווערט אָפּגעשאַצט, עס איז דאָ פּלאַץ פאַר יעדן טאַלאַנט, עס איז דאָ אָן אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייט פאַר אַלע מענטשלעכע פעיאיקייטן. דאָס לעבן איז געוואָרן ברייטער. דאָס לעבן איז געוואָרן רייכער. דאָס גאַנצע לאַנד אָטעמט מיט אַ טיפן ענערגישן געזונטן פרייהייטלעכן לעבן.

צוליב דעם אַלעם איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ לייכט־טורעם פאַר אַלע אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע איבער דער גאָרער וועלט. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אָפּגעשאַפט עקספּלואַטאַציע, ארבעטס־לאָזיקייט, אומזיכערקייט. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אָפּגעשאַפט די אונטערדריקונג פון מינאָריטעט־נאַציאָנאַליטעטן, פון קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס. ער האָט פאַרוואַנדלט די אַמאָל אונטערדריקטע טיילן פון רוסלאַנד, וואָס זיינען געווען באַזעצט דורך ניט־רוסן, אין אמת'ע גערטנער פון נאַציאָנאַלער פרייהייט, וואו עס בליט נאַציאָנאַלע קולטור — קולטור, וואָס איז נאַציאָנאַל אין פאָרם און סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט. ער האָט אַנטוויקלט די פריער־אָפּגעשטאַנענע טעריטאָריעס אַזוי, אַז זיי זאָלן דערגרייכן דעם ניוואָ פון די העכסט־אַנטוויקלטע געביטן.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דער גרויסער ביישפּיל פאַר די מאַסן פון דער וועלט. ער ווייזט, ווי אַזוי קאַפּיטאַליסטישע שקלאַפעריי און קאָלאָניאַלע אונטערדריקונג קענען אָפּגעשאַפט ווערן. די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון דעם פ.ס.ס.ר. איז דער ביישפּיל, ווי אַזוי די פאַרטייען

פונעם פּראָלעטאַריאַט אין יעדן לאַנד דאַרפן אָרגאַניזירט ווערן און ווי אַזוי זיי דאַרפן אָנפירן זייער קאַמף כדי צו דערגרייכן דעם זיג פון דעם אַרבעטער־קלאַס און די עטאַבלירונג פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז די אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַראייניקט אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען און מאַכט פון זיי איין גרויסע באָלשעוויסטישע וועלט־פּאַרטיי, פירערין פון דער וועלט־רעוואָלוציע.

עס איז נישטאָ קיין איינציקע רעוואָלוציאָנערע גרופּע צווישן די אַרבעטער און אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן אין דער וועלט, וואָס זאָל ניט זיין סטימולירט דורך דעם ביישפּיל פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס איז נישטאָ קיין איינציקער אויסדרוק פון רעוואָלט צווישן די מאַסן, וועלכער זאָל ניט ווערן פאַרטיפט און מער באַוואוסטזיניק און מער אַנטשלאָסן אַ דאַנק דער עקזיסטענץ פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. נעמט אַראָפּ דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פון דער פּאָליטישער אַרענע, צעשטערט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם פּ.ס.ס.ר., צעברעכט דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל — און איר ברענגט די גרעסטע מפּלה פון די עקספּלואַטירטע און דעם גרעסטן טריאומף פון די עקספּלואַטאַטאָרס.

טאַקע דערפאַר האָט דער וועלט־קאַפּיטאַליזם פיינט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. טאַקע דערפאַר קאָנספּירירן די אימפּעריאַליסטישע וועלט־מאַכטן קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. טאַקע דערפאַר גרייטן זיי זיך נאָכאַנאַנד צו אַ מלחמה קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי ווייסן, ווער עס איז זייער שונא. זיי קענען די געפאַר, וואָס דראָט זייער הערשאַפט און זייער סאַמע עקזיסטענץ. זיי וואָלטן אַ בעלן געווען צו ברעכן, צעשטערן, פאַרניכטן, אָפּווישן די פאַרהאַסטע דיקטאַטור פונעם אַרבעטער־קלאַס.

דער וואָס העלפט זיי איז אַ פיינט פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון אַלע אונטערדריקטע. צו אָט דעם לאַגער געהערט טראָצקי מיט די טראָצקיסטן.

פאַראַן ווייך־האַרציקע און „יושר'דיקע" אינטעלעקטואַלן, וועלכע דענקען, אַז מען האָט נישט געגעבן טראָצקי'ן קיין „שאַנס". אָט די טשעמפּיאָנען פון „פעיר פּלעי" פאַרגעסן, אַז דאָס האָט טראָצקי נישט געגעבן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין „שאַנס". דאָס איז ער קיינמאָל נישט געווען גערעכט אין זיין באַציאונג צו די סאָוועטישע אַרבעטער

און צו זייער קאָמוניסטישער פארטיי. דאָס איז ער קיינמאָל ניט געווען ערלעך אין זיינע האנדלונגען, דאָס האָט ער קיינמאָל ניט געזאָגט וואָס ער דענקט אף אַן אמת. און האָט אַלעמאָל געהאַלטן סודות באַהאַלטן פאַר זיך. דאָס האָט טראָצקי, נאָך זייענדיק אַ מיטגליד פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט מיט זיין פּאָליט־ביוראָ, געמאַכט פאַרשווערונגען קעגן דער פּאַרטיי און דערמיט אויך קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, קעגן דער הערשאַפט פונעם פּראָלעטאַריאַט. דאָס האָט ער אָרגאַניזירט גרופּקעס פאַרשווערער אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס האָט ער זיי געגעבן דערמוטיקונג און דירעקטיוון ווי אויפצורייסן פאַבריקן, אויפצורייסן אייזנבאַנען, טויטן אַרבעטער, דערמאָרדן פירער. דאָס האָט ער אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט די פאַשיסטישע מלוכות. ווען זיינע מענטשן זיינען געכאַפּט געוואָרן, געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט און זיך מודה געווען אין זייערע פאַרברעכנס און געקראָגן זייער שטראָף, געפינען זיך נאָך מענטשן וואָס רעדן וועגן אַן „אונטערזוכונגס־קאָמיסיע”. ווען זאָל מען אונטערזוכן? דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד? דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ גרויסע מלוכה, וועלכע טוט קאָלאָסאַלע אַרבעט. עטלעכע פאַרשווערער אונטער דער פירערשאַפט פון טראָצקי'ן האָבן זיך געפּרואווט שטעלן אין וועג. האָבן געשעדיקט און געמאָרדעט. די יוסטיץ־אָרגאַנען פון דער גרויסער מלוכה האָבן זיי געכאַפּט, אויפגעדעקט זייער פאַרברעכן און זיי פאַר'משפּט. דאָס איז דאָס רעכט פון יעדער מלוכה. טראָצקי האָט אויפגעהויבן אַ טומל — ווייל ער וויל שעדיקן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ווייל ער וויל פאַרדעקן, פאַרשרייען זיין אייגענע מערדערישע ראָלע. איז וואָס זאָל מען דאָ אונטערזוכן? און ווער זאָל אונטערזוכן? די מיליאָנען סאָוועטישע אַרבעטער, די מיליאָנען סאָוועטישע פּויערים האָבן געגעבן זייער צושטימונג צו זייערע אייגענער רעגירונג, וועלכע האָט אונטערזוכט און אויפגעדעקט די פאַרברעכנס. דערמיט איז פאַר זיי און פאַר דער סאָוועטישער רעגירונג די פראַגע געלייזט.

אָבער די אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן נאָך אַלערליי צווייפלען און וואָס חקירה'ן וועגן דער פראַגע, פאַרוואָס די באַשולדיקטע אין דעם זינאָוויעוו־קאַמענעוו און אין דעם ראַדעק־פּיאַטאַקאָוו משפּט האָבן זיך מודה געווען — אַ פראַגע, וואָס ווערט פאַרענטפערט זייער איינפאַך: זיי האָבן זיך מודה געווען, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווייל זייערע פאַרברעכנס זיינען אויפגעדעקט געוואָרן דורכן

משפט און עס האָט ניט געהאַט קיין זין צו לייקענען — וואָלטן זיך אליין געטאָן א טובה, ווען זיי וואָלטן זיך צוגעקוקט נעענטער צו טראָצקי'ן. זיינע דעקלאַראַציעס, זיינע פאַראויסזאָגונגען, זיינע פּראָגראַמאַטישע אַרטיקלען אליין ווייזן, אז ער האָט געגרייט זיינע נאָכפאָלגער פאַר טעראָריסטישע אַקטן. זיי וועלן טאָן זיך אליין א טובה, ווען זיי וועלן איינזען דעם צבועק'ישן כאַראַקטער פון טראָצקי'ס שרייבערייען און ריידערייען.

עס הייסט, אַז ער איז אַ טשעמפּיאָן פון אינעווייניק-פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע. אָבער ווען עס איז געקומען צו דער פראַגע וועגן די פּראָפּאַראיינעז (יוניאָנס) פונעם סאָוועטן-פּאַרבאַנד, האָט ער זיי געוואָלט פּאַרוואַנדלען אין אַ ריין-ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, וואָס זאָל הערשן פון אויבן אַרונטער און ער האָט פּאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל זיי געבן „אַ שטאַרקן טרייסל", אַז מען זאָל זיי „שטאַרק אַ רייב טאָן מיט זאַמד".

עס האָט געהייסן, אַז ער איז פאַר שנעלערע אינדוסטריאַליזאַציע. ער האָט צוליב דעם פאָרגעשלאָגן אומגעזונטע מיטלען, וואָס וואָלטן נאָר געבראַכט צעשטערונג. אָבער ווען עס איז געקומען די צייט און אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט סטאַלינ'ען, האָט די אינדוסטריאַליזאַציע געמאַכט אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג, האָט ער געפאָדערט, אַז מען זאָל זיך אָפּשטעלן, און האָט גענומען באַקלאָגן דאָס יאָגן זיך „צו שנעל".

עס האָט געהייסן, אַז ער איז אַ טשעמפּיאָן פון קאָלעקטיוויזאַציע פון פּויערשע באַלעבאַטישקייטן. ער האָט אַפילו געזאָגט, אַז אויב עס וועט נויטיק זיין, זאָל מען טאָן דאָס מיט גוואַלד, — וואָס דאָס וואָלט באַשאַפן אַ פאַרביטערונג צווישן די אַרבעטער און די פּויערים און וואָלט געבראַכט די רעוואָלוציע. אָבער ווען די קאָלעקטיוויזאַציע האָט ענדלעך אָנגעהויבן מאַכן שנעלע טריט, שרייט ער אַז דאָס רואינירט די לאַנדווירטשאַפט און רואינירט דאָס פּויערטום.

עס האָט געהייסן, אַז ער איז אַן „אולטראַ-רעוואָלוציאָנער"; אַ לינקער אָפּאָזיציאָנער, וואָס דאָס דאַרף הייסן, אַז ער איז אַ בעסערער קאָמוניסט ווי אַלע קאָמוניסטן, אָבער זיין גאַנצע טעטיקייט האָט נאָר איין צוועק: אונטערגראָבן, דערשיטערן, אָפּשוואַכן און סוף כל סוף צעשטערן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם סאָוועטן-פּאַרבאַנד, אָן וועלכער עס קען ניט זיין קיין סאָציאַליסטישער אויפבוי אין סאָוועטן-פּאַרבאַנד.

עס האט געהייסן, אז ער איז קעגן „ביוראקראטיזם” אין דעם אפאראט פון דער פארטיי און די סאוועטן — א געפאר, קעגן וועלכער סיי די פארטיי, סיי די סאוועטישע מלוכה האבן נאכאנאנד געקעמפט, און וועלכע ער, טראצקי, האט א מיליאן מאל איבערגעטריבן. אבער ער אליין — וואס האט ער געטאן? ער האט ארגאניזירט פיצינקעלעך קליקעלעך פון אומצופרידענע ביוראקראטן, רענעגאטן מיט קליינע פייאיקייטן און ריזיקע אמביציעס; פארשוינען וואס האבן נישט גע־קענט מאכן קיין קאריערע, ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין פייאיקייטן צו ווערן פירער אין די אמת׳ע קאמוניסטישע פארטייען; באשעפע־נישן, וואס זיינען פאר׳סמ׳ט מיט אלע גיפטן פון קאפיטאליסטישע פאליטישנס און וואס האבן גארנישט צו טאן מיט די מאסן.

עס האט געהייסן, אז ער איז ניט צופרידן מיט דער פאליטיק פון דעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל און פון די קאמוניסטישע פאר־טייען אין פארשיידענע לענדער, ווייל זיי זיינען כלומרשט ניט גענוג ראדיקאל. אבער אומעטום, וואו זיינע נאכפאלגער טוען עפעס צווישן די ארבעטער, גייען זיי האנט אין האנט מיט די וויליאם גרינס, מעטיו וואלס און די אנדערע ביוראקראטן.

עס האט געהייסן, אז ער איז דער גרויסער קעמפער פארן פאר־אייניקטן פראנט. ער האט באשולדיקט דעם קאמוניסטישן אינטער־נאציאנאל, אז ער האט כלומרשט רואינירט די דייטשישע רעוואלוציע, ווייל ער האט נישט פארגעשלאגן קיין פאראייניקטן פראנט — וואס דאס איז א באשולדיקונג אויסגעזויגן פונעם טראצקיסטישן פינגער. אבער ווען עס האט זיך אנטוויקלט דער פאראייניקטער פראנט און דער פאלקס־פראנט אין פראנקרייך און אין שפאניע, ווען אין שפאניע האט דער פאלקס־פראנט געקעמפט מיט געווער אין האנט קעגן די פאר־אייניקטע קרעפטן ניט נאר פון די שפאנישע נאר אויך פון די דייטשישע און איטאליענישע פאשיסטן, האבן זיך טראצקי מיט די טראצקיסטן געשטעלט קעגן דעם פאראייניקטן פראנט, זיי האבן געשעדיקט דעם פאראייניקטן פראנט, זיי האבן געהאלטן אין איין דערקלערן אז עס איז נישטא קיין פרינציפיעלער אונטערשייד צווישן די צדדים, וואס האלטן מלחמה, און זיי האבן דורך זייערע פאררעטערישע האנדלונגען אריינ־געשטאכן א מעסער אינעם רוקן פון דעם אנטי־פאשיסטישן פראנט.

עס הייסט, אז טראצקי איז קעגן דעם קאמוניסטישן אינטער־נאציאנאל, ווייל דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל איז נישט גענוג

רעוואָלוציאָנער. עס האָט געהייסן, אַז ער, טראָצקי, וויל בויען דעם פערטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער זאָל זיין מער רעוואָלוציאָנער. אָבער אין דער פּראַקטיק האָבן די טראָצקיסטן פון אַמעריקע זיך פאַראייניקט מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז אַ פּאַרטיי פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל; און אויב מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון פראַנקרייך, און אויב מען וועט זיי אַרויסוואַרפן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איז דאָס ניט די שולד פון טראָצקי׳ן.

עס הייסט, אַז ער, טראָצקי, איז אַ שילער פון לענינ׳ען — קעגן וועמען ער האָט געקעמפט דאָס גאַנצע לעבן און וועלכער האָט פאַר אים געהאַט די טיפסטע פאַראַכטונג. אָבער ווען עס קומט צו יעדער איינציקער טעאָרעטישער הנחה און צו יעדן פּראַקטישן אַקט, איז טראָצקי אַ קעגנער פון דעם לעניניזם. ער וויל ברעכן דעם גרעסטן מאָנומענט, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פאַר לענינ׳ען — דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

זאָלן די צווייפלער און „יושר"־זוכער באַטראַכטן אָט די גאַנצע ליניע פון טראָצקי׳ס טעטיקייטן — און זיי וועלן פאַרשטיין, אַז ער איז געגאַנגען אַרונטער פון טרעפּ צו טרעפּ — פון אָפּאָזיציע ביז באַ־קעמפן — פון באַקעמפן מיט ווערטער ביז באַקעמפן דורך פראַקציעס און גרופּקעס אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — פון באַקעמפן דורך פראַקציעס ביז אָרגאַניזירן אייגענע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע גרופּקעס — פון אָרגאַניזירן די דאָזיקע גרופּקעס ביז איבערגיין צו פּראַקטישע שעדיקעריי און טעראָריזם.

אָן אָנזאָג אויף זיין טעראָריזם קען מען אויך געפינען אין זיינע שריפטן. פאַר אונז ליגט זיין בראָשור: „דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און דער פערטער אינטערנאַציאָנאַל" (ענגלישע אויסגאַבע, 1934). עס ווייזט זיך אַרויס, אַז שוין אין דער בראָשור, וועלכע איז געשריבן גע־וואָרן סוף 1933, האָט טראָצקי אַרויסגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון גוואַלד־טאַטן אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„איז עס מעגלעך צו באַזייטיקן די ביוראָקראַטיע אויף אַ „פרידלעכן" אופן?" — פרעגט טראָצקי. — און דער ענטפער איז, אַז ניין. ווען ער זאָגט „ביוראָקראַטיע", מיינט ער אין אמת׳ן די סאָוועטישע מלוכה און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ער דערקלערט אין דעם פּאַמפלעט, אַז כדי צו באַזייטיקן די „ביוראָקראַטיע", דאַרף מען אָרגאַניזירן אַ נייע „רעוואָלוציאָנערע" פּאַרטיי אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַ טראָצ־

קיסטישע פּאַרטיי. זאָל זיך קיינער ניט וואונדערן, וואָס טראָצקי רופט זיין פּאַרטיי, „רעוואָלוציאָנערע". אויך היטלער האָט גערופן די נאַצי־פּאַרטיי — אַ „רעוואָלוציאָנערע" פּאַרטיי. „די פונדאַמענטאַלע היס־טאָרישע אויפגאַבע", דערקלערט טראָצקי אין דער דערמאָנטער בראָשור, „איז — באַשאַפן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי אינעם פ.ס.ס.ר. פון צווישן די געזונטע עלעמענטן פון דער אַלטער פּאַרטיי און פון צווישן דער יוגנט." (ז. 24). אַט די פּאַרטיי, זאָגט טראָצקי, דאַרף אַרויסנעמען די מאַכט פון די הענט פון דער עקזיסטירנדיקער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי און פון דער סאָוועטישער מלוכה ניט אַף אַ פרידלעכן אופן, נאָר מיט גוואַלד. דאָס קען דערגרייכט ווערן, דערקלערט ער, נישט דורך דעם, וואָס עס וועט אויסגענוצט ווערן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָדער דער סאָוועטישער מלוכה־אַפּאַראַט. דאָס קען ניט געטאָן ווערן, זאָגט ער, דורך קאָנסטיטוציאָנעלע מעטאָדן. „נאָך די דערפאַרונגען פון די לעצטע עטלעכע יאָר וואָלט געווען קינדעריש צו אָננעמען, אַז די סטאַ־ליניסטישע ביוראָקראַטיע קען באַזייטיקט ווערן דורך אַ פּאַרטיי־קאָנגרעס אָדער אַ סאָוועטישן קאָנגרעס", זאָגט ער (ז. 24). „קיין נאָרמאַלע „קאָנסטיטוציאָנעלע" מיטלען בלייבן ניט אַף צו באַזייטיקן די הערשנדיקע קליקע" (ז. 25), ד. ה. צו באַזייטיקן די מאַכט־אָרגאַניזאַציע פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. טראָצקי שטעלט אַרויס זיין טעזיס גאַנץ אָפן: „די ביוראָקראַטיע (די מלוכה־אָרגאַניזאַציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט און די קאָלכאָזניקעס.—מ. אַ.) קען געצוואונגען ווערן אָפּצוטרעטן די מאַכט און זי איבערגעבן אין די הענט פונעם פּראָלע־טאַרישן אוואַנגאַרד (ד. ה. די טראָצקיסטישע פאַרשווערער און מערדער. —מ. אַ.) נאָר מיט גוואַלד." (ז. 25, אונטערגעשטראָכן פון טראָצקי'ן.)

טראָצקי רעדט דאָ וועגן בירגער־קריג. אָבער ער קען דאָס ניט זאָגן אָפן. ער זאָגט דאָס אין אַ פאַרשטעלטן אופן, וואָס איז גענוג קלאָר. ער דערציילט זיינע נאָכפאָלגער, אַז עס וועט באַשאַפן ווערן אַזאַ סיטואַציע, ווען די טראָצקיסטן וועלן זיין אַזוי שטאַרק, אַז „דער סטאַ־ליניסטישער (פּאַרטיי און מלוכה) אַפּאַראַט וועט בלייבן הענגען אין דער לופטן". אָבער ער פאַרלאָזט זיך ניט אַף אַזאַ סיטואַציע. ער זאָגט ווייטער אַט וואָס: „אויב ער (דער אַפּאַראַט) זאָל נאָך פּרואוון אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד, וועט נויטיק זיין אָנצואווענדן קעגן אים ניט די מיטלען פון בירגער־קריג, נאָר ניכער מיטלען פון אַ פּאָליצייאישן כאַראַקטער", ד. ה. שטעקנס, רעוואָלווערן, גאַז־באָמבעס. אָבער אויך

דאָס איז ניט געגוג פאַר טראָצקי'ן. ער מוז דאָך דערזאָגן פאַר זיינע חסידים, וואָס ער מיינט. ער גיט אָנצוהערעניש אַף אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. „יעדנפאַלס וועט זיך דאָ האַנדלען ניט וועגן אַבאַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר וועגן באַזייטיקן אַ שלעכטן געשוויר אַף איר" (ז. 25). טראָצקי וויל אונז איינרעדן, אַז אַן אויפשטאַנד פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן — אַזאַ אויפשטאַנד קען נאָר געשטיצט ווערן פון געוועזענע פּריצים, פאַברי־קאַנטן, קולאַקעס און די געוועזענע הויכע צאַרישע באַאמטע — וואָלט נישט געווען קיין אויפשטאַנד קעגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלע־טאַריאַט, נאָר עס וואָלט געווען אַן אויפשטאַנד צו באַזייטיקן אַ „געשוויר" פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. (טראָצקי האָט דאָך לעניג'ען אויך גערופן „דער פירער פון דעם רעאַקציאָנערן פליגל" פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.) מען דאַרף נישט האָבן קיין סך שאַרפזין צו פאַרשטיין, אַז אַ באַ־וואָפנטער אויפשטאַנד קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער סאָוועטישער מלוכה וואָלט אומגעקערט צו דער מאַכט די פריערדיקע עקספּלואַטאַטאָרס, וואָלט אומגעקערט דעם קאַפּיטאַליזם. וועגן דעם האָט טאַקע געפּלאַנעוועט טראָצקי אין זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט די פאַרטרעטער פון היטלער'ן און דעם יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם. דאָרטן האָט ער דאָס געזאָגט אָפן. אין זיין בראָשורע האָט ער דאָס געזאָגט האַלב פאַרשטעלט.

דער משפּט איבער ראַדעק'ן, פּיאַטאַקאָוו'ן און די אַנדערע האָט באַוויזן, אַז טראָצקי האָט געפּלאַנעוועט פאַרשנעלערן אַ מלחמה פון די פאַשיסטן קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אויך די אויסזיכט פון אַ מלחמה, די האָפענונג פון אַ מלחמה איז אַנטהאַלטן אין דער ציטירטער בראָשור. טראָצקי פרעגט: „וואָס וועט גיכער קומען — דער אומפאַל פון דער סאָוועטישער סיסטעם פון זיך אַליין אָן דער נייער פּאַרטיי, אָדער דער אויפשטייג פון אַ נייער פּאַרטיי?" פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע פראַגע איז סיי נאַריש, סיי היפּאָקריטיש. טראָצקי מיינט, אַז אויב ער וועט דערציילן וועגן דעם נאַענטן פאַלן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועט שוין טאַקע דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַלן. ס'איז אָבער דאָ אַ כונה אין די אַלע ריידערייען: טראָצקי וויל צוציען מענטשן צו זיין קליקע. דער ענטפער אַף דער פראַגע איז, אַז ניט די סאָוועטישע מלוכה וועט פאַלן פון זיך, ניט זי וועט פאַלן צוליב דער טראָצקיסטישער

פּאַרטיי, וואָרים טראָצקי'ן וועט קיינמאָל נישט געלינגען אויפצובויען א מאַסן־פּאַרטיי אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער אָט־וואָס ער זאָגט: „א גרויסער היסטאָרישער פּרואוו — וואָס קען זיין א מלחמה — וועט באַשטימען די פאַרהעלטעניש פון קרעפטן" (ז. 26). טראָצקי, הייסט עס, האָפט אַף א מלחמה. די מלחמה וועט באַשטימען די פאַרהעלטעניש פון קרעפטן, ד. ה. ווער עס זאָל זיין באַלעבאָס אין רוסלאַנד: די סאָוועטישע מלוכה מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, אָדער די טראָצקיסטן. טראָצקי זאָגט דאָס שוואַרץ אַף ווייס. ער האָט דאָס געזאָגט נאָך סוף 1933. ער האָט צוגעפּאַסט זיין פּאָליטיק צו זיין פּראָגראַם.

איין פראַגע וואָלטן זיך אַלע צוויפלער און „יושר"־זוכער פאַר טראָצקי'ן געדאַרפט שטעלן: פאַרוואָס צעברעכט זיך די בורזשואַזיע א ביין צו באַווייזן, אַז טראָצקי איז אומשולדיק? פאַרוואָס הערט הוירסט ניט אויף צו דערציילן זיינע לייענער, אַז טראָצקי איז דער אמת'ער באָלשעוויק, דער ריכטיקער לעניניסט? פאַרוואָס האָט די גאַנצע בורזשואַזע פּרעסע גענומען אַף זיך די אויפגאַבע ריין צו וואַשן טראָצקי'ן אין די אויגן פון די מאַסן? פאַרוואָס באַקומט זיך, אַז די זעלביקע מענטשן, וואָס האָבן געשאָטן שוועבל און פּעך אַף טראָצקי'ן, ווען ער האָט געדינט דער רעוואָלוציע נאָך 1917, נעמען אים איצט אונטער זייער שוץ און ווילן באַווייזן, אַז ער איז נאָך איצט אויך געטריי די אידעאַלן פון וועלט־רעוואָלוציע? ווי קומט עס, וואָס די רעאַקציאָנערן, וואָס ציטערן פאַרן וואָרט רעוואָלוציע, שטעלן זיך איין מיט אַלע זייערע קרעפטן פאַר טראָצקי'ן, וועלכער וואַרפט זיך אַף רעכטס און אַף לינקס מיט רעוואָלוציאָנערע פראַזן און וועלכער באַשולדיקט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם געדאַנק פון וועלט־רעוואָלוציע? די סיבה איז קלאָר. די בורזשואַזיע דאַרף האָבן אַלערליי אַגענטן. זי דאַרף האָבן די אָפענע פאַשיסטן, וועלכע רעדן מיט דער שפּראַך פון אידן־האַס און בלוט. זיי דאַרפן האָבן דעם פאַרשטעלט פאַשיסט הוירסט, וועלכער באַצוועקט די זעלביקע זאַכן, ווי אַלע פאַשיסטן, נאָר וועלכער לאָזט ניט אַרויס פונעם מויל די ווערטער „דעמאָקראַטיע" און „אַמעריקאַנישע פרייהייטן". די בורזשואַזיע דאַרף האָבן די וויליאַם גרינס און מעטיו וואָלס, וועלכע קומען צו די מאַסן אַלס פאַרטרעטער פון די אַרבעטער און פּרואוון ברעכן זייערע סטרייקס, ווי דאָס האָט געטאָן וויליאַם גרין מיטן סטרייק פון

די אָטאָמאָביל־אַרבעטער פון דזשענעראַל מאָטאָרס. די בורזשואַזיע ווייסט, אַז די אַרבעט פון אַזוינע יוניאָן־ביוראָקראַטן העלפט דער רעאַקציע און דעם פאַשיזם. און די בורזשואַזיע דאַרף האָבן טראָצקי׳ן מיט די טראָצקיסטן, וועלכע קומען דווקא אינעם נאָמען פון „לינקן״ קאָמוניזם, אינעם נאָמען פון „אמת׳ן לעניניזם״, אָבער וועלכע טוען די זעלביקע אַרבעט וואָס אַלע אַנדערע פאַשיסטן: זיי אַטאַקירן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג, דעם פאָלקס־פראָנט און אַלצדינג וואָס ס׳איז פון גרויסן נוצן פאַר די ברייט האַרעפּאַשנע מאַסן. די קאַפּיטאַליסטן ווייסן, ווער עס איז זייער דינער. די קאַפּיטאַליסטן פאַרטיידיקן אַן אייגענעם מענטשן. זיי דאַרפן, אַז טראָצקי זאָל ניט ווערן דיסקרעדיטירט צווישן די מאַסן אַלס פאַרשווערער און אָנפירער פון מאָרדן, ווייל טאָמער ווערט ער דיסקרעדיטירט, ווערט ער אָן זיין איינפלוס. אָבער טאַקע דערפאַר איז נויטיק, אַז דער טראָצקיזם זאָל אויפגעדעקט ווערן אין זיין אמת׳ער געשטאַלט פאַר די ברייטסטע מאַסן.

דער טראָצקיזם האָט אַ קנאַפּן אָנהאַלט צווישן די פּראָלעטאַריער. דעם טראָצקיזם איז קיינמאָל ניט געלונגען צו שאַפן אַן אייגענע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע פון אַ מער אָדער ווייניקער באַדייטנדיקן פאַרנעם. אָבער דער טראָצקיזם געפינט אָנהענגער צווישן די קליין־בורזשואַזע אינטעליגענטן און צווישן האַלב־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, וועלכע ווערן מער אָדער ווייניקער ראַדיקאַליזירט. אָט די עלעמענטן שטייען נאָך אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון דער קליין־בורזשואַזיע, וועמעס אידעאָלאָגיע פאַר׳סמ׳ט זייערע מוחות. דער טראָצקיזם, אין וועמען זיי גלויבן ערלעך, ניט וויסנדיק, אַז ער איז אַן אַגענטור פון פאַשיזם, פּרוּווט זיי דעזאָרגאַניזירן און דעמאָראַליזירן. די קליינבירגערלעכע עלעמענטן, זאָגט לענין, „רינגלען אַרום דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע זייטן . . . זיי זאַפּן אים דורך . . . זיי דעמאָראַליזירן אים, זיי מאַכן אים נאָכאַנאַנד אַריינפאַלן צוריק אין קליינבירגערלעכער רוקן־שוואַכקייט, צעריסנקייט, אינדיווידואַליזם, איבערגאַנג פון ענטוזיאַזם צו פאַרצווייפלונג״. דאָס איז ריכטיק וועגן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איצט, פונקט ווי דאָס איז געווען ריכטיק וועגן דער סאָוועטן־רעפּובליק אין 1920. די קליין־בורזשואַזיע רינגלט אַרום דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע זייטן, און דער טראָצקיזם ווערט נאָכאַנאַנד ווידער געבוירן אַלס דער אויסדרוק פון אָט דעם באַזונדערן סאָרט קאָנטער־רעוואָלוציע. עס

איז דעריבער נאַטירלעך, אַז די אינטעליגענטן, וואָס שטאַמען פֿון דער קליין־בורזשואַזיע, זאָלן זיין ספּעציעל אויסגעשטעלט צו דער געפֿאַר פֿונעם טראָצקיזם. די לאַגע פֿון די קליינבירגערלעכע אינטעליגענטן איז שווער. גרויסע מאַסן האָבן ניט קיין אַרבעט. וויסנשאַפֿטלעכע און דערציאונגס־טעטיקייטן זיינען פֿאַקלענערט געוואָרן. די אינטעליגענטע יוגנט האָט גאָר אַ קנאַפּע האָפֿענונג צו קריגן אַרבעט, וואָס זאָל פֿאַר איר מעגלעך מאַכן צו אַנטוויקלען אירע טאַלאַנטן און צו לעבן אַ באַקוועם לעבן. די אינטעליגענטן ווערן ראַדיקאַליזירט, אָבער זייענדיק קליינבירגער, האָבן פֿיל פֿון זיי אַן אַנטיפּאַטיע צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צו איר טעאָריע און פּראַקטיק. דאָ רוקט זיך אַרויס דער טראָצקיזם. ער גיט די אינטעליגענטן אַ מין „אויסוועג". ער מאַכט מעגלעך פֿאַר זיי צו פֿאָזירן ווי קאָמוניסטן אָן אַן אַנטייל אין דעם קלאַסן־קאַמף. ער גיט זיי די מעגלעכקייט צו פֿאָזירן ווי „קריטיקער" פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי „פֿון לינקס" און אַף אַזאַ אופֿן צו באַפֿרידיקן זייער פֿאַרלאַנג צו אויסזען „ראַדיקאַל". ער גיט זיי אַ פּלאַטפֿאָרמע פֿון וועלכער זיי קענען באַקעמפֿן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אַזוי אַרום באַפֿרידיקן זייערע קליינבירגערלעכע נייגונגען, — דערביי ניט אויסזעענדיק רעאַקציאָנער. ער פֿאַרזאָרגט זיי מיט מאַטעריאַל צו קייען אַלערליי פֿראַזן וועגן לענין און סטאַלין, דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און דער וועלט־רעוואָלוציע, בשעת זיי אַליין שטעקן נאָך טיף אין דעם קליינבירגערלעכן זומפּ. ער מאַכט פֿאַר זיי מעגלעך צו זיין „קאָמוניסטן", בשעת ער באַפֿרידיקט זייער קליינבירגערלעכן האַס פֿאַר פּראָלעטאַרישער דיסציפּלין און פֿאַר פּראָלעטאַרישער דירעקטקייט פֿון רעוואָלוציאָנערער האַנדלונג.

אָט דערפֿאַר טאַקע דאַרף מען אויפֿדעקן דעם טראָצקיזם אַלס דעם שותּף פֿון פֿאַשיזם. מען דאַרף באַווייזן די מאַסן, דער עיקר די אַרבעטער־מאַסן, אָבער אויך דער אינטעליגענץ, פֿאַרוואָס טראָצקיזם איז אַ פֿיינט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, אַ פֿיינט פֿון די מאַסן, אַ פֿיינט פֿון פּראָגרעס, אַ פֿיינט פֿון די בעסטע אידעאַלן פֿון דער מענטשהייט. מען דאַרף אַרבעטן דערויף, אַז די טראָצקיסטן זאָלן פֿאַרטריבן ווערן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פֿון צווישן אָנשטענדיקע מענטשן בכלל.

עס דאַרף זיין די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון די האָרעפּאַשניקעס אין יעדן לאַנד צו בויען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אַלס אַ סעקציע פֿון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און גיין אַף זיין ליניע פֿון קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם און פֿאַר דער סאָוועטישער סיסטעם.

פופצנטער קאַפּיטל

טראָצקי און די אידן

צום שלוס נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דער באַציאונג פון טראָצקי'ן צו דער לייזונג פון דער אידן־פראַגע אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאַכט זיך, אַז אין ערגעץ האָט ער זיך אַזוי ניט ארויסגעוויזן אַלס דער פאַר־ביסענער פאַרלוימדער, דער באַוואוסטזיניקער העצער קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי אין זיינע לעצטע ארויסטרעטונגען בנוגע די אידן.

אויב עס איז דאָ איין פאַקט, וואָס איז באַקאַנט ניט נאָר די אידן, נאָר אויך אַלע פעלקער איבער דער גאַנצער וועלט, ניט נאָר ראַדיקאַלן, נאָר אויך קאָנסערוואַטיווע מענטשן, אויב עס איז דאָ איין דערשיינונג, וועגן וועלכער עס עקזיסטירן כמעט ניט קיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן — איז דאָס די לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַלע ווייסן, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז מער ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. אַלע ווייסן, אַז די נאַציאָנאַליטעטן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן געקראָגן די פולסטע מעגלעכקייט פון אַ גע־זונטן לעבן. אַלע ווייסן, אַז אָט די מעגלעכקייט דריקט זיך אויס ניט נאָר אין דעם, וואָס עס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע באַגרענעצונגען פאַר די ניט־רוסישע נאַציאָנאַליטעטן, עס זיינען פאַר זיי געגעבן געוואָרן די באַדינגונגען צו אַנטוויקלען זייער אייגענע שפּראַך און זייער אייגענע קולטור, וואָס איז נאַציאָנאַל אין פאָרם און סאָציאַליסטיש אין אינ־האַלט, נאָר אַז די צענטראַלע סאָוועטישע רעגירונג האָט אָנגענומען די ענערגישסטע מיטלען אַף אויפצוהויבן עקאָנאָמיש דעם סטאַטוס פון די מינאָריטעט־נאַציאָנאַליטעטן, אַזוי אַז אויך לויט דעם וואוילזיין פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג זאָלן זיי זיך קענען פאַרגלייכן מיט דער גרויס־רוסישער נאַציע.

אַלע ווייסן, וואָס די סאָוועטן־רעגירונג האָט געטאָן פאַר די אידן. אַפילו די פאַרביסנסטע אידישע געגנער פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן זעלטן געוואַגט צו זאָגן, אַז די סאָוועטישע רעגירונג איז אַנטיסעמיטיש. זיי האָבן זיך געקלאָגט, אַז די סאָוועטישע רעגירונג „פאַרפאָלגט" כלומרשט די אידן אין דעם זין, וואָס זי דערלויבט נישט־קיין חדרים און ישיבות און וואָס די ציוניסטישע אַגיטאַציע איז פאַרבאָטן. אָבער

אויך די, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער אַנטי־סאָוועטישער העצע אַרום די כלומרשטדיקע „פאַרפאָלגונגען", האָבן געמוזט צוגעבן, אַז דאָס ווערט ניט געטאָן צוליב אַנטיסעמיטישע טענדענצן, מיט אַנדערע ווערטער — אַז דאָס איז אַן אַלגעמיינע פּאָליטיק פון דער סאָוועטישער רעגירונג בנוגע אַלע נאַציאָנאַליטעטן, אַלע רעליגיעס, אַלע שאָוויניזמען. אויב עס קומען פאָר אַטאַקעס אױף דער סאָוועטן־רעגירונג אין דער אידישער פּרעסע, איז דאָס מערסטנס אין פאַרבינדונג מיט איר אַלגעמיינער פּאָליטיק. אַז די סאָוועטישע רעגירונג איז ניט נאָר פריי פון אַנטי־סעמיטיזם, נאָר זי באַקעמפט דעם אַנטיסעמיטיזם אױף דעם שאַרפסטן אופן, מוזן צוגעבן אפילו די ביטערסטע שונאים פון דעם לאַנד פון סאָציאַליזם.

וואָס האָט דער איד געוואונען פון דער רעוואָלוציע? וואָס האָבן די אידישע מאַסן באַקומען אין משך פון די צוואַנציק יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער נייער סאָוועטישער מאַכט?

עס איז פאַרשוואונדן דער פּחד. אין יעדן לאַנד, אפילו דאָרט, וואו עס איז פאַראַן אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג, פילט זיך דער איד ניט אינגאַנצן זיכער. אין יעדער דעמאָקראַטישער מלוכה איז פאַראַן אָפענער אַנטיסעמיטיזם. כמעט אין יעדער דעמאָקראַטישער מלוכה זיינען פאַראַן דיסקרימינאַציעס קעגן אידן. וואָס איז שייך דעם גזעל־שאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם, איז ער אַ פאַקט אומעטום. די אידן האָבן מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. די אידן זיינען ניט זיכער מיט זייערע ניט־אידישע שכנים. וועגן די מער רעאַקציאָנערע און דער עיקר פאַשיס־טישע לענדער איז אודאי ניטאָ וואָס צו רעדן. דאָ ווערט דאָס לעבן פון די אידן אַלץ ערגער. דאָ פילן זיי אינגאַנצן ניט קיין באָדן אונטער די פיס. דאָ פילן זיי די שמיץ פון אַ ברוטאַלער בייטש איבער זייערע קערפּערס, איבער זייער לייב און לעבן. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פאַרשוואונדן אָט דער פּחד. די אידן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ווייסן, אַז זיי זיינען גלייך מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. די אידן האָבן ניט מורא פאַר דיסקרימינאַציעס, פאַר רעכטלאָזיקייט, פאַר אַ פאַר־ערגערונג פון זייער לאַגע. זיי ווייסן, אַז כל זמן עס וועט לעבן די סאָוועטישע אָרדענונג, האָבן זיי ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר זייער לעבן, זייער פרייהייט, זייער מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אױף זייער אייגענעם שטייגער. די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אָטעמען פריי, ברייט.

עס זיינען דאָ גלייכע רעכט פאַר אידן און ניט־אידן. עס איז ניט געבליבן מער קיין שפור פון דיסקרימינאַציעס — סיי אין געזעץ, סיי אין דער פּראַקטיק. עס מעגן נאָך לעבן דאָ און דאָרטן פאַרשוינגען, וואָס האָבן מיטגענומען דעם אַנטיסעמיטיזם מיט זיך פון פאַר דער רעוואָלוציע. עס מעג אַפילו זיין אַ נישטיקער פּראָצענט פון דער יוגנט, וואָס האָט באַקומען פון די אַנטיסעמיטישע עלטערן אַן אַנטיסעמיטישן אָנהויך. אָבער די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, דאָרט וואו זי עקזיסטירט, ווערט געפירט אין דער שטיל, בסוד סודות, ווי קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, וואָס ווערט באַשטראָפט אפן שטרענגסטן אופן. מיר האָבן דערלעבט אַ סיטואַציע אין איין גרויסן לאַנד, וואָס פאַרנעמט אַ זעקסטל פון דער ערד, אַז אַגיטאַציע קעגן אידן איז אַגיטאַציע קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. דורך געזעץ און דורך דער פּראַקטיק פונעם לעבן, דורך צוזאַמענאַרבעטן און צוזאַמענוואוינען, דורך דער שול און דעם בוך, דעם טעאַטער און דעם קינאָ, דער ראַדיאָ און אַלע אַנדערע מיטלען פון מענטשלעכן פאַרקער ווערט איינגעפלאַנצט אינעם געדאַנק פונעם יונגן דור, אין זיין טעטיקייט, אין זיין בלוט דער געדאַנק און געפיל וועגן דער גלייכקייט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. דאָס ווערט געטאָן סיסטעמאַטיש, באַוואוסטזיניק, פּלאַנמעסיק. דאָס גייט אריין אין דער פּראָגראַם פון איבערבויען די מענטשן, כדי זיי זאָלן זיין פּאַסיק פאַרן סאָציאַליזם.

עס איז דאָ דער געדאַנק אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז דער וואוילזיין פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט איז די זאָרג פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און פונעם גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד. די רעגירונג האָט פון אָנפאַנג אָן, אַפילו נאָך אין דער צייט פון דעם שאַרפסטן בירגער־קריג, גענומען טריט צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אידישע מאַסן עקאָנאָמיש. די פראַגע פון באַזעצן די אידישע הײמלאָזע, די פראַגע פון פּראָדוקטיוויזירן די אידישע באַפעלקערונג, פון וועלכער אַ גרויסער טייל איז באַשטאַנען פון „לופט־מענטשן” פאַר דער רעוואָלוציע, די פראַגע פון געפינען נענוג באָדן און אַוועקזעצן די אידן אַף דער ערד — דאָס אַלעס האָט די סאָוועטן־רעגירונג געלייזט אין משך פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. עס איז געשאַפן געוואָרן דער קאָמערד, אַ רעגירונגס־אָרגאַן, אין וועלכן עס זיינען אַריינגעגאַנגען אייניקע פון די העכסטע סאָוועטישע פירער. דער צוועק פונעם קאָמערד איז געווען צו באַזעצן אידן אַף דער ערד אַלס קאָלכאָזניקעס. עס איז געשאַפן געוואָרן דער

געזערד — אַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פאַר דעם זעלביקן צוועק, וועלכע נעמט אַריין ניט נאָר אידישע, נאָר אויך מאַסן ניט־אידישע אַרבעטער, סטודענטן, קאָמסאָמאָלצעס, פּיאָנערן, קאָלכאָזניקעס. דער רעזולטאַט פון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט פון אַלע סאָוועטישע אָרגאַנען ווייזט זיך אַרויס אין דעם פאַקט, וואָס עס איז מער ניטאָ קיין אומפּראָדוקטיווע אידן: אידן זיינען ענטוועדער אַרבעטער אין אַלערליי צווייגן פון דער אינדוסטריע, אַריינגערעכנט די שווערע אינדוסטריע, אָדער קאָלעקטיווע פאַרמערס, אָדער פּראָפעסיאָנאַלן — לערער, זשור־נאַליסטן, מלוכה־באַאַמטע, אָדער מיטגלידער פון געווערב־קאָאָפּעראַציע, ד. ה., באַלמעלאָכעס פאַראייניקט אין פּראָדוציר־געזעלשאַפטן, וואָס באַשעפטיקן ניט קיין געדונגענע אַרבעט. די לאַגע פון די אידן ווערט בעסער פון טאָג צו טאָג. די אידן האָבן אויסגעגלייכט די פּלייצעס. די אידן האָבן ענדלעך געפונען אַ היים.

די מלוכה זאָרגט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך און דער אידישער קולטור. אומעטום, וואו עס איז נאָר מעגלעך, ווערט די אידישע שפּראַך געברויכט אַלס רעגירונג־שפּראַך. פאַראַן פינף אידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אין אוקראַינע און קרים, וואו די שפּראַך פון דער פאַרוואַלטונג איז אידיש. פאַראַן אַ גאַנצע ריי סאָוועטן אין שטעט און שטעטלעך אויסער די אידישע ראַיאָנען, וואו די שפּראַך פון דער פאַרוואַלטונג איז אידיש. פאַראַן אַ סך שטעט און שטעטלעך מיט אַ געמישטער אידישער און ניט־אידישער באַפעלקערונג, וואו אידיש איז איינע פון די צוויי אָפיציעלע שפּראַכן. פאַראַן אידישע געריכטן און אידישע מיליציע־באַצירקן דאָרט וואו עס אַז דאָ אַ באַ־דייטנדיקע אידישע באַפעלקערונג. פאַראַן, ענדלעך, די אידישע אויטאָ־נאָמע געגנט (בירא־בידזשאַן), וועלכע וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ אידישער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק ווי נאָר די באַ־פעלקערונג וועט דערגרייכן העכער הונדערט טויזנט.

אויף דער אידישער שפּראַך האָט זיך אַנטוויקלט אַפן חשבון פון דער מלוכה אַ ברייט־פאַרצווייגט און רייך שול־וועזן: עלעמענטאַר־שולן, מיטעלע שולן, העכערע שולן, אינסטיטוטן פאַר אידישער קול־טור, אידישע קאַטעדרעס בא אַלגעמיינע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, אידישע טעכניקומס. עס איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע אידישע פּרעסע, אַ רייכע בליענדיקע אידישע ליטעראַטור, אַ גרויסער מוסטערהאַפטער אידישער טעאַטער. אין בירא־בידזשאַן וואַקסט שנעל דער נייער אידי־

שער ישוב און די נייע אידישע קולטור.

דער מאַן, אונטער וועמעס פירערשאַפט דאָס אַלעס איז פאָר־געקומען, דער מאַן, וואָס האָט בייגעשטייערט מער ווי יעדער אַנדערער פירער אחוץ לענינ׳ען צו דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז חבר סטאַלין.

דאָס איז געווען חבר סטאַלין, וועלכער האָט, נאָך אין 1913, מיט־געאַרבעט מיט לענינ׳ען אין אויסאַרבעטן די פונדאַמענטן פון דער מאַרקסיסטיש־לענינסטישער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דאָס איז געווען סטאַלין, וועלכער האָט, צוזאַמען מיט לענינ׳ען, פאַרעפנט־לעכט אַ גאַנצע סעריע אַרטיקלען אונטערן אַלגעמיינעם טיטל: מאַרק־סיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע״, אין וועלכע ער האָט פאַרטיידיקט די לענינשע פאַרשטענדעניש פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג און האָט געקעמפט קעגן די גרויס־רוסישע אַסימילאַטאָרן און קעגן די פאַר־שיידענע נאַציאָנאַליסטן (צווישן די קאַווקאַזער און צווישן די אידן). עס איז געווען סטאַלין, וועלכער איז, אויף דער אַפּריל־קאָנפערענץ פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי—דער ערשטער אָפענער קאָנפערענץ פון די באָלשעוויקעס נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע פון 1917, אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַריכט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דאָס האָט ער פאָרמו־לירט די באָלשעוויסטישע פּאָליטיק אין די פאָלגנדיקע קורצע סך־הכל׳ען:

> „הייסט עס, אונזער שטאַנדפונקט אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע רעדוצירט זיך צו די פאָלגנדיקע טעזיסן: (א) אָנערקענען פאַר די פעלקער דאָס רעכט אויף אָפּצוטיילן זיך; (ב) פאַר די פעלקער, וועלכע בלייבן אין די גרענעצן פון דער געגעבענער מלוכה, — געגנט־אויטאָ־נאָמיע; (ג) פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — באַזונדערע געזעצן, וואָס גאַראַנטירן זיי פרייע אַנטוויקלונג; (ד) פאַר די פּראָלעטאַריער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון דער געגעבענער מלוכה — אַן איינהייט־לעכער אומצעטיילבאַרער פּראָלעטאַרישער קאָלעקטיוו, אַן איינהייטלעכע פאַרטיי.״ (י. סטאַלין, „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַל־קאָלאָניאַלע פראַגע״, רוסישע אויסגאַבע, ז. 49.)

דאָס איז געווען סטאַלין, וועלכער איז באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע באַשטימט געוואָרן פאַר דעם קאָמיסאַר פון די נאַציאָנאַלי־טעטן און אונטער וועמעס פירערשאַפט עס איז געשאַפן געוואָרן באַם צענטראַלן קאָמיסאַריאַט באַזונדערע קאָמיסאַריאַטן פאַר די פאַרשיידענע פעלקער פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי אויך דער קאָמיסאַריאַט פאַר

דער אידישער נאַציאָנאַליטעט. דאָס איז געווען סטאַלין, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט די סאָוועטישע גרונט־געזעצן פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אַף אַלע געביטן. קיין איינציקע פערזאָן נאָך לענינ'ען האָט אַזויפיל ניט אויפגעטאָן פאַר דער אַרבעט פון אויפקלערן די באַפעלקערונג בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע און אָרגאַניזירן דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פון די מינאָריטעטן אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי דאָס האָט געטאָן סטאַלין. דאָס איז אונטער זיין פירערשאַפט געגרינדעט געוואָרן דער פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן אין 1922. דאָס איז אונטער זיין פירערשאַפט אויסגעאַרבעט געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון דעם פ.ס.ס.ר., וואָס האָט איינגעפירט דעם נאַציאָנאַליטעטן־ראַט אַלס איינעם פון די העכסטע אָרגאַנען פון דער מלוכה. דאָס האָט סטאַלין אויסגעאַרבעט די נייע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע, וואָס גאַראַנטירט נאָך ברייטערע נאַציאָנאַלע פרייהייט.

דאָס זיינען אַלע פאַקטן, וואָס זיינען פאַרשריבן מיט מעשים אין דער סאָוועטישער געשיכטע.

וואָס האָט טראָצקי צו זאָגן וועגן אָט די אומגעהויערע דערגרייכונגען אַפן געביט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק? וואָס האָט טראָצקי צו זאָגן וועגן די אידן?

זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך וועגן זיי ניט געקימערט. העכער דריי צענדליק יאָר האָבן פאַר אים די פראַגן פון די מינאָריטעטן ניט עקזיסטירט. אָבער אָט איז ער געקומען קיין מעקסיקאָ. אַ פאַרטרעטער פון דער אידישער טעלעגראַפן־אַגענטור נעמט בא אים אַן אינטערוויו. און טראָצקי דערציילט זאַכן, וואָס דאַרפן אַרויסרופן דעם שאַרפסטן ווידערווילן אין יעדן אָנשטענדיקן מענטשן, וואָס האָט נאָר אַ שטיקל אַכטונג פאַרן אמת.

„איר פרעגט מיך, אויב עס עקזיסטירט נאָך אַ אידישע פראַגע אין סאָוועט־רוסלאַנד?" זאָגט טראָצקי. „יאָ, זי עקזיסטירט, פּונקט ווי עס עקזיסטירט אַן אוקראַינישע, אַ גרוזינישע און אַפילו אַ רוסישע פראַגע.

„די אַלמעכטיקע ביוראָקראַטיע דערשטיקט די אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, ווי די קולטור אין אַלגעמיין. נאָכמער: דאָס לאַנד פון דער גרויסער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע לעבט איצט איבער אַ פּעריאָד פון טיפער רעאַקציע.

„אויב דער רעוואָלוציאָנערער אויפשטייג האָט אַרויסגעבראַכט די בעסטע געפילן פון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט, האָט די טערמי־

דאריאנישע רעאקציע (אלס טערמידאריאניש ווערט באצייכנט דער פעריאד, ווען עס איז ליקווידירט געווארן דער שטורעם-פעריאד פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע אין סוף אכצנטן יארהונדערט. —מ א.) ארויסגעשטופט אף דער אויבערפלאך אלץ וואס איז נידעריק, שאטנדיק, הינטערשטעליק אין דער סביבה פון 170 מיליאן מענטשן.

„כדי צו פארשטארקן איר הערשאפט, האט די ביוראקראטיע זיך אפילו ניט אפגעשטעלט פון פאראורזאכן א געוויסן טשאד פון שאוויניסטישע טענדענצן און דערהויפט אנטיסעמיטישע.

„דער לעצטער פראצעס אין מאסקווע, למשל, איז געווארן צונויפגעשטעלט מיט דער כמעט אפענער אבזיכט פארצושטעלן די אינטערנאציאנאליסטן אלס אידן און אן גלויבן און אן געזעץ, וואס זיינען פיואיק זיך צו פארקויפן צו דער דייטשישער געשטאפא.

„זינט 1925 און דערהויפט זינט 1926 גייט אן א גוט-קאמופלאזשירטע, כלומרשט אומאטאקירבארע אנטיסעמיטישע אגיטאציע האנט בא האנט מיט סימבאלישע פראצעסן קעגן אפענע פאגראמשטשיקעס.

„. . . די פירער באנוצן זיך מיט א פאכמענישער קונץ צו ווענדן און דיריגירן ספעציעל קעגן די אידן די אומצופרידנקייט, וואס עקזיסטירט קעגן דער ביוראקראטיע.” (אינטערוויו מיט טראצקי'ן, ארויסגעשיקט דורך דער „אטא” פון מעקסיקא סיטי און אפגעדרוקט אין די אידישע צייטונגען דעם 24טן יאנואר 1937.)

אלזא: די „אלמעכטיקע ביוראקראטיע”, ד. ה. די סאוועטישע רעגירונג און די קאמוניסטישע פארטיי, דערשטיקט די אנטוויקלונג פון דער נאציאנאלער קולטור ווי די קולטור אין אלגעמיין! אט זיינען א פאר ציפערן. אין 1914-15 האבן זיך געלערנט אין אנפאנג-שולן און מיטל-שולן פון רוסלאנד 7 מיליאן מיט 800 טויזנט שילער. די שולן זיינען געווען שלעכטע, פון א נידעריקן סארט, מערסטנס, אין די דערפער, „צערקאוונע” שולן, ד. ה. רעליגיעזע קלאסן, וואו דער גלח איז געווען דער לערער. אין 1935-36 איז געווען אין סאוועטן-פארבאנד 25 מיליאן מיט 600 טויזנט שילער אין די עלעמענטארע און מיטעלע שולן. העכערע בילדונגס-אנשטאלטן איז אין 1914-15 געווען אין רוסלאנד 91 מיט א צאל סטודענטן 124 טויזנט מיט 700. אין 1935-36 איז געווען 955 אוניווערזיטעטן און אנדערע אנשטאלטן פון העכערער בילדונג מיט 524 טויזנט 800 סטודענטן. טעכניקומס איז אין 1914-15 געווען 233 מיט 48 טויזנט סטודענטן. אין 1935-36 איז געווען 2,572 טעכניקומס מיט 711 טויזנט און 100 סטודענטן. סטיפענדיעס אף אויסצוהאלטן די סטודענטן פון די אוניווערזיטעטן, טעכניקומס און

אַרבעטער־פֿאַקולטעטן האָבן באַטראָפֿן אין 1931 קנאַפּע 432 מיליאָן רובל, אין 1935 — העכער 1,778 מיליאָן רובל. אין 1913 האָט די רוסישע רעגירונג אויסגעגעבן אַף פֿאָלקס־בילדונג 182 מיליאָן רובל. אין 1935 האָט די סאָוועטישע רעגירונג אויסגעגעבן אַף פֿאָלקס־בילדונג 8,310 מיליאָן רובל. מאַסן־ביבליאָטעקן איז געווען אין 1914 — 12,600. אין 1936 איז געווען 53,400 ביבליאָטעקן. די צאָל ביכער אין אַזוינע ביבליאָטעקן איז אין 1914 געווען 8 מיליאָן מיט 900 טויזנט; אין 1936 איז געווען 105 מיליאָן מיט 300 טויזנט. קלובן און לייען־שטיבלעך איז אין 1914 געווען אַרום און אַרום 200. אין 1936 איז געווען 71 טויזנט מיט 700. מוזייען איז אין 1914 געווען 112, אין 1936 איז געווען 738. פּאַרקן פֿון קולטור און אָפּרו פֿאַר די מאַסן איז אין 1914 גאָרניט געווען. אין 1936 איז געווען 228.

טראָצקי וויל אונז איינרעדן, אַז די סאָוועטישע רעגירונג „דערשטיקט" די אַנטוויקלונג ניט נאָר פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור, נאָר אויך פֿון דער „קולטור אין אַלגעמיין"!

אָט די קאָלאָסאַלע, אומפֿאַרגלייכלעכע קולטורעלע אַנטוויקלונג, וואָס איז אָנגעמערקט אין די אָקאָרשט־געבראַכטע ציפֿערן, איז פֿאָרגעקומען ניט נאָר אין דער גרויס־רוסישער נאַציע, נאָר נאָך מער אין די מינאָריטעט־נאַציאָנאַליטעטן. מיר האָבן דערמאָנט די אידן. דאָ איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע נעץ אַזוינע קולטור־אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן בכלל ניט עקזיסטירט פֿאַר דער רעוואָלוציע. אָט זיינען אַ פּאָר פֿאַקטן וועגן די אַנדערע מינאָריטעט־נאַציאָנאַליטעטן. נעמען מיר ווייס־רוסלאַנד. אין יאָר 1913 האָט ווייס־רוסלאַנד פֿאַרמאָגט 294 טויזנט שילער אין די עלעמענטאַרע און מיטעלע שולן; אין 1935 איז די צאָל שילער אויסגעוואַקסן אַף 949 טויזנט. די צאָל סטודענטן־וויסרוסן אין 1913 איז געווען 200, די צאָל סטודענטן־ווייסרוסן אין 1935 איז געווען 14,000 מיט 600. די צאָל סטודענטן אין טעכניקומס איז פֿאַר דער צייט אויסגעוואַקסן פֿון 2,300 אַף 26,900. נעמען מיר אַרמעניע. אין 1913 איז כמעט אינגאַנצן ניט געווען קיין שולן אַף דער אַרמענישער שפּראַך; אין 1935 איז געווען 1,148 שולן. אין 1923-24 איז געווען 1,100 אַרמענישע סטודענטן אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן. אין 1935 איז שוין געווען 4,500 סטודענטן. אין יאָר 1927-28 איז געווען 241 מאַסן־ביבליאָטעקן; אין 1935 איז געווען 468. די צאָל ביכער אין די ביבליאָטעקן איז אויסגעוואַקסן פֿאַר דער

צייט פון 277 טויזנט אַף 349 טויזנט.

און אזוי גייט דאָס דורך אַלע סאָוועטישע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן. אוזבעקיסטאַן: פאַר דער רעוואָלוציע — קיין שולן אין דער לאָקאַלער שפּראַך, כמעט קיין שום בילדונג פאַר די מאַסן. אין 1923-24 — 73 טויזנט שילער אין די עלעמענטאַרע און מיטעלע שולן, אין 1935 — 676 טויזנט שילער. די צאָל סטודענטן אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן אין 1923-24 — 2,400; אין 1935 שוין 12,600. די צאָל ביכער אין די מאַסן־ביבליאָטעקן אין 1923-24 איז געווען 185 טויזנט; אין 1935 שוין 1,380 טויזנט. די צאָל קינאָ־צענטרען אין 1923-24 — 15; אין 1935 — 614.

מען וואָלט די דאָזיקע ציפערן געקענט פאַרגרעסערן. אָבער זיי זיינען גענוג צו באַווייזן די אומפאַרשעמטע, די העסלעכע פאַלשקייט פון איינעם, וואָס דערקלערט, אַז די סאָוועטישע רעגירונג (ער רופט זי געוויינלעך „די אַלמעכטיקע ביוראָקראַטיע") דערשטיקט די אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור ווי פון דער קולטור אין אַלגעמיין.

פון דעם אַליין קען מען שוין פאַרשטיין, ווי ריכטיק עס איז די מעשה, אַז אַ לאַנד, וואָס לעבט איבער אַזאַ מעכטיקן קולטורעלן אויפשוואונג, אַ לאַנד, וואו עס ווערט געלייענט מער ביכער פּער קאָפּ פון דער באַפעלקערונג, ווי אין וועלכן ניט איז אַנדערן לאַנד אין דער וועלט, אַ לאַנד, וואו די בילדונג איז אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע לויט איר אינהאַלט און אַ נאַציאָנאַלע לויט איר פאָרמע, אַ לאַנד וואו די גאַנצע קולטור שטרעבט צו אַנטוויקלען אין דעם מענטשן זיינע בעסטע און איידלסטע געפילן, וועלכע זיינען אים נויטיק כדי צו קענען בויען דאָס לאַנד און פאַרענדיקן די איינפירונג פונעם סאָציאַליזם, — אַזאַ לאַנד האָט „ארויסגעשטופּט אַף דער אויבערפלאַך אַלץ וואָס איז נידעריק, שאָטנדיק, הינטערשטעליק". און אויב אַזוי קענען מיר שוין לייכט פאַרשטיין, ווי ריכטיק עס איז די געשיכטע מכח דעם, אַז די סאָוועטישע רעגירונג פאַרשפּרייט אַ שאָוויניסטישן טשאַד און אַז זי פירט אַן אַן אַנטיסעמיטישע דעמאַגאָגיע.

אין די אַלע ריידערייען איז דאָ פּונקט אַזויפיל אמת, ווי עס איז דאָ אין דער באָבע־מעשה, אַז די סאָוועטן־רעגירונג איז אָפּן שוועל פון באַנקראָט, אַז דאָס לאַנד איז פאַרביטערט קעגן דער פּאַרטיי און דער רעגירונג און אַז טראָצקי, דער שעדיקער, וואָס רופט אָפּן אין זיינע שריפטן צו אומוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג, איז לחלוטין ניט

שולדיק אין שעדיקעריי און אז די פּראָצעסן קענען זיינע אָנהענגער און אָנגענטן זיינען אַ „פּרעים־אַפּ״.

די רעדאַקציע פונעם „טאָג״ האָט בא טראָצקי׳ן געפּרואווט ארויסקריגן באַווייזן וועגן זיין באהויפּטונג, אַז די סאָוועטישע רעגירונג פארשפרייט אַנטיסעמיטיזם. האָט ער ארויסגערוקט (אין „טאָג״ פאַרן 2טן און 3טן מערץ 1937) אַ צעטל „באַווייזן״, פון וועלכע עס וואָלט געדאַרפט פינצטער ווערן אין די אויגן אַלע זיינע אָנהענגער, ווען זיי וואָלטן נאָך געהאַט די פיאיקייט צו שעמען זיך און צו ווערן רויט.

וואָס זיינען דאָס פאַר אַ „באַווייזן״? ערשטנס דערציילט אונז טראָצקי, אַז עס זיינען נאָך דאָ אַ סך עלעמענטן אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין וועלכע עס איז געבליבן שטעקן דער אַנטיסעמיטיזם פון פאַר דער רעוואָלוציע. אַ דאַנק אים פאַר דער נייעס. אַקוראַט ווי אָן אים וואָלטן מיר דאָס ניט געוואוסט. ער פאַרגעסט אָבער צו דערמאָנען די גרויסע דערציאונגס־אַרבעט, די גרויסע אויפקלער־אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן אין אַלע ווינקעלעך פונעם לאַנד מיט דעם צוועק ניט צו דערלאָזן, אַז אָט די פאַרבליבענע אַנטיסעמיטישע „דאַי־האַרדס״ זאָלן האָבן אַן איינפלוס אַפן לעבן פונעם לאַנד.

ווייטער קומט דאָס אמת׳ע „געדיכטע״. אזוי ווי צווישן די באַאמטע פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָ אַ סך אידן, אַזוי ווי די באַפעלקערונג פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט פיינט די סאָוועטישע באַאמטע, אַזוי ווי „די שנאה פון די פויערים און אַרבעטער צו דער ביוראָקראַטיע איז דער פונדאַמענטאַלער פאַקט פון דעם סאָוועטישן לעבן״, דעריבער איז אומפאַרמיידלעך, אַז די שנאה זאָל אַריבערגעטראָגן ווערן אויך אַף די אידן. אַזוי איז זיך טראָצקי „משער״. אָבער די „השערה״ האָט ניט קיין באָדן. עס איז נישטאָ קיין פיינטשאַפט פון דער גרויסער מאַסע פויערים און אַרבעטער צו די סאָוועטישע באַאמטע און דעריבער איז ניטאָ קיין פיינטשאַפט אויך צו די אידן, סיידן צווישן די פאַרבליבענע פאַרבאַהאַלטענע אַנטיסעמיטן, וועלכע סמייען ניט עפענען אַ מויל און וועמעס צאָל עס ווערט, צום גליק אַלץ קלענער. עס איז שוין ניט ווייט די צייט, ווען פון זיי וועט קיין זכר ניט בלייבן.

אָבער וואַרט — טראָצקי האָט נאָך באַווייזן״. ער האָט אַ סך באַווייזן. ווען מען האָט ארויסגעשטעלט אַ באַשולדיקונג קעגן זיין זון, וועלכער רופט זיך מיטן פסעוודאָנים סעדאָוו, האָט די גע־פּע־או אויך מיטגעטיילט זיין אמת׳ן נאָמען בראָנשטיין. נו, קען דאָ דען זיין אַ

בעסערער באַווייז, אַז מיט אָנרופן אים בראָנשטיין האָט מען געוואָלט פירן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע ?

דאָס איז איינס. צווייטנס, האָט מען געשמועסט אין 1923—1926, אַז טראָצקי'ס נאָכפאָלגער זיינען קליינבירגער פון די „שטעטלעך". אַזוי זאָל סטאַלין האָבן געזאָגט אין יענער צייט, אויב מען זאָל גלויבן טראָצקי'ן. נו, אַזוי ווי „שטעטלעך", ווי עס איז אַלעמען באַקאַנט, זיינען אידישע שטעטלעך, דעריבער קומט טראָצקי צום אויסגעקליגלטן שלוס, אַז סטאַלין האָט כלומרשט געזאָגט, אַז אידן זיינען די נאָכפאָלגער פון טראָצקי'ן. שפּעטער איז צוגעקומען די אָפּאָזיציע פון זינאָוויעוו'ן און קאַמענעוו'ן, האָט „מען" שוין אודאי געקענט זאָגן, דערקלערט טראָצקי, אַז דאָס זיינען „אומצופרידענע אידישע אינטעליגענטן". אַ סימן ? סטאַלין, זאָגט טראָצקי, האָט אין 1927 דערקלערט, אַז „מיר קעמפן קעגן טראָצקי'ן, זינאָוויעוו'ן, קאַמענעוו'ן, ניט דערפאַר וואָס זיי זיינען אידן, נאָר דערפאַר וואָס זיי זיינען אָפּאָזיציאָנערן". אָט אַזוי וויל טראָצקי אַרויסברענגען אַ געשיכטע, אַז סטאַלין האָט געפּרואווט אָנפירן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. סטאַלין, דערציילט טראָצקי, האָט געפונען פאַר נויטיק אַרויסצוטרעטן און זאָגן, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן אידן. דערפון דרינגט טראָצקי, אַז סטאַלין איז אַן אַנטיסעמיט.

דאָס איבעריקע איז נאָך מער לעכערלעך, ווי אָט די כלומרשטע „באַווייזן". עפּעס האָט ער, טראָצקי, אַמאָל געשריבן אַ צעטעלע צו בוכאַרינ'ען. עפּעס האָט איינער אַ ראַדיקאַלער זשורנאַליסט אים, טראָצקי'ן, געשריבן אַ בריוול. און דער עיקר, דער שלאָגנדיקסטער באַווייז: די אַלע פיר טעראָריסטן, וועמען טראָצקי האָט געשיקט פון אויסלאַנד צו דערמאָרדן סטאַלינ'ען און די אַנדערע פירער, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אידן. טראָצקי דערקלערט, אַז די גע־פּע־או האָט „באַוואוסטזיניק אָפּגעקליבן אָט די פיר לויט דעם סימן פון זייער נאַציאָנאַליטעט". עס באַקומט זיך, הייסט עס, אַז ניט טראָצקי האָט געשיקט אַגענטן פון אויסלאַנד, וואָס זיינען צופעליק געווען אידן, נאָר אַז די גע־פּע־או האָט זיך אָנגעטשעפּעט אָן פיר אומשולדיקע מענטשן און האָט ספּעציעל אויסגעקליבן אידן, כדי צו קענען מאַכן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס טראָצקי האָט קיין מעגלעכקייט ניט צו באַשטעטיקן זיינע באַשולדיקונגען מיט קיין איינציקן פאַקט, בשעת די שולד פון די אַגענטן איז באַוויזן געוואָרן

אין אַן אָפֿענעם געריכט מיט פֿאַקטן און דאָקומענטן, וועלכע קיינער האָט ניט געקענט באַשטרייטן און די פֿיר האָבן זיך מודה געווען פֿאַר אַלעמען אין זייער שולד.

אָט אַזוי וועבט דער שעדיקער אַ נעץ פֿון בויך־סברות, פּליאָטקעס, אַנצוהערענישן, דרייעריייען — און קיין איינציקן פֿאַקט, וואָס זאָל באַשטעטיקן זיינע בלוטיקע באַשולדיקונגען, האָט ער ניט געקענט ברענגען. בשעת די פֿאַקטן פֿון דער סאָוועטישער אידן־פֿריינטלעכער און פֿון סטאַלינ׳ס היסטאָרישער אַרבעט פֿאַר די אידן שטייען פֿאַר אַלעמענס אויגן ווי אַ ריזיקער אומדערשיטערלעכער באַרג.

וואָס איז טראָצקי אויסן געווען מיט זיין אינטערוויו און מיט זיינע אַרטיקלען? ער איז אויסן געווען צו דערוועקן אַ פֿאַרדאַכט צווישן די ברייטע אידישע מאַסן קעגן דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. ער איז אויסן געווען אונטערצוגראָבן צווישן די אידישע מאַסן דעם גלויבן, וואָס זיי האָבן געוואונען אין משך פֿון יאָרן, אַז די סאָוועטישע רעגירונג איז אַ גרויסע פֿעסטונג פֿאַר אידישע רעכט, אַז סאָוועטיזם איז די לייזונג פֿון דער אידן־פֿראַגע. ער האָט אויפֿגעהויבן זיין העסלעכע האַנט אַף דעם, וואָס איז הייליק און טייער פֿאַר מיליאָנען אידן איבער דער גאַנצער וועלט. אים האָט ניט געאַרט די געפֿילן פֿון די ברייטע אידישע מאַסן. אים אַרט בכלל ניט דער גורל פֿון די מיליאָנען אידן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. ווי קען ער וועגן דעם זיך קימערן, ווען עס גייט אַריין אין זיינע פּלענער אָפּצוגעבן אוקראַינע אין די הענט פֿון היטלער׳ן, כדי ער זאָל איינפֿירן פֿאַר די דאָרטיקע אידן דעם זעלביקן גיהנום, וואָס ער האָט איינגעפֿירט פֿאַר די אידן פֿון דייטשלאַנד.

אין ערגעץ האָט דער שעדיקער זיך ניט אַרויסגעוויזן אין זיין גאַנצער העסלעכער, אוממענטשלעכער, בעסטיאַלישער געשטאַלט, ווי אין אָט דעם בלבול וועגן די אידן. אין ערגעץ קריכן אַזוי ניט אַרויס די פֿאַשיסטישע נעגל פֿון הינטער דעם מאַנטל פֿון „רעוואָלוציאָנערע" פֿראַזן, ווי אין אָט דעם אָנפֿאַל.

פֿאַר די אידישע מאַסן, ווי פֿאַר די מאַסן פֿון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, דאַרף זיין קלאָר איינס: די טראָצקיסטן דאַרפֿן פֿאַרטריבן ווערן פֿון יעדער אָרגאַניזאַציע. זיי דאַרפֿן פֿאַרטריבן ווערן פֿון צווישן אָנשטענדיקע מענטשן.

פֿאַרטיידיקן דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז די ערשטע אויפֿגאַבע פֿון אַלע די, וואָס ווילן קעמפֿן פֿאַר אידישע רעכט, פֿאַר די רעכט פֿון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן, קעגן פֿאַשיזם, פֿאַר אַ מענטשלעך לעבן.